STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03079

# LIBE, LUKSUS UN KAPITALIZM

Werner Sombart

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

6089

יוסף יאַטשקאָווסקיס
„פאָפולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"
בוך № 2

ווערנער זאָמבאַרט

# ליבע, לוקסוס און קאַפּיטאַליזם

פון דייטש: י. ראַפּאָפּאָרט

וואַרשע — ניו־יאָרק 1929

Printed in Poland

Miłość, Luksus i Kapitalizm
Pop. Nauk. Bibl. Jaczkowskiego

Druk. W. Goldszryft, i S-ka, Pawia 44.

# אינהאַלט:


## דאָס ערשטע קאַפּיטל: די נייע געזעלשאַפט

I. דער הויף 7

II. דאָס בירגערלעכע רייכטום 11

III. דער נייער אַדל 17

## דאָס צווייטע קאַפּיטל: די גרויסשטאָט

I. די גרויסשטעט פון 16, 17 און 18 יאָרהונדערט 35

II. די אַנטשטייונג און די אינערלעכע גלידערונג פון די גרויסשטעט 38

III. די שטאָט-טעאָריעס פון 18-טן יאָרהונדערט 54

## דאָס דריטע קאַפּיטל: די סעקולאריזאַציע פון דער ליבע

I. דער זיג פון אומגעזעצלעכקייט - פרינציפּ אין דער ליבע 63

II. די קורטיזאנע 75

## דאָס פערטע קאַפּיטל: די אַנטוויקלונג פון לוקסוס

I. דער באַגריף און דאָס וועזן פון לוקסוס 88

II. די פירשטלעכע הויפן 95

III. דער אויפקום פון די קאַוואַלירן און געלט-זעק 117

IV. דער זיג פון דער זי 137
1. די אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס-טענדענצן פון לוקסוס 138
2. דער לוקסוס אין דער היים 143
א) דער עס-לוקסוס — ב) דער וווין-לוקסוס
3. דער לוקסוס אין דער שטאָט 155

## דאָס פינפטע קאַפּיטל: די געבורט פון קאַפּיטאַליזם פון דעם לוקסוס

I. די ריכטיקע און פאַלשע פּראָבלעם-שטעלונג 163
II. דער לוקסוס און דער האַנדל 172
1. דער גרויסהאַנדל 172
2. דער לאחדים-האַנדל 186
III. דער לוקסוס און די לאַנדווירטשאַפט 196
1. אין אייראָפּע 196
2. אין די קאָלאָניעס 203
IV. דער לוקסוס און די אינדוסטרי 208
1. די באַדייטונג פון די לוקסוס-אינדוסטריען 208
2. די ריינע לוקסוס-אינדוסטריען 213
א) די זיידנאינדוסטרי—ב) די שפּיצנאינדוסטרי — ג) די שפּיגל-פאַבריקאַציע — ד) די פּאָרצעליי-אינדוסטרי — ה) פאַרשידענע אינדוסטריען
3. די געמישטע אינדוסטריען 222
א) די וואָל-אינדוסטרי—ב) די לייַנענאינדוסטרי—ג) די שניידעריי—ד) לעדעראַרבעטער (שוסטערס, זאָטלערס, גאַרבערס) — ה) הוטמאַכעריי—ו) בוי-אינדוסטרי—ז) קאָטשנמאַכעריי, טאַפּעצירעריי— ח) סטאָלעריי
4. די רעוואָלוציאָניזירנדיקע קראַפט פון לוקסוס-קאָנסום 241

# דאס ערשטע קאפיטל:

# די נייע געזעלשאפט

## מקורים און ליטעראטור

די געשיכטע פון הויף (I) איז די געשיכטע פון די מלוכות. ספּעציעלע אָפּהאַנדלונגען זענען מיר נישט באַקאַנט. כ׳וויל דאָ אָבער אויפמערקזאַם מאַכן אויף היינריך לאַובעס „פראַנצויזישע קעניגלעכע שלעסער“. דאָסדאָזיקע כמעט אומבאַקאַנטע קליינע בוך (3 בענדער, 1840), געהער צו די לעבעדיקסטע געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען. עס גיט אַ סך קלערערן בילד וועגן די פאַרהעלטענישן אין פראַנצויזישן הויף, ווי די גרעסטע טייל דיקע געשיכטעס (אפילו מיט ראַנקען צוזאַמען). לאַובע מאַכט דעם פרווו, דורך יעדן איינעם פון די באַרימטע קעניגלעכע שלעסער לעבעדיק מאַכן די גאַנצע געגעבענע עפּאָכע, און דורכדעם האָט ער געשאַנקען פראַנקרייך אַ פּאַראַלעל-ווערק (בזעיר-אנפּין) צו ג. פּראַיטאַגס „בילדער פון דער דייטשער פאַרגאַנגענהייט“. די „היסטאָריקער“ וועלן זיך מיט רעכט באַציען בריגגשעציק צו אים.

די אַנטשטייונג פון בירגערלעכן רייכטום (II) האָב איך צום ערשטן מאָל פּרובירט שילדערן אין מיין „מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם“

די געשיכטע פון דער אומבילדונג פון די העכערע קלאסן אין דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע (III), וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דאָזיקן קאַפּיטל, האָט אַן אויסערלעכע און אַ אינערלעכע זייט: די אויסערלעכע זייט ווייזט אונז גאָר די גענעאַלאָגישע געשעעניש, און דידאָזיקע פאַרמאָגן אַ גרויסע ספּעציאַל-ליטעראַטור פון פאַמיליען-געשיכטלעכע ווערק, מיט וועלכע ענגלאַנד איז באַזונדערס רייך.

וועגן די ראנג-פארהעלטעניסן: ש.ר.דאד: האנטבוך פון ראנג-פארהעלטע. ניסן א. א. וו. (ענגליש, 1842); וועגן די מלוכה-רעכטלעכע און פאליטישע פראבלעמען: ר. גנייסט, אדל און ריטערשאפט אין ענגלאנד, 1853, און די ווערק, וואס ווערן דארט דערמאנט.

די פראנצויזישע גענעאלאגישע ליטעראטור איז ווייט נישט אזוי רייך ווי די ענגלישע. פון ווערק פון אלגעמיינעם כאראקטער קומט דא קודם כל אין באטראכט דער „ווערטערבוך פונם אדל" (פראנצ.) פון ד'אציע.

דערפאר איז די סאציאל-געשיכטלעכע מאנאגראפישע ליטעראטור נישט דער ערך רייכער: אזעלכע ווערק, ווי פון נארמאן, טיריאן, באנעפע, וועלכע כ'וועל נאך נישט איינמאל דערמאנען, פארמאגט נישט קיין שום אנדער לאנד.

אין דידאזיקע דערמאנטע ווערק ווערט שוין באריררט אויך די צווייטע זייט פון דער פראבלעם: די סאציאל-פסיכאלאגישע, ווי מ'קען זי אנרופן. אבער א אלך-ארומנעמענדיקע אפהאנדלונג פון די איבערלעבע נגדערונגען, וועלכע זענען פארגעקומען אין די העכערע קלאסן אין משך פון די לעצטע יארהונדערטן, איז מיר נישט באקאנט. דעם באווייז-מאטעריאל פארן דאזיקן פונקט זענען מיר נאך געצוווגגען צוזאמענצונעמען פון אלע ליטעראטור-געביטן. באזונדערע ליטעראטור-אנווייזונגען זענען דעריבער נישט נויטיק. אין די ציטאטן וועט דער לייענער געפינען א געוויסע צאל אנגעמערקטע ביכער, וועלכע וועלן אים קענען געבן גענויערע ידיעות.

## 1. דער הויף

די אַנטשטייונג פון גרעסערע פירשטלעכע הויפן אין דעם זין, וועלכן מיר גיבן היינט צו׳דעמדאָזיקן וואָרט, איז געווען אַ רעזולטאַט און דאַן פון איר זייט אויך אַ אַנטשיידנדיקע סיבה פון די ענדערונגען, וועלכע די מלוכה־אָרדנונג און דאָס מיליטער־וועזן האָבן דורכגעמאַכט ביים סוף מיטלאַלטער.

אויך דאָ, ווי אויף אַ סך אַנדערע געביטן, זענען די פאָרגענגער און פאָרבילדער פון דער שפּעטערער אַנטוויקלונג געווען די קירכלעכע פירשטן. ס׳קען זיין, אַז אַוויניאָן איז געווען דער ערשטער „מאָדערנער" הויף, ווייל דאָ האָבן זיך צום ערשטן מאָל דויערהאַפט צענויפגעטראָפן און געגעבן דעם טאָן די ביידע פּערזאָנען־גרופּעס, וועלכע האָבן אין די פאָלגנדיקע יאָרהונדערטער אויסגעבילדעט דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן די הויף־געזעלשאַפט: אַדללייט, וואָס זייער איינציקער באַרוף איז צו דינען די אינטערעסן פון הויף, און שיינע פרויען, „וואָס טיילן זיך תמיד אויס דורך זייערע מאַניערן און גייסטרייכקייט", וועלכע האָבן אין אַ גרויסער מאָס (ווי מיר וועלן דאָס נאָך בעגעגענען ביי אַן אַנדער געלעגנהייט) אַרויפגעדריקט זייער שטעמפּל אויפן לעבן און אויף די האַנדלונגען. די באַדייטונג פון אַוויניאָנער עפּיזאָד איז קודם כל באַשטאַנען אין דעם, וואָס צום ערשטן מאָל האָבן זיך דאָ אַרום ראש פון דער קירכע פאַרזאַמלט די גייסטלעכע „גרויסע הארן" (Grands Seigneurs) פון כמעט גאַנץ אייראָפּע און דאָ פאַנאַנדערגעוויקלט

דייער גלאַנץ, ווי יאָהאַן XXII האָט דאָס אונז בילדלעך געוויזן אין זיין דעקרעט Etsi deceat.

אַז אין משך פון 15-טן און אין די ערשטע יאָרן פון 16-טן יאָרהונדערט איז דער הויף פון די רוימישע פויפסטן צוזאַמען מיט די פויפסטלעכע ניפּאָטן*) געווען דער גלאַנצפּולסטער און געגאָלטן אַלס מוסטער פון פרייען טאָן (וועלכער האָט אַרויסגערופן די באַגייסטערונג פון אַ עראַזמוס), פון פּראַכט און פון הויפישע זיטן, איז אונז באַקאַנט: דער „קאָרטעדזשיאַנאָ ראָמאַנאָ" (דער רוימישער הויף-מאַן) איז געווען אַם נאָענטסטן צום אידעאַל-בילד, וועלכן קאַסטיגליאָנע האָט אָנגעוואָרפן פון אַ הויפמאַן פון זיין צייט. מיר וועלן נאָך שפּעטער זען, ווי אַזוי דער וועלטלעכער גלאַנץ האָט גראָד דאָ אין רוים דער-גרייכט זיין גרעסטע אַנטוויקלונג אין דער הערשאַפטס-צייט פון די גרויסע רענעסאַנס-פויפסטן.

פון די פויפסטלעכע הויפן האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין די הויפן פון די איבעריקע איטאַליענישע פירשטן. איינער פון די עלטעסטע פירשטלעכע הויפן, וואָס האָט געהאַט אַ מאָדערנעם אויסזען, איז געווען דער הויף פון אַלפאָנס פון נעאַפּאָל, וועגן וועלכן מ'האָט געזאָגט, אַז מער פאַר אַלץ אין דער וועלט האָט ער ליב „דעם רום, דעם גלאַנץ און דעם שיינעם מין". אויך די הויפן פון מיילאַנד, פון פעררארא און פון אַנדערע קליינע רעזידענצן פירן שוין אין 15-טן יאָרהונדערט אַ לחלוטין מאָ-דערנעם לעבן. ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס גראָד אין אי-טאַליע האָבן זיך צום ערשטן אַנטוויקלט די גרונטשטריכן פון דאָזיקן לעבן, ווייל דאָ זענען צום ערשטן רייף געוואָרן די באַדינגונ-גען דערצו: דער אונטערגאַנג פון ריטערטום, דאָס באַזעצן זיך פון אַדל אין שטאָט, די אויסבילדונג פון דער אַבסאָלוטער מלוכה, די ווידערגעבורט פון די קונסטן און וויסנשאַפטן, גע-זעלשאַפטלעכע טאַלאַנטן, אַ גרעסערע פאַרמעגלעכקייט א. א. וו.

אָבער אַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון הויף-ווערזן האָט באַקומען די אויסבילדונג פון אַ מאָדערנעם הויף

*) פויפסטלעכע קרובים-פאַוואָריטן. (איב.)

אין דעם אַ סך גרעסערן און מעכטיקערן פראַנקרייך, וועלכעס איז פון סוף 16־טן און אין משך פוןביידע ווייטערדיקע יאָרהונדערטן געוואָרן דער אומבאַשטריטענער טאָן־געבער אין אַלע אַנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום הויף־לעבן.

דער גרינדער פון פראַנצויזישן הויף איז פראַנץ דער I. אמת, לודוויק דער XI האָט שוין אַריינגעבראַכט אַ גרויסע ענדערונג מיט דעם, וואָס ער האָט זיינע אָפיצירן פון קעניגלעכן הויז (Officiers de la maison) געגעבן דעם טיטל אָפיצירן פון פראַנקרייך (Officiers de France) און אַזוי אַרום אידענטיפיצירט דאָס קעניגלעכע הויז מיט פראַנקרייך. דורך זיין דאָזיקן שריט האָט ער אויסגעטראָטן אַ וועג פאַרן הויף, וועלכער האָט פריער געקענט עקסיסטירן בלויז אַלס פריוואַטע געזעלשאַפט. אָבער ערשט פראַנץ I האָט געשאַפן דעם הויף, און געשאַפן האָט ער אים דורכדעם, וואָס ער האָט געהאָלפן די פרויען קומען צו דער מאַכט. ער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: אַז אַ הויף אָן פרויען איז געגליכן צו אַ יאָר אָן פרילינג, צו אַ פרילינג אָן רויזן. דעריבער האָט ער צוגעצויגן צום הויף די אַדעלע פרויען, וועלכע פלעגן פריער אָפטרויערן זייער לעבן אין די אַלטע, גראָע טורעמס פון זייערע פעסטונגס־שלעסער. ער האָט דעם הויף געשאַפן מיט אַלע מיטלען פון קלוגן דעספּאָטיזם און גרעסטער פראַכט, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון לאַנד און אַלץ וואָס האָט אַ נאָמען אין לאַנד האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום קעניג. „זיין מוטער האָט אָנגעפירט מיטן דאָזיקן גרויסן קאַראַהאָד־טאַנץ, זי פלעגט אויסזוכן די שיינע מיידלעך, די שוועסטער מאַרגאַרעטאַ האָט צוגעגעבן אַן אַנדער געווירץ, די שפּיל פון דער פאַנטאַזיע און פון וויציקן גייסט, און פראַנץ האָט איבער אַלץ אויסגעשפּרייט דעם גלאַנץ פון פאָרמען אין רוים און פייערלעכקייטן". אויף אַזאַ אופן איז מיט די ווייבער אויפגעקומען די אינטריגע און די גאַלאַנטעריע און (וואָס מיר וועלן נאָך שפּעטער גענויער באַטראַכטן) דער לוקסוס. דאָס, וואָס פראַנץ I האָט געגרינדעט, האָבן שפּעטער די גרויסע לודוויקס אויסגעבויט ביז צו גיגאַנטישע פאָרמען.

אויף ווי ווייט דידאָזיקע גאַנצע וועלט האָט באַזירט אויף דער הערשאַפט פון דער פרוי, קען מען זען פון איר אויסזען, און די צייט-עדות באַשטעטיקן דאָס.

איך ברענג דאָ די מיינונגען פון צוויי מענער: איינעם פון דעם אָנהויב, און דעם צווייטן — פון סוף פון דער דאָזיקער הויפיש-ווייבערישער צייט, וועלכע, זייענדיק לחלוטין פאַרשידן איינער פון צווייטן, האָבן צווישן זיך דאָס איינע געמיינזאַמע, וואָס זיי זענען אָן ספק אין דער לאַגע אַרויסצוטראָגן אין די-דאָזיקע פראַגן אַ קאָמפעטענטן אורטייל: סוללי און מערסיע.

„ס׳איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף אַ סך אַדללייט, מיט וועלכע עס זענען פול דער הויף און די שטאָט, כדי איינצוזען, אַז זיי פאַרמאָגן קיין שפור נישט פון יענער פשוטער, מענלעכער און קרעפטיקער טוגנט, וועלכע האָט אויס-געצייכנט זייערע אבות; קיין שום געפילן נישט; קיין ברעקל פעסטקייט פון גייסט; אַ צעשטרייטער און לייכטזיניקער אויס-זען; אַ ליידנשאַפט צו שפיל און זנות; גיבן זיך אָפּ מיט צי-רונג; ראַפינירטקייט בנוגע פאַרפומען און אַלע אַנדערע מיטלען פון פאַרצערטלטקייט: עס דאַכט זיך, אַז זיי ווילן איבערשטייגן אין דעם די פרויען". סוללי, מעמואַרן, 4, 16.

„מ׳האָט זיי (— די אַדעליקע —) צעטומלט דורך דער גאַנצער פּאָמפּע, וואָס רינגלט אַרום די הויפן; מ׳האָט איינגע-אָרדנט פּייערלעכקייטן כדי זיי צו פאַרווייכלעכן; די פרויען, וועלכע האָבן געלעבט אין איינזאַמקייט און זיך אָפּגעגעבן מיט פליכטן פון הויזלעכערווירטשאַפט, פילן זיך באַפרידיקט אין זייער אייגנליבע, וואָס זיי ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט; זייער קאָקעטעריע, זייער נאַטירלעכע אַמביציע האָבן דורכדעם געפונען אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן; זיי האָבן געגלאַנצט אין דער נאָנט פון טראָן אַדאַנק זייערע רייצן. ס׳איז נויטיק געווען, אַז זייערע קנעכט זאָלן זיך נישט דערווייטערן פון אָרט, ווו עס געפינט זיך זייער מאַכט; זיי זענען גע-וואָרן די קעניגינס פון דער געזעלשאַפט און

די געזעצגעבער פון געשמאַק און פון פאַר־געניגנס... זיי האָבן באַרישקייטן פּאַרוואַנדלט אין וויכטיקע געשעענישן; זיי האָבן געשאַפן דעם קאָסטיום, דעם עטיקעט, די מאָדעס, די צירונג, די אויסצייכענונגען, די לעכערלעכע קאָנ־ווענאַנסן..." מערסיע, אַ בילד פון פּאַריז (1783), I, 21.

די איבעריקע אייראָפּעישע הויפן האָבן אָדער נישט גע־האַט קיין באַדייטונג פאַרן גאַנג פון קולטור־לעבן, אָדער זיי זענען געווען קאָפּיעס פון פראַנצויזישן הויף. דאָס איז באַזונ־דערס גילטיק אויך פאַרן ענגלישן הויף, וועלכער איז אייגנט־לעך געגרינדעט געוואָרן ערשט אין דער צייט פון די סטואַרטס. נאָך אין די צייטן פון הײַנריך VIII האָט געשריבן אַ בן־דור: „יעדער אַדלמאַן אַנטלויפט אויפן לאַנד. ווינציקע וווינען אין די שטעט; ווינציקע לייגן אַכט אויף זיי". אויך דער הויף פון דער קעניגין עליזאַבעט איז נישט געווען דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער אַ מאָדערנעם הויף, וואָס זיין קלאַסישע פאָרם איז דער פראַנצויזישער: עס האָט אים געפעלט דאָס וויכטיקסטע: די הערשאַפט פון דער פרוי. דאָס קלינגט, אמת, פּאַראַדאָקסאַל, ווייל אויפן טראָן איז דאָך געזעסן אַ פרוי. אָבער דאָס ווערט גלייך פאַרשטענדלעך, ווי נאָר מיר מאַכן זיך קלאָר, אַז די הערשאַפט פון דער פרוי איז קודם כּל געגרינדעט געוואָרן דורך דער הערשאַפט פון דער אומגעזעצלעכער פרוי. וועגן דעם וועלן מיר אָבער ריידן שפּעטער.

## II. דאָס בירגערלעכע רײַכטום

אויף אַן אַנדער אָרט האָב איך אויספירלעך אויפגעוויזן, ווי אַזוי אין משך פון מיטלאַלטער און אין די ווייטערדיקע יאָרהונדערטער איז פון טויזנט קוואַלן אַרויסגעפלאָסן אַ ניי

רייכטום, וועלכן מיר קענען אָנרופן אין קעגנזאַץ צום פעאָדאַלן — דאָס בירגערלעכע רייכטום. די אויספירן, צו וועלכע מיר זענען דאָרט געקומען, וועגדן מיר אָן דאָ, כּדי מיט זייער הילף צו דערגיי, ווי אַזוי עס ענדערט זיך ראַדיקאַל, אַלס פּועל-יוצא פון דערדאָזיקער רייכטום-אויסבילדונג, די סטרוקטור פון דער אַלטער געזעלשאַפט, ווייל די אויבערשיכט פון דער באַפעלקערונג, וועלכע געפינט זיך אונטער די פירשטן און טיילט אָפּ די שפּיצן פון דער misera contribuens plebs, באַקומט אַ גאַנץ אַנדער צוזאַמענשטעל. צום דאָזיקן ציל איז גענוג, מיר זאָלן געבן אין אַ כראָנאָלאָגיש-היסטאָרישער אָרדענונג דיזעלבע פאַקטן, וועלכע מיר האָבן פריער סיסטעמאַטיש צוזאַמענגעשטעלט; ס'איז גענוג, מיר זאָלן זיך די באַקאַנט-געוואָרענע אַבסטראַקטע מעגלעכקייטן פון שאַפן פאַרמעגנס פאָרשטעלן אין זייער סאָציאַלער קאָנקרעטקייט. דאַן באַקומען מיר אומגעפער פאָלגנדיקן בילד וועגן יענער אויסבילדונג פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אויבערשיכט.

דער גאַנצער רייכטום פון פריען מיטלאַלטער באַשטייט כּמעט אויסשליסלעך פון באָדן-באַזיץ; יעדנפאַלס זענען אַלע רייכע מענטשן גרונטבאַזיצער; און די גרויסע גרונטבאַזיצער בילדן אויס (אויף וויפל עס קומט נישט אין באַטראַכט די קירכע) דעם אַדל. קיין רייכע בירגער זענען אין יענער צייט כּמעט ווי נישטאָ. זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ פאַרשווינדנדיקן יוצא מן הכּלל.

אָנהויבנדיק פון 13-טן און 14-טן יאָרהונדערט ענדערט זיך די לאַגע: דאַן מערן זיך שנעל די גרויסע פאַרמעגנס, וועלכע זענען אַנטשטאַנען נישט דורך פעאָדאַלע ריטער-לעהען, מיט איין וואָרט: די גרויסע געלט-פאַרמעגנס און דער עיקר אין איטאַליע. דאָס איז די צייט, ווען עס הויבט זיך אָן די אויסרויבונג פון אָריענט, ווען עס זענען וואַרשיינלעך אַנטדעקט געוואָרן אין אַפריקע רייכע שיכטן מיט איידלמעטאַלן, ווען די אויסוואַקסונג פון די גרויסגרונטבאַזיצער און באַזונדערס פון די רייכע פירשטן האָט אָנגענומען אַ ברייטן מאַסשטאַב.

דאָס, וואָס איטאַליע לעבט איבער אין 13-טן און 14-טן יאָרהונדערט, לעבט איבער דייטשלאַנד אין 15-טן און 16-טן. דאַן קומט אויף דאָס גרויסע רייכטום אין די אויבערדייטשע שטעט, אַלס רעזולטאַט פון אַנטדעקן די בעהמיש-אונגאַרישע גאָלד- און זילבער-גרובן, דערנאָך אויך פון די אַמעריקאַנער זילבער-אוצרות, און פון די גרויסע פינאַנס-געשעפטן, וואָס אַנטשטייען אַדאַנק דידאָזיקעביידע געשעענישן; עס קומט אָן דער „צייט-אַלטער פון די פוגגער״.

אין 17-טן יאָרהונדערט קומט אָן האָלאַנדס ריי: זי באַסיי-ליקט זיך אין דער אויסרויבונג פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און אַנטדעקט נייע רייכטום-מקורים אין וויטן מזרח: מיט דער הילף פון צוואַנג-האַנדל, רויב און שקלאַפעריי צווינגט זי די אָריענט-פעלקער, זיי זאָלן איר צאָלן צינז.

אין 17-טן יאָרהונדערט הויבט זיך אויך אָן אויסצובילדן דאָס רייכטום אין פראַנקרייך און ענגלאַנד. אָבער ביזן סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט דאָס „בירגערלעכע״ רייכטום פון דידאָזיקע צוויי לענדער נישט אַריבערגעטראָטן געוויסע, פאַרהעלטנישמעסיק ענגע גרענעצן. די פינאַנצ-געשעפטן, די כמעט איינציקע קוועלע פון וועלכער עס זענען די אַרויסגע-פלאָסן די גרויסע פאַרמעגנס, נעמען דאָך אָן אַ ברייטן מאַסשטאַב ערשט צום סוף פון לודוויק XIV-טנס רעגירונגס-צייט און נאָך דער רומרייכער רעוואלוציע.

דאָס ווערט בולט, ווען מיר באַקענען זיך מיט דער איינציקער הכנסה-שאַצונג, וועלכע מיר באַזיצן פון יענער צייט: די באַקאַנטע אויסרעכענונג פון גרעגאָרי קינג פאַרן יאָר 1688. לויט דערדאָזיקער באַרעכענונג האָט די „דורכשניט-הכנסה״ פון אַ „גרויסן סוחר און הענדלער אויפן ים״ דערגרייכט נישט מער, ווי 400 פונט שטערלינג, און פון אַ „גרויסן סוחר און הענדלער אויפן לאַנד״ בלויז 200 פונט שטערלינג; די צאָל פון די ערשטע שעצט קינג אויף 2000, פון די לעצטע — אויף 8000. קעגן דידאָזיקע „בירגערלעכע״ עלעמענטן שטייען אָבער די פאָל-גנדיקע פאַרטרעטער פון גרונטבאַזיץ:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 160 וועלט. לאָרדן מיט אַ דורכשניטלעכער יאָר-הכנ. פון | | | | 2800 | פ.ש. |
| 26 גייסטלעכע לאָרדן | " | " | " | 1300 | " |
| 800 באַראָנעטן | " | " | " | 880 | " |
| 600 ריטערס | " | " | " | 650 | " |
| 3000 וואָפּנטרעגער | " | " | " | 450 | " |
| 12000 דזשענטלמענס | " | " | " | 280 | " |

אמת, צווישן דידאָזיקע האָבן זיך שוין געמוזט געפינען געוויסע פאָרשטייער פון נייעם רייכטום. אָבער איך בין איבער־צייגט, אַז ווען גרעגאָרי קינג וואָלט צוגעטראָטן צו זיין שאַצונג נישט מער, ווי מיט 30 יאָר שפּעטער, וואָלט ער באַשטימט דערמאָנט די ראַש־דערוואָרבענע רייכטימער פון די בירזשע־שפּעקולאַנטן און פון די דרום־ים־שווינדלער, וועלכע האָבן אין משך פון צווייטן יאָרצענדליק פון נייעם יאָרהונדערט געשאַפן אַ גאַנץ נייעם טיפּ רייכטום: צווישן די דירעקטאָרן פון דער דרום־ים־געזעלשאַפט, וואָס איר פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן, האָבן פאַרמאָגט:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 2 | אַ פאַרמעגן פון איבער | 200.000 | פּ. ש. | (צו 243.000 פּ. ש.) |
| 5 | פאַרמעגן צווישן 100 און | 200.000 | פּ. ש. | |
| 5 | " " 50 און | 100.000 | פּ. ש. | |
| 10 | " " 25 און | 50.000 | פּ. ש. | |

די הכנסה־ און פאַרמעגנס־ציפערן, וועלכע מיר געפינען ביי דעפאָ, האָבן שוין אַ גאַנץ אַנדער אויסזען. אין מידזש־באָלטאָן פון 1745 ווערט שוין איינגעשאַצט די דורכשניט־הכנסה פונם דזשענטלמען אויף 500 פּ. ש. (ז. 157).

מיר ווייסן גענוי די סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צו דער גרויסער איבערקערעניש: דאָס בראַזיליאַנישע גאָלד און די מלחמות פון לודוויק XIV־טן, וועלכע האָבן צוזאַמען געבראַכט אויף דער וועלט די גרויסע פינאַנס־און ליפערונגס־געשעפטן און די שפּעקולאַציע: דידאָזיקע דריי וויכטיקסטע קוואַלן פון גרויסע פאַרמעגנס אין דער נייער צייט.

(סאַראַ רייכטימער עס האָבן דאָס געמוזט דערוואַרבן ווערן ביים אַרויסלאָזן די אַקציעס פון אַזעלכע געזעלשאַפטן, ווי דער הודסאָן בעי קאָ. אָדער פון דער אַפריקאַנישער געזעל-שאַפט, וועמעס אַקציעס ס'זענען איך משך פון אַ קורצער צייט געשטיגן פון 100 אויף 480, כדי דערנאָך אַראָפצוזינקען ביז 200 — פון די „פּאַרדינסטן”, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן ביים דרום-ים-רומל איז דאָך שוין אָפּגערעדט !)

ערשט איצט שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך אין אַ גרעסערע צאָל בירגערלעכע, ד. ה. באַוועגלעכע פאַרמעגנס, וועלכע קענען זיך שטעלן אין איין שורה מיט די פאַרמעגנס פון אונזער צייט: מיט דער אַנטדעקונג פונם בראַזיליאַנישן גאָלד ווערט פאַרענדיקט דער זילבערנער פעריאָד פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און עס הויבט זיך אָן זיין גאָלדענער פעריאָד.

פונקט ווי ענגלאַנד, באַמערקן מיר אויך אין פראַנקרייך, ווי ביים סוף פון 17-טן יאָרהונדערט ווערט געמאַכט דער שפּרונג אין רייכטום. אדרבה, דאָ קענען מיר נאָך דייטלעכער נאָכפאָלגן די איבערקערעניש, ווייל מיר האָבן פאַר זיך גענויערע ציפערן. איך ברענג דאָ אַ ריי נישט ספּעציעל-צוגעקליבענע ידיעות וועגן דעם רייכטום פון די פראַנצויזישע פינאַנסיסטן (ד. ה. פון די פּאַר-שטייער פון די נייע פאַרמעגנס) און כ'גיב צו אַלס הוספה אייניקע אַנדערע ציפערן:

אַ לאַנד-אַדלמאַן האָט צענויפגעשטעלט פאָלגנדיקע רשימה פון די סכומים, אויף וועלכע עס זענען אין זיין פאַמיליע גע-שלאָסן געוואָרן חתונה-אָפּמאַכן:

| | | |
|---|---|---|
| פלאָרינס | 300 | 1433 |
| „ | 1000 | 1477 |
| „ | 1200 | 1534 |
| גאָלד-עקיוס | 1200 | 1582 |
| ליווער | 7500 | 1613 |
| „ | 16000 | 1644 |
| „ | 15000 | 1677 |

| | |
|---|---|
| 1707 | 44.000 ליוור |
| 1734 | 360.000 „ |
| 1765 | 150.000 „ |

(ציטירט ביי ש. דע ריבבע, די פאַמיליעס (פראנצ.) און אַ. וו. 2 [1874], 125).

וויפל די רייכע טורקאַרעטס*) פלעגן געבן נדן זייערע טעכטער אין 18-טן יאָרהונדערט, דערוויסט מען זיך פון פאָלגנדיקע ציפערן:

לאַ ליוו דע בעלקאַרד: יעדע טאָכטער 300.000 ליוור אין מזומנים און פאַר 10.000 ליוור ברילליאַנטן;

לאַ מאַססאָן: 1.700.000 ל.;

אַנטואַן קראָזאַט: 1.500.000 ל. (חוצדעם 50.000 ל. „טרינקגעלט" פאַר דער שוויגער: די מאַרקיזן דע בויאָן);

סאַמ. בערנאַרד: 800.000 ל.;

אַלליוויע, באַראָן דע סענאָזאַ (ער האָט נאָך פונדעסטוועגן אַליין געהאַנדלט מיט האָזנפעל): 1.100.000 ל. אין מזומנים און 100.000 ל. אין מעבל;

האָדרי: 400.000 ל.;

לאַ רעניער: 600 000 ל. תּיכף ומיד און 200.000 ל. אין קורצע ראטעס.

דידאָזיקע ציפערן פאַרחידושן אונז נישט, ווען מיר באַקענען זיך מיט די רוחים און די פאַרמעגנס פון יענע ניי-אויפגעקומענע גבירים:

| | | |
|---|---|---|
| ווינצענט לע בלאַן פאַרדינט | 17 | מיל. ליוור. |
| ה' דע סען-פאַרזשאָ | 28 „ | „ „ |
| מאַרקיז דע לאַ פעי | 20 „ | „ „ |
| ה' דע שאַמאָן | 127 „ | „ „ |
| ס. בערנאַר פאַרדינט העכער | 100 | „ „ |
| קראָזאַט | 100 „ | „ „ |

פיאָן דע ווילעניור (געש. 1753 י.) לאָזט איבער א ירושה פון 40 מיל. ליוור.

*) טורקאַרעט, א העלד פון א פראנצויזישער קאָמעדיע, א פינאנצ-פאַכטער, א סינאָנים פון א פינאנצ-מאן א בלוט-זויגער (איב.)

פעראָנדע מאַראַס לאָזט איבער אַ ירושה פון 12—15 מיל. ל.

דאַנזשע לאָזט איבער אַ ירושה פון 13 מיל. ליוור.

טורנעהעם (דער אדאפּטיוו-פאָטער פון דער פּאַמפּאַדור) לאָזט איבער אַ ירושה פון 20 מיל. ליוור.

די ברידער פּאַריס פאַרדינען ביי איין-איינציקן עמיסיע-געשעפט 63 מיל. ליוור א. אַז. וו.

(דידאָזיקע ציפערן האָב איך צונויפגענומען פון מאַטעריאַל, וועלכן טיריאָן ברענגט אין זיין אויבנדערמאָנט בוך).

אַוודאי איז די מערהייט פון דידאָזיקע סומעס איבערגע-טריבן (פּונקט ווי אויך היינט, למשל, זענען די ידיעות וועגן דער עשירות פון די אַמעריקאַנער מיליאַרדערן איבערגעטריבן). אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין: זיי זענען אַ זיכערער באַווייז, אַז דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן ריזיקע פאַרמעגנס. דערדאָזיקער פאַקט ווערט באַשטעטיקט אויך דורך אַ מאַסע אַנדערע סימנים (וועגן וועלכע ס'וועט נאָך זיין די רייד שפּעטער). מיר לייענען עס אָבער אויך אַרויס פון די אורטיילן פון די צום בעסטן אינפאָרמירטע צייט-עדות.

„מ'רעדט היינט וועגן אַ מ י ל י אָ ן, ווי מ'האָט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק גערעדט וועגן טויזנט גאָלדענע לואידאָרס. מ'רעכנט אויף מ י ל י אָ נ ע ן; ביי יעדער אונטערנעמונג הערט מען אַנדערש נישט רעדן ווי נאָר וועגן מ י ל י אָ נ ע ן. די מ י ל י אָ נ ע ן טאַנצן פאַר אייערע אויגן, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ בנין, וועגן אַ רייזע (!)"... מערסיע, בילד פון פּאַריז, 10, 824 (1788), ז. 248.

## III. דער נייער אַדל

ווי אַזוי, — פרעגן מיר איצט מיט גרויס אינטערעס, — איז פאָרגעקומען דער אַרויפשטייג פון דידאָזיקע נייע מענער (און — קודם-כּל! — פון זייערע פרויען, טעכטער און זין!) נישט נאָר אויף דעם געשעפטלעכן, נאָר אויך אויף דעם געזעל-

שאַפטלעכן לייטער; ווי אַזוי האָט זיך צו זיי באַצויגן דער אַדל, וועלכער האָט ביז דאַן אַלײנהערשעריש פאַרגעשטעלט מיט זיך די אויבער-שיכט; ווי אַזוי זענען זיי איינגעאָרדנט געוואָרן אין דעם „הערשנדן קלאַס“ (אויב דאָס איז בכלל פאַרגעקומען)?

דער ריכטיקסטער ענטפער אויף דידאָזיקע פראַגן וועט זיין פאָלגנדער: פון דעם אַלטן אַדל און דעם נייעם געלט-רייכטום, האָט זיך אין משך פון די צוויי יאָרהונדערטן צווישן 1600 און 1800 אויסגעבילדעט אַ לחלוטין נייע געזעלשאַפטלעכע שיכט, וואָס איר קערן איז באַשטאַנען פון נייעם רייכטום און איר שאָלעכטס איז נאָך צייטוויייליק געבליבן דער פעאָדאַלער לעבנס-סטיל. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס: אַ גרויסער טייל פון די אויפגעקומענע גבירים ווערט דערהויבן צום אַדל-שטאַנד. דערדאָזיקער אַרויפשטיג אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער האָט געקענט פאָרקומען דורך פאַרשידענע וועגן:

1. דורך דערהויבן ווערן צום אַדל-שטאַנד: אָדער אַדאַנק וועלכע נישט איז פאַרדינסטן, אָדער דורך באַצאָלן אַ געוויסע געלט-סומע;

2. דורך פאַרטיילן אָרדענס און אַמטן, מיט וועלכע די ירושה-אַדעליקייט איז געווען פאַרבונדן;

3. דורך איינשאַפן זיך באָדן-אייגנטום, מיט וועלכן עס איז אויך געווען פאַרבונדן די ירושה-אדעליקייט.

פון דער אַנדערער זייט לאָזן זיך אַראָפּ די מיטגלידער פון די אַדל-פאַמיליעס אין די נידעריקע שיכטן פון די טורקאַרעטס און דורך חתונות מיט די „נידעריקע“ טעכטער פאַרשאַפן זיי זיך די נויטיקע מיליאָנען, כדי צוריקצוגעבן זייערע פאַמיליעס דעם אַלטן גלאַנץ. (דאָס איז אייגנטלעך דערזעלבער פּראָצעס, וואָס קומט נאָך אויך היינט פאָר אויף אונזערע אויגן.)

דידאָזיקע פאַרשמעלצונג פון אַדעליקער חשיבות און בירגערלעכן געלט קומט פאָר אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער אין אַלע לענדער מיט קאַפּיטאַליסטישער קולטור: אין איטאַליע אַזוי גוט ווי אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד נישט ווייניקער ווי אין פראַנקרייך. עס וועט זיין געגנוג, ווען איך וועל דעם פּראָצעס

פון דער אויסבילדונג פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס בולט מאַכן אויף אייניקע ביישפּילן פון דער געשיכטע פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, פון דידאָזיקע ביידע לענדער, וואָס זענען רעפּרע- זאַנטיוו פאַר אַלע געשעענישן בעת דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. נישט געקוקט אויף דער גרונט-פאַרשידנקייט פון זייערע סאָציאַלע שיכטונגס-פאַרהעלטענישן האָבן די ביידע לענדער אין דאָזיקן אַנטשיידנדיקן פונקט דורכגעמאַכט דיזעלבע אַנטוויקלונג.

דעם אַדל אין ענגערן זין האָט אין ענגלאַנד געבילדעט (און בילדעט נאָך אויך היינט) די אַזוי-גערופענע נ אָ ב י ל י ט י. דידאָזיקע איז כמעט אינגאַנצן ניי-געבוירן געוואָרן מיט טיודאָרס אַרויפטריט אויפן טראָן, גענויער אונטער הײנריך דעם VIII-טן. נאָך דער מלחמה פון די ביידע רויזן, זענען די אַלטע אַדל- פאַמיליעס, אַ חוץ 29, פאַרשוווּנדן געוואָרן; אויך די, וועלכע זענען איבערגעבליבן, זענען טיילווייז נאָך געוועזן פאַרטריבן, אָפּגעשוואַכט, פאַראָרעמט. הײנריך דער VIII האָט דידאָזיקע אַלטע אַדל-משפחות אומגעקערט זייער מאַכט און רייכטום (און דורכדעם זיי אונטערטעניק געמאַכט צו דער קרוין, וועלכע האָט פון דאַן אָן אויפגעהאַלטן איר אומבאַשטריטענע איבערמאַכט). די מיטלען פאַר דעמדאָזיקן אַדל-„אויסשטייער” האָט דער קעניג געשעפּט פון די קאָנפיסקירטע קירכע-גיטער (וואָס זענען אַזוי אַרום, ווי ה׳ האַללאַם באַמערקט זייער ריכטיק, פאַרווענדט געוואָרן אויף אַ „וועלטלעכן” ציל, — אַ פאַקט, וואָס איז באַזונדערס וויכטיק פאַר אונזערע אויספאָרשונגען!). אָבער זייט הײנריך דעם VII-טן און VIII-טן ווערן די רייען פון אַלטן אַדל כסדר פאַר- פולט מיט ניי-געאַדלטע משפחות. און דידאָזיקע נייע פּערס, וואָס האָבן געהאַט דיזעלבע רעכט ווי דער אַלטער גרונט-אַדל, האָט דער קעניג אויסגעווײלט צווישן אַלע נאָטאַבעלן, און קודם כל אויך צווישן די רייכע בירגער. יאַקאָב דער ערשטער האָט אַפילו פאַרקויפט פּעריען. די ציפערן גיבן פאָלגנדן בילד:

הײנריך VI האָט דערהויבן 20 פּערס,
הײנריך VIII „ „ 66 „
עדוואַרד VI „ „ 22 „

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| מערי | האָט | דערהויבן | 9 | פּערס, |
| עליזאבעט | „ | „ | 29 | |
| יאַקאָב I | „ | „ | 62 | |
| קאַרל I | „ | „ | 59 | „ |
| קאַרל II | „ | „ | 64 | „ |
| יאַקאָב II | „ | „ | 8 | „ |

נאָכדעם ווי אונטער די סטוארטס זענען אויסגעשטאָרבן 99 פּעריען, זענען אין משך פון 1700 ביז 1800 פונסניי דערהויבן געוואָרן:

34 הערצאָגן,
29 מאַרקיזן,
109 גראַפן,
85 וויקאונטן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט תּמיד זענען דידאָזיקע ניי-געאַדלטע אַרויסגענומען געוואָרן פון גאָר אונטן, ד. ה. פון די פאָלקס-טיפעניש, ווי ביי די ראָססעלס און קעווענדישעס, וועלכע היינריך VIII האָט דערהויבן „פון אומבאַקאַנטקייט ביזן באַזיץ פון קירכע-לענדערייען" (גרין); אָפט (און אפשר על פּי רוב) מוזן דידאָזיקע פּערס דורכמאַכן פאַרשידענע פאָרשטופעס: פון וואָפנטרעגערס, פון ריטערס, פון באַראָנעטס. אָבער אונז איז באַקאַנט, אַז אין זייער אַ סך פאַלן פירט דער אַדעליקער סדר-היוחסין צו אַ רייך-געוואָרענעם „נייעם מענטשן" פון דער סיטי. כּדי צו באַשטעטיקן מיינע ווערטער, ברענג איך דאָ אונטן עטלעכע ביישפּילן:

די הערצאָגן פון לידס שטאַמען אָפּ פון עדוארד אָסבאָרן, וועלכער איז געקומען קיין לאָנדאָן אַלס אָרעמער האַנדלס-אָנגעשטעלטער; די הערצאָגן פון נאָרזאומבערלענד פירן זייער יחוס פון הוג סמיטזאָן, אַן אָנגעשטעלטן אין אַ אַפּטייק-געשעפט און וועלכן ליידי עליזאבעט סיימאָר האָט גענומען פאַר אַ מאַן; אַ בירגערלעכן יחוס-שטאַם האָבן אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע אָנגעזעענע ענגלישע אדללייט.

אָבער דאָס, וואָס ליגט אַרויף אַן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף ענגלאַנדס סאָציאַלער גלידערונג, וואָס האָט אים יעדנפֿאַלס אַרויפֿגעלייגט אין יענער צייט, וועלכע אינטערעסירט אונז, איז די דזשענטרי: ד. ה. אַ גרופּע פּערזאָנען, וועלכע געהערט נישט אינדעראַמתן צום אַדל און דאָך איז זי — אַדל; אַזאַ מין „נידעריקער אַדל", וועלכער איז אָבער נישט אַדעליק לויטן געזעץ. די אויבערשטע שיכט פֿון דער דזשענטרי בילדן די ריטערס, צווישן וועלכע די באַראָנעטס שטייען אין דער ערשטער שורה: אַ ריטער און באַראָנעט באַקומען דעם פּרעדיקאַט הער (סער) פֿאַרן פֿאָרנאָמען. צו די ריטערס געהערן די באַזיצער פֿון ריטערלעהען, וועלכע זענען אורשפּרינגלעך געווען די איינציקע ריטער; דערנאָך די באַזיצער פֿון באַשטימטע אָרדנס, פֿון הויזן-באַנד- און באָד-אָרדען (זייט עדוואַרד III און היינריך IV) און איינציקע אַמטן; צולעצט דייעניקע, וועלכע האָבן זיך געקויפֿט דעם ריטער-טיטל: די מעגלעכקייט צו קויפֿן דעם ריטער-טיטל (ער האָט געקאָסט 1095 פֿ"ש) האָט איינגעפֿירט יאַקאָב I אין יאָר 1611. דידאָזיקע ריטער פֿון געלטזאַקס חסד האָבן געהייסן באַראָנעטס: זיי זענען געשטאַנען פֿאַר די אַלטע און גלייך הינטער דעם אייגנטלעכן אַדל. אַזעלכע באַראָנעטס זענען אויפֿגעקומען אין משך פֿון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט אין די סך הונדערטער: אינמיטן 19-טן יאָרהונדערט האָבן זיי געציילט 700. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסע טייל פֿון די רייך-געוואָרענע המון-מענטשן זענען מיטן דאָזיקן וועג צוגעקומען צום אַדל-שטאַנד (צו וועלכן די ריטער האָבן אָן ספֿק געזעלשאַפֿטלעך געהערט). דאָס אויסטערלישסטע פֿון דער ענגלישער דזשענטרי באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זי לאָזט זיך בכלל נישט אָפּגרעניצן און בפֿרט אין דער ריכטונג צום געזעלשאַפֿטלעכן „אונטן": „קיין איין היסטאָריקער און קיין איין יוריסט קען זי נישט דעפֿינירן. דידאָזיקע אומבאַשטימטקייט פֿון באַגריף איז אָבער נישט קיין צופֿעליקער פֿעלער, נאָר אַ רעזולטאַט פֿון ענגלאַנדס גאַנצער געשיכטע און געזעצגעבונג" (גנייסט).

וואָפּנטרעגער און דזשענטלמען האָט אין אַלגעמיין באַצייכנט

(היינט איז דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, אַפילו אין ענגלאַנד, פאַר־ווישט און האַלט ביים פארשווינדן) דעם זעלבשטענדיקן מאן, וועלכער לעבט פון זיין רענטע, אָדער פון אַ „רעספעקטאבעלער״ באַשעפטיקונג. דערביי איז פריער שטענדיק געווען אנגענומען (נאָך אינמיטן 19־טן יאָרהונדערט), אַז כדי צו קענען געהערן צו דער דזשענטרי, האָט מען געמוזט באַזיצן אַ געוויסע הכנסה. אָבער אין יעדער עפּאָכע האָט די „עפנטלעכע מיינונג״ געהאַט דאָס רעכט צו אַנטשיידן, וואָס אַזוינס איז אַ „רעספעקטאַבעלע״ באַשעפטיקונג און ווי גרויס עס דאַרף זיין דער מינימום הכנסה.

דידאָזיקע אייגנטימלעכע אויפפאַסונג האָט געבראַכט דערצו, אַז די אָנגעהעריקייט צום אַדל־שטאַנד איז אין ענגלאַנד אויטאָמאַטיש באַשטימט געוואָרן דורך דער אומבילדונג פון די ווירטשאַפטלעכע פאַר־העלטענישן; די געלט־מענער, וועלכע האָבן זיך געריסן אין דער הויך, האָבן כסדר באַקומען אַ צוטריט צום אַדל אין דער מאס, אין וועלכער ס'איז אָנגעוואַקסן זייער באַדייטונג אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן. אין דער ערשטער צייט איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, אַז נאָר דער ריטערלעכער גוטבאַזיצער פון אַדעלער אָפּשטאַמונג, אָדער לכל היותר דער פאָרשטייער פון אַ ליבע־ראַלער פּראָפעסיע (די אַדוואָקאַטור, למשל) קען זיין אַ דזשענטל־מען״. דאָס איז נאָך די אויפפאַסונג פון דער עליזאַבעט־צייט, פון וועלכער טאָמאַס סמיט וואַרפט אָן פאַר אונז אַן אָנשוילעך בילד. העכסטנס האָט מען געקענט ווערן אַ מיטגליד פון דער דזשענטרי דורך דערווערבן אַן אַדעליקע נחלה, אויב מ'זאָל פאַרשטיין אין דאָזיקן זין האַריסאָנס ווערטער: „שטאָ־טישע און בירגערס פאַרנעמען אַן אָרט גלייך נאָך די דזשענטל־מענס״, אָבער „אָפט בייטן זיי זיך מיט די ערטער מיט די דזשענטלמענס, פונקט ווי די דזשענטלמענסן טוען מיט זיי, דורך אַ קעגנזייטיקער פאַרוואַנדלונג פון איינעם אי צווייטן״. דידאָזיקע אויפפאַסונג האָט זיך שוין וועזנטלעך אומגעאַנדערשט צום סוף 17־טן און אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט; אין דערדאָזיקער צייט

האלט מען שוין נישט פאַר אויסגעשלאָסן, אַז די קינדער פון אַ סוחר זאָלן אין משך פון איין אָדער צוויי דורות ווערן דזשענטלמענס נאָך דערפאַר, ווייל ער איז רייך געוואָרן. דידאַזיקע מיינונג פאַרטרעט דעפאָ:

„דער האַנדל איז דאָ אַזוי ווייט פון צו זיין אַן אומפּאַסיק באַשעפטיקונג פאַר אַ דזשענטלמען, אַז דער האַנדל מאַכט אין ענגלאַנד פאַר דזשענטלמענס און האָט געדיכט באַזעצט דידאָזיקע נאַציע מיט דזשענטלמענס; ווייל נאָך איין, אָדער צוויי גענעראַציעס ווערן די סוחרישע קינדער, אָדער, לכל הפחות, זייערע אייניקלעך נישט קיין ערגערע דזשענטלמענס ווי די, וואָס קומען אַרויס פון די עלטעסטע פאַמיליעס.״

אָבער ערשט די זין, אָדער די אייניקלעך פון אַ רייך-געוואָרענעם סוחר (דער אויסדרוק טריידסמען, וועלכן דעפאָ באַנוצט, באַצייכנט ביי אים סיי אַ אַנגראָ,-סיי אַ דעטאַל-סוחר). דאָס רייכטום אַליין אָבער מאַכט נאָך נישט דעם דזשענטלמען: דעפאָ אַליין אונטערשיידט שאַרף דעם סוחר. אפילו דעם רייכן, וואָס האָט גרויסע לעבנס-מיטלען, פון דזשענטלמען, וועלכער געפינט זיך אָפט אין אַ געדריקטן מצב.

דער סוחר, כל זמן ער שטייט ביים געשעפט, לעבט ער צווישן „זיינס-גלייכן: ווי נאָר ער גיט אויף דאָס געשעפט. קען ער ביי געוויסע אומשטענדן אָנקניפּן באַציִונגען מיט דזשענטלמענס. אַפילו אַליין „אָנהויבן צו ווערן אַ דזשענטלמען״.

ער דערמאָנט אויך וועגן דעם, אַז אַ סך מיטגלידער פון דער דזשענטרי זענען בכלל נישט מסכּים, אַז די זין, אָדער אייניקלעך פון די רייך-געוואָרענע נישט אַדעליקע, ווער רעדט נאָך זיי אַליין, זאָלן אויפגענומען ווערן אין זייערע רייען. אַזוי אַרום זעען מיר בולט, אַז די געלט-מאַכט הויבט אָן אין יענער צייט זיך דורכצושלאָגן אַ וועג: אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט דערגרייכט זי אַ פולן נצחון.

פאָסטלעטוויט, מידזש-באַלטאָן און אַנדערע, וועלכע שרייבן אינמיטן פון יענעם יאָרהונדערט, האָבן שוין אַביסל אַ פרייערע אויפפאַסונג: אמת, דער „טריידינג-מען״ (אויך דער

גראָסיסט אָן אַ אָפּענעם געשעפט) קען ווערן אַ דזשענטלמען ערשט דאַן, ווען ער גיט אויף זיינע געשעפטן. אָבער: „וואָס שייך די „מערטשענטס (דאָס זענען די מעבר-לים-סוחרים)... האָבן זיי באמת פאַרדינט געשטעלט צו ווערן אין איין ריי מיט די דזשענטלמענס", בעת גרעגאָרי קינג מאַכט נאָך אַן אונטערשייד אין זיין אויבן געבראַכטער רשימה וועגן ענגלאַנדס הכנסה-פאַרהעלטנישן אין יאָר 1688, אויך צווישן דעם מעבר-לים סוחר און דעם דזשענטלמען. אָבער די שריפטשטעלער, וועלכע זאָגן אַרויס זייער קוק וועגן דער „געמיינער מיינונג" אין אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט, דערקלערן נאָך אמת, אַז דאָס פאַרנעמען זיך מיט אַ מלאכה אָדער דאָס האַלטן אַן אָפענעם געשעפט שטייט אין סתירה צום דזשענטלמען-שטאַנד, אָבער נישט די לאַגע פון אַ פאַבריק-בעל-הבית, אָדער פון אַ גרויסן סוחר (סתם).

אָבער דאָס וויכטיקסטע באַשטייט אין דעם, וואָס אין משך פון דער גאַנצער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע בלייבט אין קראַפט די פאָרשטעלונג, אַז דער ציל פון רייכן מאַן באַשטייט סוף כל סוף אין דעם, אויפגענומען צו ווערן אין אַ געזעלשאַפטלעך-חשובע קאַסטע, צווישן דעם „אַדל", אין דער דזשענטרי; חוצדעם בלייבט אויך אומבאַרירט דער פעאָדאַלער כאַראַקטער פון דערדאָזיקער אַדל-קאַסטע, אויף וויפל רייכטום אַליין באַרעכטיקט נאָך נישט אויפגענומען צו ווערן אין איר, באָר עס זענען דערצו נויטיק אויך אַנדערע אייגנשאַפטן, דורך און דורך אומבירגערלעכע: אַ געוויסע דיסטאַנץ פון געשעפטסלעבן, קולט פון דער פאַמיליען-טראַדיציע א. אַ. וו., וואָס דאָס אַלץ באַקומט אַן אויסדרוק אין דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער געוווינהייט פון דזשענטלמען צו טראָגן אַ הערב. דעריבער קען אונז דעפאָ דערציילן וועגן די רייך-געוואָרענע קרעמערס, וועלכע שטורעמען דאָס העראָלד-אַמט מיט זייערע בקשות וועגן הערבן און וועלכע נישטערן אין זייער אָפּשטאַם-בוים, אפשר וועלן זיי דאָרט אויסגעפינען אַן „אַדעליקן" שטאַם-פאַטער: „מיר זעען ווי די רייך-געוואָרענע ענגלישע סוחרים קומען טאָג-טעגלעך צום העראָלד-אַמט, צו זוכן דעם הערב פון זייערע אבות, כדי

אים אויסצומאָלן אויף זייערע קאָטשן און אויסגראַווירן אויף זייערע כלים, אויסנייען אויף זייער מעבל, אָדער אויסקריצן אים אויפן פראָנט פון זייערע נייע הייזער... אין דערדאָזיקער זוכעניש זענען זיי אָפט גענייגט אויסצוווילן נייע פאַמיליעס, אויב זיי שטאַמען נישט אָפּ פון קיין אַלטע; אַזוי, למשל, האָט מען דער־ציילט וועגן אַ געוויסן לאָנדאָנער סוחר, אַז אויב ער קען נישט גע־פינען די אַלטע דזשענטלמען־ראַסע, פון וועלכער ער קומט אַרויס, וועט ער אָנהויבן מיט זיך אַ נייע ראַסע, וואָס וועט אַרויסגעבן נישט קיין ערגערע דזשענטלמענס, ווי יעדע פון די, וואָס זענען געוועזן פאַר אים". (דאָס באַדייט אָבער, פאַרשטייט זיך, צו מאַכן פון דער נויט אַ טוגנט).

נאָך פעסטער ווערט די פאַרקניפּונג צווישן אַדל און רייכטום, ווען די זין און טעכטער פון די ביידע גרופּעס האָבן חתונה צווישן זיך און געבוירן קינדער. אַזעלכע פאַרבינדונגען צווישן אדעליקע און אויפגעקומענע גבירים זענען אין ענגלאַנד, לכל הפחות זייט די סטיוארטס, אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אויב סער וויליאַם טעמפל שטעלט פעסט, אַז לויט זיינע דערינערונגען איז שוין אַ יאָר פופציק אין דעם, זינט די אדעליקע פאַמיליעס זענען דורך חתונות אַריינגעדרונגען אין דער סיטי, „און טאַקע בלויז צוליב געלט", טאָ נעמענדיק אין באַטראַכט די גרויסע אויטאָריטעט פון דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן באַאָבאַכטער, קענען מיר מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז דער אָנהויב פון דערדאָזיקער בלוט־פאַרמישונג פאַלט אויס אין דער רעגירונגס־צייט פון יאַקאָב I. יעדנפאַלס, אין הונדערט יאָר אַרום, אין דער צייט, ווען דעפאָ שרייבט, מוז שוין די צאָל פון אדעליק־בירגערלעכע מיש־חתונות זיין זייער גרויס, ווייל דעפאָ רעדט וועגן זיי ווי וועגן זעלבסטפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען. פאַרשטייט זיך, אַז מערסטנטייל האָבן אַדלמענער חתונה געהאַט מיט רייכע יורשטעס פון סוחרישן שטאַנד, כדי פונסניי צו פאַרגילדן זייער הערב. דעפאָ אַליין ברענגט 78 נעמען פון הויכע אַדעליקע, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט קרעמערשע טעכטער. ס'האָט אָבער נישט קיין זין זיי דאָ אויסצורעכענען; וואָרום אין

גרונט גענומען איז דאָך גלייכגילטיק, צי דער לאָרד גריפפין האָט חתונה געהאַט מיט מערי וועלדאָן, אַ סוחרישע טאָכטער פון וועל אין לינקאָלנשיר, אָדער לאָרד קאָבהאַם? — מיט אַננע האַלסיי, אַ טאָכטער פון אַ ביר-ברויער פון סאָוסוואָרק; דידאַזיקע חתונות אינטערעסירן אונז בלויז אַלס מאַסנדערשיינונגען, ווייל אין פאַרגלייך מיט דער צאָל אַדעליקע האָבן זיי אין 18-טן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד זיכער אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער.

אין די פריערדיקע צייטן איז אין פראַנקרייך נאָך שטאַרקער ווי אין ענגלאַנד לעבעדיק געווען דאָס געפיל, אַז אַדלקייט און געשעפט שליסן אויס איינס דאָס צווייטע. „אויב עס איז דאָ אויף דער וועלט פאַראַכטונג, ווערט זי אָנגעווענדט לגבי דעם סוחר״: אַזוי באַצייכנט די שטימונג אין די העכערע קלאַסן אין דער צייט פון הײנריך IV אַ גוטער קענער פון יענע קרייזן. אמת, נישט געקוקט אויף דעם. וואָס מען האָט געהערט צום אַדל, האָט מען זיך פונדעסטוועגן גערן באַטייליקט אין ריוחדיקע אונטערנעמונגען; כאָטש מען האָט געהערט צו די עלטסטע, אַדלסטע פאַמיליעס, האָט מען פונדעסטוועגן חתונה געהאַט מיט טעכטער פון רייך-געוואָרענע קרעמערס; מ׳האָט זיך נישט געוואַקלט אָפּצוזאָגן פון אַ געהיימראַט-אַמט און אָנצונעמען דעם ריוחדיקן פּאָסטן פון אַ פינאַנס-באַאַמטן (היינט וואָלטן מיר געזאָגט: פון אַ באַנק-דירעקטאָר); אָבער די המון-מענטשן האָט מען פאַראַכטעט. בלויז די קרייזן פון דער הויכער פינאַנס האָבן אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט באַקומען מער חשיבות; שוין אין 17-טן יאָרהונדערט געפינען מיר טורקאַרעטס פון אַזאַ פאָרנעם ווי די קאָטבלאַנש אָדער די די פּלעסיז כאַמבויע אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. דער גרויסער רייכטום האָט צוגעדעקט די פאַראַכטונג צום פעבל, און לאַ ברייער דריקט עס אויס זייער שיין: „אויב דעם פינאַנסיסט גיט זיך נישט איין זיין שפּיל, זאָגן וועגן אים די הויף-לייט: דאָס איז אַ בורזשואַ, אַ גאָרנישט, אַ גראָבער נפש; אויב אים געלינגט, ליגן זיי אים פאָר זייערע טעכטער!״ אָבער ס׳איז אוממעגלעך געווען איינצאַנצן זיך צו באַפרייען פון געפיל, וואָס איז אייגן

דער גאַנצער פאַרקאַפּיטאַליסטישער און פריקאַפּיטאַליסטישער קולטור: אַז פאַר אַן אַדעליקן מאַן איז, אמת, פּאַסיק אויסצו־געבן געלט, אָבער נישט — עס צו פאַרדינען. מאָנטעסקיע האָט נאָך געזאָגט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „אַלץ וועט זיין פאַרלוירן, ווען דער ריוחדיקער באַרוף פון פינאַנס־מאַן וועט אָנהויבן צו ווערן אויך אַ חשובער באַרוף; דאַן וועט אַרומכאַפּן אַן עקל אַלע איבעריקע שטאַנדן, די ערע וועט פאַרלירן איר גאַנצע באַדייטונג, די לאַנגזאַמע און נאַטירלעכע מיטלען זיך אויסצוצייכענען, וועלן מער נישט צוציען און די רעגירונג וועט ווערן דערשיטערט אין איר אינערלעכסטן תוך".

דעמדאָזיקן געפיל האָבן געהאַט נישט נאָר די מיטגלידער פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. ער איז געווען אַלגעמיין־פאַר־שפרייט צווישן די־יעניקע באַפעלקערונגס־שיכטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצוהויבן איבער דער גרויסער מאַסע פון דער misera contribuens plebs. פון אים איז אַרויסגעקומען דאָס באַשטרעבן פון די בעסערע, ד. ה. רייכערע סוחרים און קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, זיך אויסצוטיילן פון די איבע־ריקע מיטגלידער פון די דערווערב־שטאַנדן אַלס „בורזשואַ" (וועגן דידאָזיקע באַשטרעבונגען וועלן מיר נאָך רעדן אין אַ אַנדער צוזאַמענהאַנג); פון אים איז אָבער קודם כל אויך געבוירן געוואָרן די בענקשאַפט פון אַלע רייך־געוואָרענע המון־מענטשן נאָכן אַדל־שטאַנד. ס'קען זיין, אַז דאָ אין פראַנקרייך איז דידאָ־זיקע בענקשאַפט נאָך שטאַרקער געווען, ווי אין אַנדערע לענ־דער, ווייל דער אַדל איז דאָ געווען אויך פּאָליטיש אַ שטאַנד מיט גרעסערע רעכט, אַזוי, אַז דאָס געהערן צו אים האָט גע־געבן נישט נאָר געזעלשאַפטלעכע, נאָר אויך נישקשהדיקע מאַ־טעריעלע פּריווילעגיעס.

פון קדמונים אָן באַמערקן מיר, ווי דער אַדל קאָמפּלעקטירט זיך פון די שיכטן פון די רייך־געוואָרענע געשעפטסלייט. דאָס איז אַ גאַנץ אַלגעמיינע דערשיינונג, וועלכע לאָזט זיך באַאָ־באַכטן אין אַלע לענדער זינט דעם פריסטן מיטלאַלטער. מ'קען כמעט זאָגן: אין גאַנץ פריע צייטן נאָכמער ווי שפּעטער. מיר

ווייסן איצט, אַז די פֿאַמיליעס אין די דײַטשע שטעט האָבן זיך תמיד קאָמפּלעקטירט פֿון אונטן, ד. ה. די גליקס-קינדער, וועלכע זענען אויפֿגעשטיגן פֿון האַנדל און מלאכה, האָבן זיי אויפֿגענומען אין זייער קרייז; דאָסזעלבע איז אונז אויך באַקאַנט וועגן די אַדל-פֿאַמיליעס פֿון די איטאַליענישע שטעט, וועלכע האָבן זיך שוין אין פֿריִען מיטל-אַלטער אָפֿט אויסגעבילדעט פֿון רייך-געוואָרענע הענדלערס; מיר ווייסן דאָס אויך וועגן דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, אַז זיי האָבן זיך פֿון שטענדיק פֿאַרפֿולט פֿון די נידעריקערע artes sordidae. איך וויל דאָ דערמאָנען אַ וויכטיקע שטעלע פֿון די אַנגלאָ-זאַקסישע רעכט-מקורים, אַ באַשטימונג פֿון קעניג אַטעלסטאַן, אויף וועלכער מ'האָט ביז איצט געלייגט ווייניק אַכט און וועלכע זאָגט: „און אויב אַ סוחר גליקט אָפּ, אַזוי אַז ער פֿאָרט דריי מאָל איבער דעם ווייטן ים מיט זײַנע אייגענע מיטלען, איז ער פֿון דאַן אָן און ווייטער ווערט צו באַקומען די באַראָן-רעכט", און עס איז אַ זעלבסט-פֿאַרשטענדלעכקייט, אַז ביי דער בילדונג פֿון פֿראַנצויזישן אַדל איז פֿאָרגעקומען דאָסזעלבע.

עס איז אָבער אַ עיקרדיקער אונטערשיד, צי אַ רייכער סוחר, אָדער פֿינאַנס-מאַן איז דערהויבן געוואָרן צום אַדל-שטאַנד אין 13-טן אָדער אין 17-טן יאָרהונדערט. דאַמאָלסט האָט נאָך געהערשט כּמעט אַן אומבאַשרענקטער פֿעאָדאַליזם: דער אַדל באַשטייט כּמעט אויסשליסלעך פֿון ריטערלעכע ערדבאַזיצער; דער המון-מענטש, וואָס ווערט אין אים אַרײַנגעטריפֿט, ענדערט נישט אויף אַ האָר אַפֿילו דעם לעבנס-סטיל פֿון דער פֿעאָדאַלער וועלט, צו וועלכער ער פּאַסט זיך צו אין משך פֿון אַ גאַנץ קורצער צײַט סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך, וועלכע זויגט אים אַזוי צו זאָגן אין זיך אַרײַן, ווי אַ שוואָם — אַ קליין ביסל וואַסער: דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פֿון דער כּחות-פֿאַרהעלטעניש צווישן דעם פֿאַראַנענעם און דעם צוגעקומענעם: דאָס לעצטע האָט אין פֿאַרגלייך מיטן ערשטן אַ גאַנץ קנאַפּן באַטייט. אין אַ יאָרהונדערט אַרום איז שוין דערדאָזיקער צומיש צום אַלטן

בעאַראַלן אַדל פאַרשמאָלצן מיטן לעצטן אין איין-איינציקער, איינפאָרמיקער מאַסע און ביי די „אַלטע פאַמיליעס”. וועלכע מ׳קען נאָך געפינען אַרום 1550 אין גענוע אָדער פלאָרענץ, אין ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך, ד. ה. ביי פאַמיליעס, וועמעס יחוס-שטאַם עס איז אַלט 200 יאָר און עלטער. קען מען ביים בעסטן ווילן נישט אונטערשיידן, צי זייערע שטאַם-פאָטערס זענען אַמאָל געווען „געמיינפרייע”, גרונט-באַזיצער אָדער „מיניסטאָריאַליען”, אָדער משאות-טרעגער: זיי געהערן אַלע צום „פעאָדאַל-אַדל” און שטייען אין קעגנזאַץ צו די ניי-געגרינדעטע אַדל-פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך אין מאַסן אויסגעבילדעט זינט דעם 17-טן יאָרהונדערט, און וועלכע שטאַמען כמעט אַלע אָפּ פון די דערוווערבס-שטאַנדן און וואָס אַ דאַנק דער צייט און זייער גרויסער צאָל ווירקן זיי באַשטימענדיק אויף דער גאַנצער סטרוקטור פון אַדל-שטאַנד.

איך האַלט דעריבער: אויב מ׳וויל נאָכפאָלגן די אומבילדונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז פאָרגעקומען דורך דער פאַרשמעלצונג פונם אַדל מיט די געלט-מאַכטן, האָט נישט קיין זין אויפצוציילן די פאָר ביישפילן פון פאַראַדעלן רייך-געוואָרענע בירגער פון מיטלאַלטער און זיי דערמאָנען אין איין אָטעם מיטן אַריינשטראָם פון די המון-מענטשן אין די רייען פון אַדל זייט דעם באַגין פון דער נייער צייט. די פעיקייט צו אונטערשיידן, דער חוש-הריח פאַר די באַזונדערקייטן פון די פאַרשידענע געשיכטס-עפּאָכן זענען אומבאַדינגטע תנאים פאַר אַ גוטן היסטאָריקער.

פאַר פראַנקרייך הויבט זיך אָן דער ווענדעפּונקט אומגעפער סוף 16-טן און אָנהויב 17-טן יאָרהונדערט: דאַמאָלסט הויבן פלוצלונג אָן צו שלאָגן מעכטיקע קוואַלן, פון וועלכע עס פליסט אַרויס דער נייער אַדל:

1. זייט היינריך דעם IV-טן ווערט אַן אָפטע דערשיינונג דאָס באַשענקען מיטן אַדל-שטאַנד אינדוסטריעלע, אַלס אַ מין פריווילעגיע פאַר דעם אויפבוי פון נייע אינדוסטריען;

2. דורכן עדיקט פון דע לאַ פאַלעט פון יאָר 1684 ווערן

די האַנדלס-אַמטן ירושהדיק, דאָס האָט באַטייט אַ סיסטעם-ענדערונג, ווייל דאָס הויכע באַאַמטנטום מיט וועלכן דער אַדל איז מייסטנס געווען פאַרבונדן, האָט זיך זייט דעם כמעט אויסשליסלעך רעקרוטירט פון דער פינאַנס-וועלט, פון די רייכע לייט;

3. דער איבערגאַנג פון פעאָדאַלן גרונט-באַזיץ אין די הענט פון המון-מענטשן, וועלכער איז פאָרגעקומען פון קדמונים אָן, איז אין 1614 אויסדריקלעך אַנערקענט געוואָרן אַלס געזעצלעך-דערלויבט. דידאָזיקע פאָרם פון אַדל-דערווערבונג האָט פאַר פראַנקרייך געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג: אין 18-טן יאָרהונדערט ווימלט זי מיט ניי-אויסגעבאַקענע סעניערס, וועלכע זענען געקומען צו זייערע טיטלען גאַנץ פשוט דורך אָפּקויפן אַדעלקע גיטער. די רייכע האָבן זיך געצירט מיט סעניעריען, ווי היינט, למשל, מיט עקזאָטישע אָרדענס. פאַריז מאָנטמאַטר, דער זון פון אַ קליינעם שענק-ווירט אין מואַראַן, שרייבט זיך אונטער ביי זיין טויפונג אַלס גראַף דע סאַמפּיני, באַראָן דע דאַגוויל, סעניער דע בריונואַ, סעניער דע ווילעי, ס. דע פוסי, ס. דע פאָנטען, ס. דע שאַטאָנעף א. אַז. וו.

צו דידאָזיקע דריי וועגן, וועלכע האָבן געפירט צום אַדל-שטאַנד, איז סוף 17-טן יאָרהונדערט נאָך צוגעקומען אַ

4: די קניה: אין 1696 זענען פאַרקויפט געוואָרן 500, אין 1702—200, אין 1711—100 אַדלס-בריוו.

ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס סוף-כל-סוף איז דער פראַנצויזישער אַדל באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון געאַדלטע טורקאַרעטס. עס איז נישט איבערגעטריבן, ווען שעררען זאָגט, אַז דאָס, וואָס מ'האָט אין 17-טן און אין 18-טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך אָנגערופן „נאָבלעס”, באַשטייט אין וועזנטלעכן „פון מענטשן פון דריטן שטאַנד, וועלכע זענען רייך אָדער געאַדלט געוואָרן, וועלכע מ'האָט באַשאָנקען מיט אָרדענס, אָדער וועלכע האָבן געקויפט אַדעליקע גיטער”; ווען דער מאַרקיז ד'אַרזשאַנסאָן שרייבט אינמיטן 18-טן יאָרהונדערט, אַז ביי דער לייכטקייט צו באַקומען דעם אַדל-טיטל פאַר געלט, איז נישטאָ קיין איין פאַרמעגן, וואָס זאָל גלייך נישט ווערן געאַדלט.

די לפי-ערך גענויע סטאַטיסטיק, וועלכע מיר באַזיצן וועגן באַשטאַנד פון אַדל ביים סוף פון דער פראַנצויזישער רעוואָליו-ציע, באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דידאָזיקע אורטיילן: מ'האָט דעמאָלסט געציילט 26.600 אַדעליקע פאַמיליעס; צווישן דידאָ-זיקע האָבן אָבער בלויז 1400—13 געהערט צום אור-אַדל (צום „אומגעדענקלעכן און געבורט-אַדל"), בעת פון די איבעריקע זענען בלויז באַאַמטן-אַדעליקע געווען 4000. דער חלק, וועלכער איז אויסגעפאַלן אויף דער הויכער פינאַנס אין דעם צוזאַמענשטעל פון פראַנצויזישן אַדל, איז נאָך אָבער אַ סך גרעסער, ווי עס גיבן אָן יענע ציפערן, ווען מיר וועלן אויך דאָ נעמען אין חשבון די אויסערגעוויינלעך צאָלרייכע חתונות פון אַדעליקע מיט רייכע יורשטעס פון די המון-לייט.

דערדאָזיקער פארשמעלצונגס-פּראָצעס געפינט זיך שוין אין אָנהויב 17-טן יאָרהונדערט אין פולן גאַנג, אויב מיר זאָלן גלויבן דעם אַלטן שרייער, דעם מאַרקיז דע סיוללי, וועלכער באַקלאָגט זיך ביטער: „אַז די אידעען האָבן זיך געביטן און דאָס גאָלד באַשטימט דעם ווערט פון אַלצדינג. און וויאַזוי זאָל דאָס נישט געשען, וויבאַלד מ'זעט, אַז דער אַדל אַליין טראַכט וועגן דאָזיקן ענין פונקט אַזוי ווי דאָס פאָלק, און ער וואַקלט זיך נישט אויסצומישן. ד ו ר ך אַ ש ע נ ד ל ע כ ע ר ח ת ו נ ה-פ אַ ר ב י נ ד ו נ ג, דאָס ריינע, באַרימטע בלוט מיטן בלוט פון אַ המון-מענטשן, וואָס האָט געקענט נישט מער, ווי דאָס חלפנות, דאָס קרעמל, דעם טובאַנק?" „דידאָזיקע איבערקערעניש איז טרויעריק", שליסט דער הערצאָג דאָסדאָזיקע קלאָג-ליד. אין 150 יאָר שפּעטער האָט מען אויך אין אַדעליקע קרייזן געטראַכט אַ סך אַנדערש: דער אַרויסגעבער פון די „מעמואַרן" ה' דע לעקלאָז (1752), קען זיך נישט אָפּהאַלטן צוצוגעבן אין אַ באַ-מערקונג אַנטשולדיקונגס-ווערטער צום הערצאָגס פאָרוואורפן. און ווען דער הערצאָג פון פעקיני האָט אין דער זעלבער צייט חתונה מיט דער שוועסטער פון פינאַנס-מאַן לאַ מאָססאָן מאָנט-מאַרטר מיט אַ נחת-רוחדיקן נדן פון 1.700.000 פראַנק, זאָגט די הערצאָגין פון שאָלן צו איר זון: „מיין זון, דידאָזיקע פּאַרטיע

איז אַ גוטע; ס'איז נויטיק איר זאָלט נעמען באַמיסטיקונג, כדי צו פאַרבעסערן אייער ערד-באַזיץ."

די שילדערונג, וועלכע דער תמיד קלאָר-זעעוודיקער מ ע ר ס י ע וואַרפט אָן פון דידאָזיקע צושטאַנדן, ווייכט באַשטימט נישט אָפּ פון די פאַקטן: „די פינאַנס איז היינט-צו-טאָג פאַרבונדן מיטן אַדל און דאָס שאַפט די באַזע פון זיין רעאַלער קראַפט. דער נ ד ן פ ו ן כ מ ע ט אַ ל ע כ ל ו ת פ ו ן ד י ס ע נ י ע ר ס ש ט א מ ע ן פ ו ן ד י ג ע ל ט - ז ע ק".

ס'איז זייער קאָמיש צו זען, וויאַזוי אַ גראַף, אָדער אַ וויקאָנט, וועלכער האָט נישט מער ווי אַ שיינעם נאָמען, זוכט אַרום די רייכע טאָכטער פון אַ פינאַנס-מאַן; און דער פינאַנסיסט, וואָס ווערט דערשטיקט פון רייכקייט, גייט זוכן אַן איידעלע טאָכטער, אַ הוילע, אַבי זי זאָל שטאַמען פון אַ באַרימטער משפחה..."

אויך דאָ וועל איך נישט אויסרעכענען מיט די נעמען די צאָלרייכע פאַלן פון אַזעלכע מיש-חתונות, כאָטש ס'וואָלט געווען זייער לייכט צונויפצושטעלן גאַנצע רשימות. כ'וועל דאָ נאָר ברענגען עטלעכע באַזונדערס קאָמישעביישפילן, לויט וועלכע מ'קען זייער דייטלעך דערקענען די אייגנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן פון 18-טן יאָרהונדערט, (וואָס איז אין דאָזיקער הינזיכט שטאַרק ענלעך צום נייַנצנטן און צוואַנציקסטן):

איינער פון סאַמועל בערנאַרדס זין, וועלכער הייסט אין אַלגעמיין „דער ייד בערנאַרד", איז דער גראַף דע קובער: ער האָט חתונה מיט פר. פראַטיע דע לא קאסט מעססעליער, די טאָכטער פון מאַרקיז דע לא קאסט; דער צווייטער קויפט אַן אַמט אַלס פרעזידענט ביים פאַרלאַמענט אין פאַריז און רופט זיך אָן גראַף דע ריער: ער האָט חתונה מיט פר. דע בולענוויליע. דורך דעראָזיקער חתונה ווערט „דער ייד בערנאַרד" דער זיידע פון די גרעפינס ד'אַנטרייגי, דע סענ-סימאָן, קורטארנע, ד'אפשאָן, דער צוקונפטיקער מאַרקיזין דע מירפּואַ.

אנטואַן קראָזאַט, וועמעס זיידע ס'איז נאָך געווען אַ משרת, מאַכט חתונה זיין טאָכטער מיטן גראַף ד'עווריע פון פרינצלעכן הויז בולאָן. זיין צווייטער זון, באַראָן דע טיער, האָט חתונה

מיט מאַדאַם דע לאַוואַל-מאָנטמאָרענסי, און די טעכטער פון דעכּ־דאָזיקן זיווג האָבן חתונה מיטן מאַרקיז דע בעטין און מאַר־שאַל דע בראַגלי.

דער ברודער קראָזאַט מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַרן מאַרקיז דע מאָנטסאָמפער, סעניער דע גלעוו.

אַ קרובה פון הערצאָג דע לאַ ווריליער האָט חתונה מיטן פארוועני פּאַניע.

דער מאַרקיז ד'אואַז האָט חתונה מיט דער צוויי־יאָר־אַלטער טאָכטער פון מיססיסיפּיאַן אַדרע (פאַר אַ רענטע פון 20.000 פ. ביז דער חתונה און 4 מיליאָן נדן).

די טאָכטער פון בערטעלאָ דע פּלענעוו האָט חתונה מיט דעם מאַרקיז דע פּרי: דאָס איז די באַקאַנטע געליבטע פון רעגענט;

די טאָכטער פון פּראָנדר ווערט מאַדאַם דע לאַ ראָשפּוקאָ;

לע באַ דע מאָנטאַרזשיס ווערט דער שווער פון מאַרקיז ד'אַרפּאַושאָן, דער זיידע פון גראַף פון נאָעל און פון הערצאָג פון דיוראַס;

אליוויע-סענאָזאָן, וועמעס פאָטער עס האָט נאָך געהאַנדלט מיט אַלטע הויזן, גיט אויס זיין טאָכטער פאַרן גראַף פון ליוצע, דעם שפּעטערדיקן פּרינץ פון גענגרי;

ווילעמאָריאַן גיט אויס זיין טאָכטער פאַרן מאַרקיז פון בעריאַנזשע;

די גראַפן פון עררעקס, פון איוורי, די הערצאָגן פון ברי־סאַק, פון פּעקיני: אַלע, אַלע גייען מיטן זעלבן שווערן וועג צו די געלט־שענק פון די טורקארעטס.

קומט אייך נישט פאָר, ווי מ'וואָלט אייך דאָ דערציילט וועגן די חתונה־געשיכטעס פון די טעכטער פון די אַמעריקאַנישע חזירים־ציכטער פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר?

# דאָס צווייטע קאַפּיטל:

# די גרויסשטאָט

## מקורים און ליטעראַטור

א וועלכע נישט איז באַנוצבאַרע ליטעראַטור צו דער געשיכטע פון דער גרויסשטאָט איז מיר נישט באַקאַנט. די אויסערגעוויינלעך צאָלרייכע שריפטן, וועלכע באַהאַנדלען די געשיכטע פון די איינצלנע גרויס-שטעט, זענען מערסטנ-טייל געשיכטעס פון שטאָט-רעכט, אָדער בוי-געשיכטעס. די עקאָנאָמיש-קולטורעלע געזיכטס-פונקטן בלייבן מייסטנס לחלוטין נישט באַהאַנדלט. עס האָט נישט דעריבער קיין צוועק אויסצורעכענען דאָ איינציקווייז דידאָזיקע ביכער.

אַלץ, וואָס איז אין דאָזיקן קאַפּיטל געזאָגט געוואָרן וועגן דער אַנטשטייאונג און דעם וועזן פון דער פּרי-קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט, האָב איך כמעט אינגאַנצן געמוזט צענויפנעמען פון ערשטע קוועלן. צווישן די לעצטע פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט די רייזע- און אַנדערע באַשרייבונגען. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז מערסיעס „בילד פון פּאַריז״ 12 ב., 1781, האָט נישט זייגסגלייכן פאַר דער געשיכטע פון וועלכער נישט איז אַנדער שטאָט, דאָס לאָנדאָן פון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט קען מען נישקשהדיק דערקענען פון די שילדערונגען ביי דעפאָ-ריטשאַרדסאָן, מידזש-באָלטאָן, אַרכענהאָלץ א. א.

די קוועלן פאַר נעאַפּאָל פון 16-טן יאָרהונדערט קען מען געפינען ביי גאָטהיין: קולטור-אַנטוויקלונג פון דרום-איטאַליען, 1885; פאַר נעאַפּאָל פון 18-טן זע די שילדערונגען אין דער „אָפּהאַנדלונג וועגן דער געזעלשאַפט און די מנהגים פון די איטאַליענער“, 1782, שריפטן LV און ווייטער.

פאַר מאַדריד אין 17-טן יאָרהונדערט די (פאַרן דאָזיקן צוועק באַנוצבאַרע) רייזע-באַריכטן און מעמוארן פון מאַדאַם ד'אָלנעי. פאַרג. יוסטי: וועלאַזקעז און זיין צייטאַלטער.

## 1. די גרויסשטעט פון 16. — און 18 יאָרהונדערט

איינע פון די באַדייטנדיקסטע געשעענישן פאַר דער גאַנ־צער קולטור־אַנטוויקלונג (וואָס איז אייגנטלעך אַ רעזולטאַט פון דעם אין פאַריקן קאַפּיטל געשילדערטן פּראָצעס) איז דער פאַקט, וואָס זייט דעם 16־טן יאָרהונדערט פאַרגרעסערט זיך שנעל אין אַ ריי שטעט די צאָל פון דער באַפעלקערונג און דורכדעם ווערט געשאַפן אַ נייער טיפּ שטאָט: די שטאָט מיט אַ סך הונדערט־טויזנטער איינוווינער, די „גרויסשטאָט", וואָס דערנענ־טערט זיך אַרום סוף 18־טן יאָרהונדערט אין דער געשטאַלט פון לאָנדאָן און פּאַריז צו דער מאָדערנער מיליאָנען־שטאָט.

אין משך פון 16־טן יאָרהונדערט וואַקסט די צאָל שטעט מיט 100.000 איינוווינער און מער אויף 13 ביז 14.

קודם כל זענען דאָס די איטאַליענישע שטעט: ווענעציע (1563: 168.627, 1575/77 195.863), נעאַפּאָל (240.000), מאַילאַנד (אַרום 200.000), פּאַלערמאָ (1600: אַרום 100.000), רוים (1600: אַרום 100.000), בעת פלאָרענץ האָט נאָך אין 1530 געציילט 60.000 איינוווינער.

דערנאָך קומען די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע שטעט: ליסאַ־באָן (1629: 110.800), סעווילע (סוף 16־טן יאָרהונדערט 18.000 פאַמיליעס, ד. ה. אַרום 100.000 איינוווינער); און די נידער־לענדישע שטעט: אַנטווערפּן (1560: 104.972), אַמסטערדאַם (1622: 104.961).

צולעצט פּאַריז און לאָנדאָן.

פּאַריז, געגן וועמעס אויסשפּרייטונג עס זענען שוין אינ־מיטן פון יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן געוואָרן קעניגלעכע עדיקטן (כ'וועל באַלד וועגן דעם ריידן), האָט צוליב די רעליגיעזע מלחמות פאַרלאָרן אַ טייל פון איר באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין יאָר 1594 אויסגעטראָגן אַרום 180.000.

לאָנדאָן וואַקסט שנעל אויס און צום סוף יאָרהונדערט ווייזט זי אַרויס אַלע סימנים פון אַ איבערבאַפעלקערטער גרויסשטאָט, ווי מיר קענען עס דערזען פון קעניגין עליזאַבעטס אַן עדיקט פון יאָר 1602. איר באַפעלקערונג מוזן מיר שאַצן אין עליזאַבעטס צייט אויף אַ 250.000.

אין משך פון 17-טן יאָרהונדערט פאַלט די צאָל באַפעלקערונג אין אייניקע פריערדיקע גרויסשטעט: ליסאַבאָן, אַנטווערפּן זינקען אונטער 100.000 ; מאַילאנד, ווענעציע ווערן אויך שטאַרק פאַרקלענערט.

דאַקעגן וואַקסן אויס צו גרויסשטעט: ווין (1720 : 130.000) און מאַדריד.

שנעל וואַקסן אויס: רוים, אַמסטערדאַם, פאַריז און לאָנדאָן. רוים ציילט צום סוף פון יאָרהונדערט 140.000, אַמסטערדאַם — 200.000 איינוווינער; פאַריז דערגרייכט די ציפער 500.000, לאָנדאָן שטייגט נאָך העכער (1700 : 674.350).

בעת לאָנדאָן וואַקסט כסדר ביסלעכווייז אין גאַנצן משך פון דאָזיקן יאָרהונדערט, שיסט פאַריז אין דער הויך ממש אויף די אויגן. באַזונדערס וואַקסט זי שנעל אויס אין דער רעגירונגס-צייט פון די ביידע ערשטע בורבאָנס. אין דערדאָזיקער צייט טרעפן מיר זיך אָפטער מיט יענע אויסטערלישע עדיקטן, וועלכע כ'האָב שוין דערמאָנט: וועלכע פאַרבאָטן אויסצובויען נייע הייזער, כדי אויפצוהאַלטן די צעוואַקסונג פון דער שטאָט: „אַנערקענענדיק, אַז די פאַרגרעסערונג פון אונזער שיינער שטאָט פאַריז איז אין אַ גרויסער מאָס שעדלעך", „נעמענדיק אין אַכט, אַז די כונה פון זיין מאַיעסטעט איז געווען, דאָס זיין שטאָט פאַריז זאָל זיין פון אַ באַשטימטער, באַגרעניצטער גרויס..." (אין דידאָזיקע פאַרבאָטן קומט צום אויסדרוק, קען מען זאָגן, אַן ענלעכער ווילן, ווי אין די צעכן-אָרדנונגען: דער ווידערווילן צו לאָזן וואַקסן ביז גרענעצלאָזיקייט אַן אָרגאַניזם; דער ווידערווילן קעגן דער אומברחמנותדיקער פאַרגרעסערונגס- און קוואַנטיפיצירונגס-טענדענץ פון קאַפּיטאַליסטישן ווען; דער

ווידערווילן פון דאָס אַלטע שטאַנדאַרטיקע קעגן דעם גרעניצ-לאָזן אויסשפּרייטונגס-דראַנג פון דערוואַרבס-טריב.)

די פאַרבאָטן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געהאָלפן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך איבערגעחזרט (1627, 1637), וואַקסט פּאַריז מעכטיק אויס גראָד אין דידאָזיקע יאָר-צענדליקער. צווישן דעם פּאַריז פון לודוויק XIII און פּאַריז פון דער ליגאַ (מיינט אַ אורטיילס-פעיקער היסטאָריקער — באַ-דריללאַר), איז אַ גרעסערער אונטערשייד, ווי צווישן דעם לעצטן און דעם פּאַריז פון דער דריטער רעפּובליק. אויף ווי ווייט די ציים-מענטשן פילן דידאָזיקע ענדערונג, קומט צום אויסדרוק ביי קאָרנעל אין זיין קאָמעדיע „דער ליגנער״, וועלכע איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1642 (צווייטער אַקט, V סצענע):

„אַ גאַנצע שטאָט, געבויט מיט פּראַכט, איז דורך אַ וווג-דער, דאַכט זיך, אַרויסגעשפּרונגען פון אַ אַלטער גרוב און דורך אירע פּרעכטיקע דאַכער רופט זי אַרויס ביי אונז דעם געדאַנק, אַז אַלע איינוווינער זענען געטער אָדער קיסרים״.

דאָס 18-טע יאָרהונדערט ברענגט מיט זיך פאָלגנדיקע ענדערונגען:

די צאָל שטייגן איבער די איינוווינער פון מאָס-קווע, פּעטערסבורג, ווין, פּאַלערמאָ (1795 : 200.162), נישט ווייט דערפון שטייט אָפּ דובלין (1798 : 182.370, 1753 :. 128.870, 1644: 8159).

צו די הונדערט טויזנטדיקע דערגרייכן : האַמבורג, קאָ-פּענהאַגן, וואַרשע, בערלין שטייגט אויף 141.283 (1783), ליאָן אויף 135.207 (1787).

נעאַפּאָל דערנענטערט זיך צום האַלבן מיליאָן (1796, 435.930), לאָנדאָן צום מיליאָן (864.845 לויטן צענז פון 1801), פּאַריז האָט ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע 640—670.000 איינוווינער.

# די אַנטשטייאונג און די אינערלעכע גלידערונג פון די גרויסשטעט

קוקן מיר זיך אָבער צו, וואָס אַזוינס האָט דידאָזיקע שטעט אַזוי גרויס געמאַכט, געפינען מיר נאָך אין אַלגעמיין ביי דער אַרבעט דיזעלבע שטאָט-בויער ווי בעתן מיטלאַלטער. אויך (און דוקא) די גרויסשטעט פון דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע זענען קאָנסומענטן-שטעט אין פולן זין פון דאָזיקן וואָרט. די גרויס-קאָנסומענטן זענען אונזערע גוטע באַקאַנטע: די פירשטן, די גייסטלעכקייט, די גראַנדן, צו וועלכע ס'איז איצט צוגעקומען אַ נייע, וויכטיקע גרופּע: די הויך-פינאַנס (וועלכע מ'קען מיט רעכט באַטראַכטן אַלס „קאָנסומענטן" נישט וועלנדיק דורכדעם, חס ושלום! אָפּפרעגן זייער „פּראָדוקטיווע" פונקציע אין פאָלקסווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם). די גרעסטע שטעט זענען אַזוי גרויס צוליב דעם, ווייל זיי זענען די וווין-ערטער פון די גרעסטע (און צאָלרייכסטע) קאָנסומענטן; די אויסשפּרייטונג פון די שטאָט-קערפּערס איז אַזוי-אַרום אַ רעזולטאַט פון אַ מין קאָנצענטראַציע פון קאָנסום אין די שטאָטישע מיטלפּונקטן פון לאַנד.

די ריכטיקייט פון דערדאָזיקער מיינונג לאָזט זיך קודם כל באַווייזן e contrario! ס'איז גענוג אָנצווייזן אויף דעם, אַז די „פּראָדוצענטן", האַנדל און אינדוסטריע, זענען נאָך אַלץ נישט געווען ביכולת צו אַנטוויקלען זייערע וווין-ערטער איבער די גרעניצן פון קליינע מיטלשטעט.

ריינע האַנדלסשטעט, ווי, למשל, בריסטאָל, וועלכע אַ רייזע-באַשרייבער פון אינמיטן 18-טן יאָרהונדערט רופט אָן „די גרעסטע, באַפעלקערטסטע און בליענדיקסטע שטאָט אויפן אינזל און איינע פון די הויפּטשטעט אין אייראָפּע", אָדער ענגלאַנדס אַנדערע בליענדיקע האַנדלס-שטעט פון יענער צייט: עקזעטער,

דין, נאַרוויטש, יאַרמאָט א. א. וו., ציילן נישט מער ווי 30—40.000 איינוווינער, בעת לאָנדאָן האָט שוין איבערגעשטיגן דעם האַלבן מיליאָן. אָבער אויך די אינדוסטרי פאַרמאָגט נאָך נישט אין אַלגעמיין קיין קראַפט, וואָס זאָל בויען גרויס-שטעט. די אינדוסטרי-צענטרען פון 18-טן יאָרהונדערט, די שטיין-קוילן-שטעט אָדער די צענטראַלעס פון דער וואָל-אינדוסטרי, ווי ניו-קעסטל, גלאַזגאָ, לידס, מאַנטשעסטער, בירמינגהאם אין ענגלאַנד, איזערלאָן, פאַדערבאָרן, יאָוער, הירשבערג אין דייטשלאַנד זענען מיטל- און מיינסטנס אַפילו קליין-שטעטלעך. נישט גרויס-בריטאַניע און נישט דייטשלאַנד פאַרמאָגן נישט ביז סוף 18-טן יאָרהונדערט, — אַ חוץ זייערע הויפּטשטעט, — קיין איין שטאָט מיט 100.000 איינוווינער.

דאָרט, ווו „האַנדלסשטעט" ווי אַמסטערדאַם אָדער אַפילו אויך האַמבורג נעמען אָן דעם כאַראַקטער פון גרויס-שטעט צו יענער צייט, וועלכע באַשעפטיקט אונז, ווייזט אונז אַ גענויערע אויספאָרשונג, אַז זייער גרויסקייט האָבן דיזאָזיקע שטעט צו פאַרדאַנקען גאַנץ אַנדערע כחות ווי דעם סחורות-האַנדל.

בלויז איין-איינציקע שטאָט איז מיר באַקאַנט, וועלכע האָט פאַרן 19-טן יאָרהונדערט פאַרנומען אַן אָרט צווישן די גרויס-שטעט אַלס פּראָדוקציע-שטאָט: דאָס איז ליאָן, די שטאָט פון דער גרעסטער לוקסוס-אינדוסטרי פון דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע (כאָטש אויך ביי ליאָן האָט דער קרעדיט-פאַרקער זיכער געשפּילט אַן עיקרדיקע ראָל ביי דער אויסשפּרייטונג פון דער שטאָט).

אָבער נישט שווערער איז צו ברענגען אַ פּאָזיטיוון באַווייז, אַז די צוזאַמענקנױלונג פון קאָנסום איז אינדערעמתן די קראַפט, וואָס רופט אַרויס צום לעבן די ערשטע גרויס-שטעט אויף אַ גלייכפאָרמיקן אופן, נישט ליגנדיק קיין אַכט אויף קיין שום לאַנד-אייגנטימלעכקייטן, אונטער דעם דרוק פון דער אַלגעמיין-קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

די ריכטיקייטס-פּראָבע פאַר דעראָזיקער באַהויפּטונג וויל

איך מאַכן אויף די וויכטיקסטע גרויס-שטעט פון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט.

1. בערלין. דער טיפּ פון אַ ריינער רעזידענצשטאָט איז בערלין, ווו כמעט בלויז דער הויף, די באַאַמטע און דאָס מיליטער טרעטן אַרויס אַלס שטאָט-בויענדע קראַפט. ערשט אין דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט הויבט בערלין אָן אַביסל שנעלער צו וואַקסן; ערשט אין אָנהויב פון די 1760-ער יאָרן שטייגט איבער די באַפעלקערונגס-ציפער די ערשטע הונדערט טויזנט. אָבער אויך נאָך סוף 18-טן יאָרהונדערט איז בערלין כמעט אויסשליסלעך אַ סאָלדאַטן- און באַאַמטן-שטאָט (און איז גצוויס דעריבער אָרים). אין יאָר 1783 האָט דער גאַרניזאָן מיט זיינע ווייבער און קינדער געציילט נישט ווינציקער ווי 33.088 פּערזאָנען, ד. ה. 23% פון 141.283 איינוווינער (לגבי 29.448 פּערזאָנען אָדער 1,8% אין יאָר 1895). די מלוכהשע און שטאָטישע באַאַמטע האָבן אויסגעמאַכט די ציפער 3433, ד. ה. מיט זייערע פאַמיליעס אַרום 13.000. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַן אומגלויבלעך גרויסע מחנה באַדינער (10.074), אַזוי אַז דידאָזיקע דריי באַשטאַנד-טיילן פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיטן הויף, האָבן אויסגעמאַכט 56.000 פּערזאָנען, ד. ה. העכער צוויי פינפטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. ווי אָרים עס זענען געווען דידאָזיקע סטיפּענדיאַנטן פון אָרימען פּרייסן-קעניג ווייזט דער פאַקט, וואָס זיי האָבן געקענט געבן וווינונג און באַשעפטיקונג נישט מער ווי אַ גלייכער צאָל מענטשן. אין לאָנדאָן אָדער פּאַריז פון דער דעמאָלטיקער צייט וואָלטן דיזעלבע 50.000 אָנגעדונגענע געבילדעט אַ שטאָט פון מינדעסטנס 2—300.000 נפשות.

2. אַמסטערדאַם. אויך אַמסטערדאַם איז קודם כל אַ רעזידענצשטאָט. מיר זעען עס פון דעם, וואָס די אַרויסוואַנדערונג פון הויף אַרום סוף 17-טן יאָרהונדערט האָט געהאַט אַלס רעזולטאַט גרויסע פאַרוויסטונגען אויף אַלע געביטן. די לאַגע, וואָס איז דורכדעם געמאַכט געוואָרן, ווערט אָבער באַלד אויסגעפילט: אַמסטערדאַם ווערט דער וווין-אָרט פון אַלע קרעדיטאָרן

פון גאַנץ אייראָפּע; אין אַמסטערדאַם פליסט אַריין דער איבערפלוס פון רייכסטן קאָלאָניאַל-באַזיץ אויף דער וועלט, כדי דאָרט פאַרצערט צו ווערן.

3. ו ו ע נ ע צ י ע טראָגט אַן ענלעכן כאַראַקטער ווי אַמסטערדאַם. דער פריער און נישקשהדיק-גרויסער קאָלאָניאַל-באַזיץ שאַפט גלייך אַ געזעטיקטן, שטיין-רייכן רענטנער-שטאַנד, וואָס פאַרמערט נאָך די שוין צאָלרייכע גרונטבאַזיצער פון דער terra ferma. וועגן די קאָלאָניסטן-פאַמיליעס פון קרעטאַ דערווייסן מיר זיך שוין אין 15-טן יאָרהונדערט: „אַ געוויסע צאָל פון זיי האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויס פאַרמעגן; זיי לעבן איצט אין ווענעציע און פאַרצערן זייערע צינזן". מען דאַרף אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ווענעציע איז ביז צום פאַרלוסט פון אירע קאָלאָניעס געווען די הויפּטשטאָט פון דער דריט-גרעסטער מלוכה אין אייראָפּע. דאָס גרויסע עשירות, וואָס איז אין ווענעציע פאַרצערט געוואָרן, האָט געפירט צו אַ רייכן, לוקסוסדיקן געטוס-לעבן, וואָס האָט צוגעצויגן אַ סך פרעמדע, אַזוי אַז אין 16-טן יאָרהונדערט איז ווענעציע צוגלייך מיט רוים געווען די באַרימטסטע שטאָט: sede principalissima del piacere, ווי עס רופט זי אַ בריוו-שרייבער אין יאָר 1565; paradisus delitiarum, ווי עס הייסט אין הענצנערס „איטינעראַריום" (1617). פייערלעכקייטן און פרייען האָבן געצויגן צו זיך אין דער ערשטער ריי.

4. ר ו י ם, וועגן וועלכן ג ר ע ג אָ ר אָ ו י ו ס מיינט, אַז ער איז אין 16-טן יאָרהונדערט, — דער עיקר אויך צוליב זיין רוימלעכער אויסשפרייטונג, — געווען „די איינציקע וועלט-שטאָט", פאַראייניקט אין זיך אַ גרויסע מאַסע פאַרשידענע, שטאַרקע פאַרצערער.

ערשטנס דעם פויפּסט, וועלכער לעבט פון פעטערסגראָשן און פון זיינע מיינסטנס גאַנץ גרויסע פאַמיליען-הכנסות, צוזאַמען מיט דער היפישער הויפישער פאַמיליע;

צווייטנס די פילגרימען, וועלכע האָבן, למשל, אין יאָר 1500 באַזוכט רוים אין דער צאָל פון אַ 200.000;

דריטנס די קאַרדינאַלן און מאָנסיניאָרי: קאַרטעזיוס, דעם קאַרדינאַלאַט. האַלט. אַז (שוין אין 15-טן יאָרהונדערט) מוז אַ קאַרדינאַל האָבן הכנסה 12000 גאָלדגולדן און אויסהאַלטן אין זיין הויז אַרום 140 פּערזאָן; אַ סך פון זיי האָבן געהאַט 30.000 דוקאַטן און נאָך מער הכנסה;

פערטנס די קרובים פון די פּויפּסטן, וועלכע זענען אָפּגעשאָטן געוואָרן מיט גאָלד: פּיעטראָ ריאַריאָ, דער זון פון סיקסטוס IV האָט געהאַט אַ רענטע פון 60.000 גאָלדגולדן;

פינפטנס די גרויסע אַדל-פאַמיליעס, די ארסיני, קאָלאָננאַ א. א. וו., וועלכע האָבן געהאַט אין זייער רשות ריזיקע ערד-שטחים און אַנטשפּרעכנדיקע גרויסע באָדן-רענטעס.

בעת די פּויפּסטן האָבן רעזידירט אין אַוויניאָן, האָט רוים געדראָט אַ חורבן. קאַרדינאַל נאַפּאָלעאָנע אָרסיני פאַרזיכערט דעם פראַנצויזישן קעניג נאָך דעם טויט פון קלעמענס דעם V, אַז דער אַרויספאָר פון די פּויפּסטן האָט רוים געבראַכט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. אין יאָר 1347 האַלט קאָלאַ די ריענצי, אַז רוים איז מער געגליכן אויף אַ רויבער-הייל ווי אויף אַ וווינאָרט פון גוט-דערצויגענע מענטשן.

5. מ אַ ד ר י ד. דאָס, וואָס רוים און ווענעציע זענען געווען אין 15-טן און 16-טן יאָרה., איז מאַדריד געוואָרן אין 17-טן: די וועלטשטאָט. דאָ האָט דער מעכטיקסטער קעניג פון דער ערד געהאַט זיין הויף; דאָ איז געווען דער מיטלפּונקט פון דער גרעסטער וועלט-מלוכה; אַהער האָבן געשטראָמט די אַמעריקאַנישע זילבער-אוצרות, ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס מאַדריד איז געוואָרן אַ צוציענדער פּונקט פאַר אַלץ, וואָס האָט אין שפּאַניען פאַרמאָגט מאַכט און רייכקייט. קיין זאַך איז נישט געווען אַזוי ברענענדיק ווי דער ווונש, אויפגענומען צו ווערן אין „קעניגס ווירטשאַפט". די הויף-אַמטן, מיט וועלכע דער קעניג פלעגט באַשענקען, זענען געווען דער ציל, צו וועלכן ס'האָבן מער פאַר אַלץ געשטרעבט די יינגערע זין פונם אַדל. מ'קען מיט גרויס גענויקייט נאָכפאָלגן, ווי אַזוי ס'איז שנעל געוואָקסן די באַדייטונג פון מאַדריד, באַזונדערס זייט פיליפ III, אַ דאַנק

דעם צוזאַמענשטראָם פון די גראַנדן. עס זעט אויך אויס, אַז מאַדריד איז נעבן רוים געווען די ערשטע מאָדערנע גרויס-שטאָט, וועלכע האָט אַריינגענומען אין זיך אַ שטאַרקן שטראָם פרעמדע באַזוכער. וועלכע האָבן דאָ געוואָלט לעבן אַ גוטן טאָג. „די איידעלע אכסניה פון די פרעמדע", האָט מען מאַדריד אָנגערופן.

6. נעאַפּאָל. אויב מאַדריד איז אין 17-טן יאָרהונ-דערט געווען די דריטע, און אפשר די צווייטע שטאָט אין אייראָפּע לויט דער גרויס (אין דער צייט פון איר העכסטער בלי-צייט זאָל זי האָבן געהאַט 400.000 איינוווינער), איז איצט נעאַפּאָל אַזוי שטאַרק אויסגעוואָקסן, אַז אין משך פון פאָלגנ-דיקן יאָרהונדערט האָט זי פאַרנומען דעם אָרט גלייך הינטער לאָנדאָן און פּאַריז.

נעאַפּאָל איז אַ קלאַסישער ביישפּיל אויף צו באַווייזן די ריכטיקייט פון דער טעזע, וועלכע ווערט דאָ אַרויסגערוקט (אַז דאָס גאַנצע פּריצע גרויסשטאָט-וועזן באַזירט אויף קאָנסום-קאָנ-צענטראַציע). נעאַפּאָל איז תמיד געווען נישט מער ווי אַ רע-זידענץ, און דעמדאָזיקן פאַקט, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם צווייטן, וואָס זי איז געווען די הויפּטשטאָט פון אַ פּרי-צייטיק געאייניקטן לענדער-פאַרבאַנד מיט אַ צענטראַליזירטן פאַרוואַלטונגס- און געריכטס-וועזן, האָט זי צו פאַרדאַנקען איר גרויסשטאָטישקייט אין אַ צייט, ווען קיין איין איטאַליענישע שטאָט האָט נאָך נישט געהאַט דערגרייכט דאָסדאָזיקע ציל.

נעאַפּאָלס גרויסקייט און נעאַפּאָלס רייכקייט זענען געפלאָסן פון צוויי קוואַלן: פון קעניגטום און פון דער קירכע. דאָס האָבן שוין אויך געוווּסט די מיטצייטלער. „דעם קעניגס דינסט איז אונזער האַנדל", זאָגט קאַראַקטשיאָלי, אין וועמעס שריפטן מיר זעען ווי אין אַ שפּיגל נעאַפּאָלס סאָציאַלע סטרוקטור. און באמת: אומענדלעך גרויס איז געווען די צאָל אַמטן אין נעאַ-פּאָל, ווייל די צענטראַליזאַציע האָט געפירט צו פּיל-רעגירעריי; אויסערגעוויינלעך פיין איז געווען אויסגעבילדעט דער אָפּצאָל-סיסטעם, וועלכער איז דורך די מיטצייטלער אָנערקענט געוואָרן

אַלס ווערנטלעכע הכנסה-קוועלע. דער, וועלכער האָט פאַרקערט אין נעאַפּאָלס געבילדעטע קרייזן, האָט געהאַט אַ פאָרשטעלונג, אַז דאָרט איז כמעט קיין אַנדער זאַך נישטאָ ווי בלויז „אַן אומבאַגרענעצטע צאָל רעכט-געלערטע, אַדוואָקאַטן און שרייבערס" (פאָליעטאַ). דערנאָך, ווען עס איז אויף לאַנג איינגעשטעלט געוואָרן די הערשאַפט פון די שפּאַניער, איז דער הויף-איינפלוס צוערשט אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און קאַראַקטערישאַלי האָט עס בולט באַמערקט: איצט איז דער קעניג ווייט, די שטאָט גייט איין אַלץ מער און מער; די באַראָנען האַלטן שוין מער נישט אויס קיין גרויסע סוויטעס; צוזאַמען דערמיט פאַרלירט אויך דאָס עפנטלעכע לעבן זיין שוווּנג און גלאַנץ: מ'זעט שוין מער קיין איינעם נישט, וואָס זאָל זיין אַרומגערינגלט מיט פירשט-לעכער פּראַכט. די שטאָט ווערט ליידיק פון מענטשן; די דירות-פּרייזן פאַלן. און דאָס אַלץ בלויז דערפאַר, ווייל נעאַפּאָל האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קעניגשטאָט. ער חזרט איבער: „דאָס איז געווען אונזער האַנדל, וואָס האָט געבראַכט רייכטום אונזער אַדל".

אָבער דאָס אַלץ האָט זיך דערנאָך געענדערט. גראָד אונטער דער שפּאַנישער הערשאַפט האָט נעאַפּאָל זיך מעכטיק צעבליט דערפאַר, ווייל די גרויסע האָבן ווידער אויסגעהאַלטן אימפּאָזאַנטע סוויטעס, ס'איז נאָך געווען מער לוקסוס ווי פריער, און די באַפעלקערונג איז שנעל געוואָקסן אין צאָל.

7. פּ אַ ר י ז. ווען דער באַגרינדער פון דער מאָדערנער כעמיע האָט זיינע טייערע כחות געווידמעט דעם „וווּל פון פאָלק" און געקעמפט אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג פאַר דער רע-פאָרם פון דעם פינאַנס-וועזן, האָט ער געמאַכט זייער אַן אינ-טערעסאַנטע אויסרעכענונג. כדי פעסטצושטעלן, ווי גרויס עס איז דער קוואַנטום און דער ווערט פון די סחורות, וועלכע די פּאַריזער ברענגען פון דער פרעמד. זיינע זייער גענויע אויס-רעכענונגען פירן צום פאָלגנדיקן סך הכל: אין פּאַריז ווערן יאָר-יערלעך פאַרצערט געברויך-אַרטיקלען פאַר 250 מיליאָן ליוור דורך די מענטשן און פאַר צען מיליאָן ליוור פאַר די פערד,

און פאַר דידאָזיקע אַרטיקלען מוז מען באַצאָלן. אונז אינטערע־סירט דאָ דער ענטפער, וועלכן לאַוואַזיע גיט אויף דער פראַגע, פון וואָס עס ווערן באַצאָלט דידאָזיקע 250 מיליאָן, ווייל אין דאָזיקן ענטפער געפינט זיך אַן אויסערגעוויינלעך איבער־ראַשנדיקער אורטייל וועגן צוזאַמענשטעל פון דער פאַריזער באַפעלקערונג ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. דערדאָזיקער ענטפער זאָגט (ווען מיר רייניקן אים פון די בולטע טעותן, אין וועלכע לאַוואַזיע איז אַריינגעפאַלן):

אַרום 20 מיליאָן ברענגען אַריין עקספּאָרט־מלאכות און האַנדל; 140 מיליאָן ווערן באַצאָלט מיט דער הילף פון מלוכה־חוב־רענטעס און געהאַלטן; 100 מיליאָן דעקן די באָדנרענטעס און די אונטערנעמער־רווחים (פון אויסלענדישע אונטערנעמונגען), וועלכע ווערן פאַרצערט אין פאַריז.

גלענצנד! גלענצנד! סאַראַ טיפקייט פון דער קענטניש און אורטיילס־קראַפט: פאַריז אַ ריינע קאָנסום־שטאָט, וואָס לעבט פון הויף, פון די באַאַמטע, פון די מלוכה־בעלי־חובות און פון די באָדן־רענטיאָרן.

דיזעלבע אויפפאַסונג טרעפן מיר אָן ביי אַלע אורטיילס־פעיקע צייט־מענטשן (אויף וועמעס עדות־זאָגן מיר זענען ליידער אָנגעוויזן, כל זמן מיר פאַרמאָגן נישט קיין ציפער־באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון דער מיינונג, וועלכע ווערט דאָ פאַרטראָטן).

דער מחבר פון „מענטשן־פריינט“, דער עלטערער מיראַבאָ, האָט אויסגערעכנט, אַז אומגעפער 200.000 פערזאָן וואָלטן גע־מוזט אויסוואַנדערן פון פאַריז ווען מען זאָל אָננעמען זיין פאָרשלאַג און צוריקשיקן אין דער פּראָווינץ:

1. אַלע קעניגלעכע אָפיצירן, וועלכע באַקומען גרויסע שכירות;

2. די אַלע פון די גרויסע אייגנטימער, וועלכע וואָלטן וועלן פאָרן געניסן פון זייער היים־באָדן, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן פון איצט אָן און ווייטער קענען פירן זייערע טונקעלע געשעפטן בלויז דאָרט און איבערצייגט, אַז גלייכצייטיק וועלן זיי דאָרט געניסן כבוד און עושר;

### 3. אַלע פּראָפעסיאָנעלע אַדוואָקאַטן.

לויט זיין מיינונג און לויט דער מיינונג פון אַלע פיזיאָקראַטן האָט דאַן געהערשט „אַ שלעכטע פאַנאַנדערטיילונג פון מענטשן און רייכטימער", ווייל „אַלע האַרן, אַלע רייכע לייט, די אַלע, וועלכע האָבן געניגנדיקע רענטעס אָדער פענסיעס אויף צו לעבן באַקוועם, באַזעצן זיך אויף שטענדיק אין פאַריז, אָדער אין אַ וועלכער נישט איז אַנדער גרויסער שטאָט, ווו זיי פאַרשווענדן כמעט די גאַנצע הכנסות פון די מלוכה-פאָנדן. דידאָזיקע פאַרשווענ-דונגען ציען צו אַ גרויסע מחנה סוחרים, בעלי-מלאכות, שטוב-דינערשאַפט און שוואַרץ-אַרבעטער. אַרום דידאָזיקע רייכע רענטיערס, צו וועלכע עס שליסן זיך אָן די „פינאַנסיסטן, וועמעס קאַסעס... עס האָבן... אַ דירעקטן וועג צום מלוכה-אוצר" און אַנדערע, גרופּירט זיך אַ הויך-אַנטוויקלטע (נאָך דער מיינונג פון די פיזיאָקראַטן אַ צו ראַפינירטע) לוקסוס-אינדוסטרי; ווייל דער גוט-באַזיצער, פאַרוואָרצלט אין דער ערד, ווערט אין פאַריז אַ טאָן-געבער פון עלעגאַנץ און גיט אנרעגונגען דעם אַרבעטער, וועלכער הויבט זיך אויף אַזוי אַרום איבער זיין מעכאַנישער ספערע און ווערט אַ באַרימטער מענטש אין זיין קונסט"...

ווי אַזוי יעדע אַרט מלאכה און יעדער האַנדל לעבט נאָר פון די רייכע, וועלכע זענען אַזוי אַרום די שטעט-גרינדער אין דעם פון מיר פעסטגעשטעלטן זין, שילדערט אויף זיין באַקאַנטן איבערצייגנדיקן שטייגער דער אויבנדערמאָנטער מערסיע:

„ווי אַזוי קען מען געפינען אַ מיטל צו העלפן דידאָזיקע מחנה נויטבאַדערפטיקע, וועלכע האָבן נישט קיין אַנדערע מיטלען פאַר זייער לעבנסאונטערהאַלט, ווי נאָר אין דעם פאַרדאָר-בענעם לוקסוס פון די גרויסע...

אין דערדאָזיקער הויפטשטאָט טרעפט מען מענטשן, וועלכע פאַרשווענדן זייער גאַנץ לעבן אויף מאַכן קינדער-שפּילצייג; די פאַרשידענע באַפּוצונגען באַשעפטיקן אַ גאַנצע אַרמיי אַרבע-טער; הונדערט טויזנט הענט זענען דאָרט באַשעפטיקט טאָג ווי נאַכט. פופציק טויזנט אַנדערע וואַרטן אָפּ, מיטן קאַם אין

האַנט, די דערוואַכונג פון דידאָזיקע אַלע ליידיקגייערס, וועלכע וועגעטירן, מיינענדיק אַז זיי לעבן, און מאַכן צוויי מאָל אין טאָג זייער טואַלעט, כדי זיך צו באַפרייען פון דער לאַנגווייליקייט, וועלכע דערדריקט זיי".

אַז אַ נישט קליינע טייל פון דער פּאַריזער באַפעלקערונג האָט געלעבט פון די הכנסות פון דער קירכע און פון אירע דינער, דאָס פאַרגעסן על-פּי-רוב די פיזיאָקראַטן צו דערמאַנען אין זייערע שילדערונגען. אויך אין דאָזיקן פּונקט דינט אונז מערסיע אַלס ווערטפולער מקור, ווען ער שרייבט:

„פּאַריז איז פול מיט גלחים, מיט טאָנזירטן*) קלער, וועלכע דינען נישט דער קירכע, נישט דער מלוכה, וועלכע לעבן אין דער גרעסטער מעטאָדישער פוסט-און-פּאַסקייט און טוען בלויז אומנויטיקע, באַנאַלע זאַכן...

אין אַסך הייזער געפינט מען אַ גייסטלעכן, וועלכן מ׳גיט אַ נאָמען „פּריינט", און וועלכער איז באמת נישט מער ווי אַ חשובער דינער, וועלכער פירט אָן מיט דער דינערשאַפט...

דערנאָך קומען די קינדער-דערציערס, וועלכע זענען אויך גייסטלעכע"... מערסיע, בילד פון פּאַריז (1783) ק. XC

די בישאָפן פאַרגוואַלדיקן לייכט און אָן געוויסנסביסע דעם געזעץ פון וווינען אין זייערע אַמט-שטעט, און פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, וועלכער איז זיי אָנגעוויזן געוואָרן דורך די הייליקע קאַנאַנען. די לאַנגווייליקייט טרייבט זיי אַרויס פון זייערע דיאָסעזן, וועלכע זיי באַטראַכטן ווי אַ מין גלות: זיי קומען כמעט אַלע אין פּאַריז, כדי דאָ צו גענים פון זייערע רייכטימער". דאָרט ק. XCI

דעמזעלבן פּאַרטרויענסמאַן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די איינציקע באַגלויבטע רשימה פון די פאַרשידענע גרופּן פון דער פּאַריזער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן זי צוזאַמענגעשטעלט צום סוף פון דער פּרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. כדי צו מאַכן דאָס בילד נאָך בולטער, וויל איך דאָ ברענגען די רשימה און

*) טאָנזור — איז דער אָפּגעגאָלטער רעדעלע אויפן שאַרבן פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. (איב).

טאָקע אין אַ סכעמאַטיזירטער פאָרם, ווייל עס שניידט זיך גיכער איין אין זכרון.

אין פּאַריז זענען דאָ 8 פאַרשידענע קלאַסן איינוווינער:

1. די פּרינצן און די גרויסע אדל-לייט;
2. פרייע פּראָפעסיעס:
a) אַדוואָקאַטן;
b) די קירכע;
c) די מעדיצינישע וועלט;
3. די פינאַנסיסטן: אָנהויבנדיק פון שטייער-איינמאָנער ביזן מלוה אויף קורצע טערמינען, די חלפנים, דידאָזיקע נייע קראָקאָדילן, פאַרנעמען דעם מיטלפּונקט פון דאָזיקן צעפּרעסנדיקן קערפּער;
4. סוחרים, אָדער הענדלער: זיי לעבן נאָר פון די גרויסע: אַזוי ווי די גרויסע קויפן גאַרנישט פאַר מזומנים, זענען די סוחרים כסדר געצוווּנגען צו גיין זיך דערנידעריקן פאַר זיי, אָדער פאַר זייערע דינערס;
5. די קינסטלער:

די מאַלערס, ⎫
די אַרכיטעקטאָרן, ⎬ נידעריקסטער ראַנג
די סקולפּטאָרן, ⎭

קאָמפּאָזיטאָרן, אַ העכער ראַנג,
שרייבערס, העכסטער ראַנג, ליטעראַרישער אדל;

6. די בעל-מלאכות: פאַרמעגלעכע האַנטווערק-מייסטער, לעבן אויסשליסלעך פון אַרבעט פאַר די רייכע (ווי דאָס איז דערוויזן געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט);
7. די שוואַרצאַרבעטער;
8. לאַקייען;
9. דאָס געמיינע פאָלק.

הייסט עס 9?!

קודם כל איז דאָ אַן אומגעהויערע צאָל „אומפּראָדוקטיווע" מענטשן: צאָלרייכע קלאָגיעס מאָנאַכן;

אַ סך אדעליקע,
„ „ געריכט-דינער,

א סך קאַמער-דינערס,
„ „ אויספירער פון געריכט-אורטיילן,
„ „ אַדוואָקאַטן-שרייבערס,
„ „ טויזנטער שווייצאַרן,
„ „ קאָנטראַבאַנדיסטן,
„ „ רענטיערס,
דערנאָך די פּורמאַנעס,
פּאָסט-קאָנדוקטאָרן,
פערד-דינער.

דערצו קומען נאָך צו די פּ ר ע מ ד ע, וועלכע קומען מחנותווייז קיין פּאַריז. מערסיע, בילד פון פּאַריז II (1788) 39 א. וו. 44 א. וו.

8. לאָ נ ד אָ ן. א מעכטיקער קעניגלעכער הויף, אַרום אים, זייט סוף 16-טן יאָרהונדערט, א קרייז רייכע גרונטבאַזיצער, וועלכע פאַרצערן דאָ זייער רענטע: דאָס איז דער קערן פון לאָנדאָן נאָך אין 17-טן יאָרהונדערט. ווי שטאַרק עס איז געווען די צוציאונגס-קראַפט, וועלכע די הויפּטשטאָט האָט שוין אין 17-טן יאָרהונדערט געהאַט אויף דעם אדל און אויף דער דזשענטרי, קען מען זען פון די צאָלרייכע דעקרעטן, וועלכע — א מערקווירדיקע זאַך! — גראָד די ביידע ערשטע סטיוארטס האָבן אַרויסגעגעבן קעגן דערדאָזיקער בייגונג פון די גרונט-באַזיצנדיקע פאַמיליעס צו וווינען אין לאָנדאָן. איינע פון דידאָזיקע דעקרעטן פון יאָר 1632 זאָגט:

„ווייל דורכדעם, וואָס זיי וווינען אין לאָנדאָן מיט זייערע פאַמיליעס, ווערט א גרויסער טייל פון זייער געלט און פאַרמעגן אַרויסגעצויגן פון די פאַרשידענע געגנטן פונוואַנעט עס שטאַמט און ווערט פאַרשוועגדט אין דער שטאָט אויף מוסרות, וועלכע ווערן אַריינגעפירט פון פרעמדע לענדער... אז דאָס ציט אויך צו א גרויסע צאָל ליידיקגייערס און פוילאַקעס קיין לאָנדאָן און אין וועסטמינסטער" א. א. וו.

אָבער דער גורל פון אַלע אַזעלכע דעקרעטן, וועלכע האָבן געוואָלט צוריקפירן א שטראָם צו זיין קוואַל, איז אויך

געווען דער גורל פון דידאָזיקע וווּין-פּאַרבאָטן: מ׳האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט. גראָד אין משך פון 17-טן יאָרהונדערט האָט די איבערוואַנדערונג פון די גוט-באַזיצער קיין לאָנדאָן געמוזט אָננעמען אַ מאַסן-כאַראַקטער (און דורכדעם טאַקע איז ארויסגערופן געוואָרן דאָס שנעלע וואַקסן פון לאָנדאָן אין דאָזיקן יאָרהונדערט). ווייל סוף 17-טן יאָרהונדערט ווערט אונז לאָנדאָן געשילדערט אַלס אַ „מעכטיקער ראַנדעזי-ווו ארט פון אדל, דזשענטרי, הויף-לייט, גייסטלעכע, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, סוחרים, מאַטראָזן און אַלערליי אויסגעצייכנטע האַנטווערקער, גייסטרייכסטע מענטשן און הערלעכסטע שיינהייטן".

זייט סוף 17-טן און אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט קומט צו צו די אַלטגעזעסענע שטאָט-גרינדער אַ נייער, אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקער: דער מלוכהשער בעל-חוב און דער גרויס-פינאַנסמאַן. אין לאָנדאָן פון 17-טן יאָרהונדערט האָט שוין געהערשט אַ לעבהאַפטער קרעדיט-פאַרקער. וועלכע גרויסע מזומנע סומעס מ׳האָט אין אַ קורצער צייט געקענט צענויפברענגען באַווייזט, למשל, דער פאַקט, אַז דער אַקציען-קאַפּיטאַל פון דער באַנק פון ענגלאַנד (1.200. 900 פ"ש) איז פולגעצייכנט געוואָרן פון 21 יוני ביזן 2 יולי 1694. די שטאָט-בילדנדיקע קראַפט פון די מלוכה-חובות האָט מיט גרויס טרעפלעכקייט באַטאָנט ד. יום: „אונזערע נאַציאָנאַלע חובות ציען מעכטיק צו דאָס פאָלק און די רייכע צו דער הויפּטשטאָט, אַדאַנק די גרויסע סומעס, וועלכע ווערן גענומען אין די פּראָווינצן אויף צו באַצאָלן די פּראָצענטן פון דידאָזיקע חובות".

אינמיטן 17-טן יאָרהונדערט געפינען מיר נאָך די פיינע געזעלשאַפט אין דער סיטי, מיר דרינגען דאָס אַרויס צום ביישפּיל פון די באַקלאָגערייען פון די „פיינבאָזיקע סיטי-דאַמען" אויף דעם קוילן-רויך, וועלכער באַלעסטיקט זיי (דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צו ברענען שטיינקוילן): „אָ, אונזער מאַן, מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט פילן גוט, נישט מיר און נישט אונזערע קינדער, כל זמן מיר וועלן לעבן אין דעם שטיינקוילן-רויך פון דערדאָזיקער סיטי".

פון דעמאָלט אָן הויבט אָן דער אדל איבערצוטראָגן זיינע פּאַלאַצן אין די פאָרשטעט. דער ווייטערפירער פון מידזשס אַרבעט, ה׳ באָלטאָן, גיט אונז אַן אנשוילעך בילד פון דאָזיקן פאַרענדערונגס-פּראָצעס, וועלכן עס לעבט איבער די שטאָט לאָנדאָן אַרום דער העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט. „דער אַדל און די גרעסטע צווישן דער דזשענטרי האָבן זיך איצט אַ סך בעסער איינגעאָרדנט אין פיינע סקווערן אָדער גאַסן, ווו זיי אָטעמען אַ גוטע לופט און פאַרמאָגן הייזער, געבויט לויט דער נייסטער מאָדע“. ער ברענגט דערנאָך אַ לאַנגע רשימה פון אַזעלכע נייע בנינים און מיר באַקומען פון זיינע שילדערונגען אויך דעם איינדרוק, אַז דער כאַראַקטער פון דעם פאָרנעמען לאָנדאָן פון זיין צייט ווערט להלוטין באַשטימט דורך דער באַזעצונג פונם לאַנד-אַדל. גלייכצייטיק געפינען מיר דעם אַדל אין דער אוממיטלבאַרער שכנות פון לאָנדאָן. דעפאָ ציילט אָן 17 שכנותדיקע ערטער פון לאָנדאָן, וואָס זענען אַלע געדיכט-באַפעלקערט און אַרומגעבויט מיט פיינע הייזער, אָדער ריכטיקער פאַלאַצן פון ענגלאַנדס אַדל און דזשענטרי“.

פונקט ווי לאַוואַזיע פאַר פּאַריז, האָב איך אויך געמאַכט דעם פּרווו (כאָטש לויט אַ גאַנץ אַנדער מעטאָד) פעסטצושטעלן ציפערמעסיק דעם אַנטייל פון די שטאָט-בילדנדיקע באַפעלקערונגס-גרופּן ביי דעם אויפבוי פון לאָנדאָן פון 18-טן יאָרהונדערט און כ׳בין דערביי געקומען צום פאָלגנדיקן רעזולטאַט, וועלכער האָט נישט, נאַטירלעך, קיין פּרעטענזיע אויף גענויקייט, אָבער ער געווינט אַ סך אין זיין באַגלויבטקייט אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס דער אויסגערעכנטער אַנטייל פון די פאַרשידענע גרופּעס ווייכט נישט אָפּ קיין סך פון לאַוואַזיעס פאַרהעלטעניש-צאָלן, וועלכער ער האָט צונויפגעשטעלט פאַר פּאַריז (אייגנטלעך ווייכן זיי אָפּ צווישן זיך נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל לאָנדאָנס האַנדל איז געשטאַנען העכער פון פּאַריזער).

דאָס, וואָס ביים באַשרייבן לאָנדאָן ווערט תמיד אַרויסגעשטעלט אויפן ערשטן פּלאַן זיין האַנדל אַלס שטאָט-בילדנדיקער עלעמענט, צום ביישפּיל אויך ביי טשעמבערלענען, איז

באַגריפֿלעך; ער האָט זיך יעדן באַאָבאַכטער געוואָרפֿן אין די אויגן. אָבער די ציפֿערישע פעסטשטעלונג דאַקעגן ווייזט בולט, אַז דער „האַנדל" האָט גאַנץ באַשטימט געקענט דערנערן בלויז די קלענסטע טייל פון דער לאַנדאָנער באַפעלקערונג. דער אַריין- און אַרויספיר פון גאַנץ ענגלאַנד האָט אין יאָר 1700 דערגרייכט דעם ווערט-ציפער פון 214 מיליאָן מאַרק, אַ סומע, וועלכע עס האָט דערגרייכט דער האַנדל פון דער שטאָט ברעמען אַליין אַרום מיטן 19-טן יאָרהונדערט. דער טאָנאַזש פון אַלע שיפן, וועלכע זענען אַריין- און אַרויסגעפאָרן אין יאָר 1688 אין אַלע ענגלישע האַפנס האָט באַטראָפן 285000 ט.. אומגעפער אַזויפיל וויפל ס'האָט דערגרייכט האַמבורגס שיף-פאַרקער אין 1800-טן יאָר, ד. ה. אומגעפער אַ פופציקטהלק פון זיין איצטיקן פאַר-נעם. זע די ציפערן ביי גאָלדשטיין, 143 (לויט טשעלמערס און פרייס וויליאַמס). מ'קען זיך האָבן דעם גרעסטן רעספעקט פאַר לאָנדאָנס האנדלס-גרויס אין יענער צייט, און פונדעסטוועגן מוז מען זיך היטן צו מאַכן איבערגעטריבענע אויספירן פון די פראַזן ביי די דעמאָלטיקע שריפטשטעלער וועגן דער „אומענדלעכער צאָל שיפן, וואָס גלייכן מיט זייערע מאַסטבוימער צו אַ וואַלד, ליגנדיק לענגאויס פון דאָזיקן טייך (טעמזע), אָדער וועגן דער „אומענדלעכער צאָל גרויסע, גוט-איינגעאָרדנטע קראָמען" (טשעמ-בערליין). וויל מען אויסרעכענען דעם אָנטייל פון „האַנדל" אין לאָנדאָנס גרויס ווערן, מוז מען צענויפשטעלן פאָלגנדע ציפער-רעכנונג:

דער אַריין- און אַרויספיר-ווערט פון גאַנץ ענגלאַנד האָט אין 1700 אויסגעמאַכט נישט קיין גאַנצע 11 מיליאָן פ"ש; ווען מיר נעמען אָן, אַז דער ריינער דורכשניט-רווח האָט באַטראָגן 10 פראָצ. (וואָס דאָס איז אויך פאַר יענער צייט געווען אַ גאַנץ גרויסער רווח) באַקומען מיר אַ סומע פון 1.100.000 פ"ש; נעמען מיר ווייטער אָן, אַז דער טייל האַנדל, וואָס פאַלט אויס אויף לאָנדאָן, באַטרעפט 2/3 פון ענגלאַנדס גאַנצן האַנדל (וואָס דאָס איז אויך געוויס זייער אַ גרויסער פראָצענט), באַקומען מיר די קיילעכדיקע סומע פון 750,000 פ"ש האַנדלס-רווח פון די לאָנ-

דאָנער סוחרים. ק י נ ג באַרעכנט די דורכשניט־הכנסה פון אַ האַנטווערקער־פאַמיליע פאַרן יאָר 1688 אויף 40 פ״ש, און פון אַ אַרבעטער־פאַמיליע אויף 15 פ״ש. אויב אַזוי, וואָלטן פון דער אויבנגעבראַכטער סומע געקענט לעבן 7000 האַנטווערקער־פאַמיליעס און 24.000 אַרבעטער־פאַמיליעס, אָדער צו 12.000 פאַמיליעס פון יעדער קאַטעגאָריע. קינג נעמט אָן, אַז יעדע פון די דאָזיקע פאַמיליעס באַשטייט פון $3\frac{1}{2}$, אָדער 4 קעפּ, ד. ה. אַז בלויז $1/7$ אָדער $1/6$ פון דעמאָלטיקן לאָנדאָן האָט געלעבט פון „האַנדל".

איצט מוז מען נאָך אָבער נעמען אין אַכט, אַז דער לאָנדאָנער האַנדל האָט געקענט האָבן אין זיך אַ שטאָט־בויענ־דיקע קראַפט נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל ער האָט נישט פאַרמיטלט ביים סחורות־אויסטויש פאַר דער לאָנדאָנער באַפעל־קערונג גופא. נעמט מען דעמדאָזיקן פאַרמיטלונגס־האַנדל אַראָפּ פון רעכנונג, ווערט נאָך דער אָנטייל פון האַנדל אַ סך קלענער.

אַלס פאַרגלייך קען מען נעמען די ציוויל־רשימות פון די דעמאָלטיקע ענגלישע קעניגן. אין יאָר 1696 האָט דער פאַרלאַ־מענט באַשטעטיקט פאַר ווילהעלם III אַ צ י ו ו י ל ל י ס ט ע אין דער הויך פון 700.000 פ״ש. קעניגין אננא האָט באַקומען די זעלבע סומע. אונטער געאָרג I איז זי געהעכערט געוואָרן אויף 800.000 פ״ש, און אונטער געאָרג II—אויף 900.000 פ״ש (100.000 פ״ש פאַר דער קעניגינס באַזונדערע באַלעבאַטישקייט); חוצדעם האָט נאָך דער פּרינץ פון וועלס געהאַט זיין אייגענע הכנסה אין דער הויך פון 100.000 פ״ש. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער קעניג, די מוטער־קעניגין און דער קרוינפּרינץ האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פאָדערן אומגעפער אַזויפיל הכנסה און במילא אויך צו לאָזן לעבן אַזויפיל מענטשן, ווי די גאַנצע סוחרשאַפט צוזאַמענגענומען. די מיטגעטיילטע ציפערן זענען גענומען געוואָרן פון מידזש און באַלטאַנס ווערק (ז. 236). דאָרט געפינען מיר אויך אין אַ הוספה־באַנד אַ כמעט פולשטענדיקע רשימה איבער די ג ע ה א ל ט ן פ ו ן ד י מ י ל י ט ע ר־ א ו ן צ י ו ו י ל ־ ב א א מ ט ע פון קעניגטום, פון וועלכער ס'איז צו

זײַנען די טײלװײַז אומגלױבלעכע הױך פֿון די שכירות פֿון די העכערע באַאַמטע. עס איז נישט קײן זעלטנהײט אָנצוטרעפֿן סומעס פֿון 1000, 1500 און אַפֿילו 2000 פּ"ש. רעכנט נאָר אױס: כּדי מען זאָל פֿאַרדינען 2000 פּ"ש אַלס האַנדלס-רֶוח, װען מ'זאָל אַפֿילו דעם פּראָפֿיט באַרעכענען אױף 20 פּראָצ. און אָננעמען בלױז אַ צװײמאָליקן קאַפּיטאַל-אומזאַץ אין יאָר, װאָלט דאָס באַטײַט אַן אומזאַץ פֿון 200.000 פּ"ש, ד. ה. אַ פּערציקט-חלק פֿון לאָנדאָנס גאַנצן סחורות-אומזאַץ! פֿאַרטײלט מען דעם אָנטײל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון דעמאָלטיקן לאָנדאָן לױט די אײנצלנע שטאָט-בױענדיקע פֿאַקטאָרן, באַקומען מיר, לױט מײַן פֿאָרשטעלונג, אומגעפֿער דידאָזיקע פֿאַרהעלטניש: צװײ זעקסטל האָבן געלעבט פֿון קעניג און זײַן הױף, אײן זעקסטל פֿון דער באַאַמטנשאַפֿט, צװײ זעקסטל פֿון די באָדן-רענטנערס און פֿון די אומדירעקטע מלוכה-רענטנערס (די הױכע פֿינאַנס), אײן זעקסטל פֿון האַנדל און האַנטװערקערײַ.

## III. די שטאָט־טעאָריעס פֿון 18=טן יאָרהונדערט

אַז די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער גרױסשטאָט אין דער פּרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע איז באמת געװען אַזאַ, װי איך האָב זי פּרובירט שילדערן אױבן, באַװײַזן מיט דער גרעסטער קלאָרקײט די פֿאַרשידענע „שטאָט-טעאָריעס" פֿון 18-טן יאָרהונ-דערט, פֿון װעלכע מיר קענען, לױט מײַן מײנונג, מאַכן אױס-פֿירן װעגן דער נאַטור פֿון די גרױסשטעט פֿון יענער צײַט, װאָרים אױב די מערסטע טײל מחברים האָבן אַפֿילו געמײנט, אַז זײ שילדערן פּשוט „די" שטאָט, אָדער „די" גרױסשטאָט אין זײערע אַנטשטײונגס- און עקזיסטענץ-באַדינגונגען, פֿונדעסטװעגן זײַנען זײערע טעאָריעס נישט עפּעס אַנדערש װי פֿאַראַלגעמײ-נערונגען פֿון די פֿאַקטישע אױסבילדונגען אין זײער אומגעבונג, װעלכע זײ איז אױסגעקומען צו באַאָבאַכטן. דעריבער ברענג

איך דאָ נאָך אַ פּאָר ציטאַטן פון די אַממערסטן געלייענטע און חשובע שריפטשטעלער פון יענער צייט, וועלכע האָבן זיך אַרויס־געזאָגט וועגן דער שטאָט־פּראָבלעם.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז קאַנטילאָן וועגווייזנדיק בנוגע דער טעאָרעטישער קאָנסטרוקציע פון דער שטאָט, ווי בכלל אויף אַ סך אַנדערע געביטן פון דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער וויסנשאַפט אין 18־טן יאָרהונדערט. לויט זיין מיינונג איז די שטאָט אַנטשטאַנען אויף אַזאַ אופן: „אויב אַ פּרינץ אָדער אַ גרויסער מאַגנאַט... באַזעצט זיך פעסט אין אַ געוויסן אָנגע־נעמען אָרט און אויב אַ געוויסע צאָל אַנדערע מאַגנאַטן קומען זיך דאָרט אויך באַזעצן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט זיך זען איינע מיט די אַנדערע און געניסן פון אַ אָנגענעמער געזעל־שאַפט, ווערט דאָס דאָזיקע אָרט ווערן אַ שטאָט. מ׳וועט דאָרט אויסבויען גרויסע הייזער אַלס וווינאָרט פאַר די אויבנדערמאָנטע מאַגנאַטן; מ׳וועט דאָרט אויסבויען אַ מאַסע אַנדערע הייזער פאַר די סוחרים, האַנטווערקער, און בכלל פאַר מענטשן פון אַלערליי פּראָפעסיעס, וועלכע די רעזידענץ פון דידאָזיקע מאַגנאַטן וועט צוציען אין דאָזיקן אָרט. אויף צו באַדינען דידאָזיקע מאַגנאַטן וועט מען נויטיק האָבן בעקערס, קצבים, ביר־ברויערס, ווין־הענדלער, אַלערליי פאַבריקאַנטן: און דידאָזיקע אונטערנעמער וועלן אויסבויען הייזער אין דאָזיקן אָרט, אָדער זיי וועלן אָפּדינגען הייזער, וועלכע אַנדערע אונטער־נעמער האָבן אויסגעבויט;... אַלע קליינע הייזער אין אַ שטאָט, וועלכע ווערט דאָ באַשריבן, הענגען אָפּ און עקזיסטירן פון די אויסגאָבן פון די גרויסע הייזער... דידאָזיקע שטאָט וועט נאָך גרעסער ווערן, אויב דער קעניג, אָדער די רעגירונג וועלן דאָרט איינאָרדנען געריכטן... אַ הויפּטשטאָט ווערט געפאָרמט אויפן זעלבן אופן, ווי אַ פּראָווינץ־שטאָט... אַלע מלוכהשע ערד־שטחים העלפן מער אָדער ווייניקער מיט אויסצוהאַלטן די איינוווינער פון דער הויפּט־שטאָט".

קאַנטילאַן, אָפּהאַנדלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון האַנדל, 1755, ז. 17 און וו.

דעמדאָזיקן געדאַנקענגאַנג געפינען מיר מיט נישט-עיקרדיקע ענדערונגען אין כמעט אַלע אָפּהאַנדלונגען פון יענער צייט, וועלכע באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער שטאָט-בילדונג; פאַרשטייט זיך, אַז באַזונדערס שאַרף האָבן אים אויסגעאַרבעט די פיזיאָקראַטן, ווייל ער האָט געדאַרפט דינען אַלס שטיץ-פונקט פאַר זייער טעאָריע, אָבער ער ווערט איבערגענומען אויך פון אַ סך נישט אָרטאָדאָקס-פיזיאָקראַטישע שריפטשטעלער.

אין דער פאָלקסווירטשאַפטלעכער ליטעראַטור פון 18-טן יאָרהונדערט פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט די דיסקוסיע וועגן דעם פון פאָלקסווירטשאַפטלעכן שטאַנדפונקט צוועקמעסיקסטן אופן אויסצוגעבן די באָדנרענטע, ווייל דאָס מאַכט דאָך אויס דעם עיקר-אינהאַלט פון די אומצייליקע שריפטן און קאַפּיטלען וועגן דעם „לוקסוס”, וועלכע כאַראַקטעריזירן, ווי באַקאַנט, די נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע ליטעראַטור פון 18-טן יאָרהונדערט נישט ווייניקער, ווי די טראַקטאַטן וועגן דער באַפעלקערונג.

אָבער היות די אויסגעבונג פון דער פון פאָלקסווירטשאַפטלעכן שטאַנדפונקט אַזוי וויכטיקע סומעס פון דער נאַציאָנאַל-הכנסה איז פאָרגעקומען אין די שטעט, דער עיקר אין די גרויס-שטעט, האָט זיך דעריבער די לוקסוספראַגע פאַרשמאָלצן מיט דער גרויסשטאָט-פראַגע: כמעט אַלע לוקסוס-שריפטשטעלער ציען אַריין אין זייערע אָפּהאַנדלונגען די פראָבלעם: וואָס מאַכט די שטעט אַזוי רייך אין מענטשן? וואָס לעבט אין די שטעט? פאַרוואָס ווערן דאָ אויסגעגעבן די הכנסות פון די רייכע? ווי אַזוי ווירקט דער אופן פון אויסגעבן אויפן גאַנג פון דער פאָלקסווירטשאַפט?

כדי צו דערווייזן דידאָזיקע שייכות צווישן דער לוקסוס-און דער שטאָט-טעאָריע אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט, איז גענוג צו דערמאָנען קוועסנייס "אינטערעסאַנטע פראַגן וועגן דער באַפעלקערונג, דער אַגריקולטור און דעם האַנדל” (אין אָנקענס אויסגאַבע, ז. 250 און ו.), ווי די צוואַנציק פראַגן אין קאַפּיטל „שטאָט” באַהאַנדלען יענע

דערמאָנטע פּראָבלעם וועגן צוזאַמענהאַנג צווישן שטאָט־בילדונג און פאָלקסווירטשאַפטלעכער צירקוליאַציע. זע צום בײַשפּיל די פ ר אַ ג ע XV (ז. 297): „צי זענען די גרויסע פאַרמעגנס, וועלכע שאַפן זיך אין די גרויסע שטעט, נישט שעדלעך פאַר דער לאַנדווירטשאַפט... צי דען באַווייזן נישט דידאָזיקע גרויסע פאַרמעגנס, אַז די רייכטימער זאַמלען זיך אָן אין די שטעט, אַז זיי קערן זיך שוין נישט אום אין די ד ע ר פ ע ר?" אָדער די פראַגע XVIII (ז. 298): „צי דען פאָדערט נישט די סאַנירונג פון די הכנסות פון גרונד־באַזיץ, אַז די גוטבאַזיצער און די וואָס קענען מאַכן גרויסע אויסגאַבן, זאָלן וווינען אין די דערפער? צי דען זענען די אויסגאַבן, וועלכע זיי מאַכן אין די שטעט נישט גינסטיק פאַר די דערפער אין דערזעלבער מאָס, פונקט ווי ווען זיי וואָלטן פאָרגעקומען אין די דערפער גופא?" און א. וו. אָדער אין קאַפּיטל „רייכטימער" אַרטיקל VI (ז. 302): „פון זינט די גרויסע הערן און די רייכע האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דער הויפּט־שטאָט אַריין, זענען דען נישט אַ סך גרעסער געוואָרן זייערע אויסגאַבן און צי דען איז נישט געדרונגען דערפון, אַז דער לוקסוס איז אויסגעוואַקסן? צי דען איז דער לוקסוס נישט תמיד פּראָפּאָרציאָנעל צו דער רייכקייט פון דער נאַציע?" א. אַ. וו. א. אַ. וו. אויך קוועסניי באַזירט אין דאָזיקן געדאַנקענגאַנג אויף קאַנטילאָן, וועלכער באַהאַנדלט אָפט אין דער ערשטער טייל פון זיין גלענצנדער אָפּהאַנדלונג דיזעלבע פּראָבלעמען. זע צום בײַשפּיל דאָס קאַפּ XIV, וואָס זיין איבערשריפט שליסט איין אין זיך אַ גאַנצע פּראָגראַם.

אַלס פאַרגלייך מיט קאַטילאָנס טעאָריע ברענג איך נאָך פאָלגנדיקע שטעלן: „די רייכטימער פון דערדאָזיקער שטאָט ציען צו אַהין די פאַרמעגנס. כדי צו געניסן פון זיי און אָנטייל נעמען אין זיי, פאַרלאָזן די רייכע גוטבאַזיצער זייערע דערפער, פאַרברענגען עטלעכע חדשים אין דערדאָזיקער שטאָט, בויען דאָרט אויס פּאַלאַצן. די שטאָט וועט וואַקסן פון טאָג צו טאָג... דידאָזיקע שטאָט וועט סוף־כל־סוף טראָגן דעם נאָמען פון אַ רעזידענץ." העלוועטיוס, וועגן מענטשן, VI, קאַפּ. VII

(ווערק 2, 360). וועגן קוועסנייס ענלעכן געדאַנקענגאַנג איז שוין דערציילט געוואָרן. אינגאַנצן אויסגעהאַלטן אין זיין גייסט זענען די אויספירונגען פון גראַף מ י ר אַ ב אָ, וועגן דער פּרייסישער מאָנאַרכיע אונטער פרידריך דעם גרויסן, 1 (1788), 403 און ווייט.

פון איטאַליענער דאַרפן צווישן אַנדערע דערמאָנט ווערן ב ע ק א ר י אַ און פ י ל א נ ד ז ש י ע ר י : „די סאַמע גרעסטע ערד-אייגנטימער, וואָס די גרעסטע טייל פון זייערע באַדערפענישן און זייער ראַפינירט לעבן, וואָס איז אָפּגעטיילט פון די ארימע און גראָבע מנהגים פון המון, האָט זיי געוואָרפן אין די אָרימס פון לאַנגווייליקייט — האָבן זיך ביסלעכווייז געמוזט פאַרייניקן און לעבן אין דער נאָנט פון קוואַל פון די געזעצן, ביי די העכסטע ריכטער-אַמטן, כדי צו הערשן און פאַרגרעסערן די ספערע פון זייערע פאַרגעניגנס, פאַרשפרייטן די ספערע פון זייער מאַכט. אָט דאָס איז דער אורשפרונג פון די גרויסע שטעט, און במילא אָדער איצט, אָדער פריער — הויפטשטעט". צ. בעקאַריאַ, „עקאָנאָמיא פובליקאַ" (1771) § 30. אויך פילאַנדזשיערי מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך די גרויסע גרונט-באַזיצער פאַר דער אַנטשטיי-אונג פון די גרויסע שטעט. „דאָרט, כדי אַרויסצושטעלן זיין לוקסוס און זיין עשירות, באַשעפטיקט ער, מיסברויכט און פראַ-פּאַנירט דעם פּענזל פון מאַלער, דעם שנייד-מעסער פון סקולפּטאָר, דעם זשעני פון אַרכיטעקטאָר, די פאַנטאַזיע פון דיכטער און אַלע יסודות פון דער אינדוסטרי און קונסטן. דאָרט האַלט ער אויס אַ מחנה פוילענצער, וועלכע דינען מער פאַר זיין כבוד וועגן, ווי פאַר זיין באַקוועמלעכקייט. ענדלעך פאַרצערט ער דאָרט אַלע זיינע הכנסות און די הכנסות פון זיינע יורשים". ג. פילאַנדזשיערי, עקאָנאָמישע לייזונגען און פּאָליטישע לייזונגען (1780).

אויך אין ענגלאַנד איז די סטיואַרטשע שטאָט-טעאָריע אין גרונט גענומען בלויז אַן איבערחזרונג פון קאַנטילאָנס געדאַנקענגאַנג, בלויז מיט דעם חלוק, וואָס נעבן די לענדלאָרדס באַצייכנט

סטיוואַרט אַלס פרייען שטאָט-אויפבויענדיקן עלעמענט אויך די פאַרטרעטער פון דער „געלט-מאַכט", מענטשן מיט וועלכע-נישט-איז „שוין דערוואָרבענע" אַנטייל-רעכט אויף טיילן פון דער נאַציאָנאַל-הכנסה; ערשט אַרום זיי דאָזיקע גרופירט זיך דאַן די האַנדל- און האַנטווערק-באַפעלקערונג.

# דאס דריטע קאפיטל:

# די סעקוליאריזאציע פון דער ליבע

## מקורים און ליטעראַטור

עלטערע (קוועלן) ליטעראַטור. פאַרן רענעסאַנס: די ווערק פון קאפפע-לאַנוס, פעטראַרקאַ, באָקקאַטשיאַ, ל. וואַללאַ, בעמבאָ, קאַסטיגליאָנע, בעקקאַ-דעללי, פירענצואָלאַ, ארעטינאָ, בעלליי, מאָנטען, ראַבלע.

פאַרן 17=טן יאָרהונדערט: די זאַמלונג „סאַטירישע קאָלעקציע, אָדער אַ פולשטענדיקע זאַמלונג פון פּיקאַנטע און פרייליכע פערזן פון דערדאָזיקער צייט." (פראַנצ.) אַ סך מאָל געדרוקט, צ. אַנד. פאַריז 1632. די ווערק פון אָורעי, פון פּ. דע בראַנטאָם (דאָס לעבן פון בארימטע פרויען, דאָס לעבן פון גאַלאַנטע פרויען א. אַנד. לעצטנס דערשינען אין דייטש אין 1905, אין אינזעל-פאַרלאַג אין 1907) און אויסגעצייכלטע אַנדערע.

פאַרן 18-טן יאָרהונדערט: די ווערק פון רעסטיוו דע לאַ ברעטאָן, באַ-זונדערס „דער קעניגלעכער פּאַלאַץ", 3 בענדער 1790. אַ נייע אויפלאַגע אין דער זאַמלונג: די לייכטע זייטן אין 18-טן יאָרהונדערט; אריינפיר און באַמערקונגען פון אַנרי ד'אַלמעראַס, און: דער עיקר די רייכע מעמואַרן=ליטעראַטור.

נייערע ליטעראַטור. פאַרן מיטלאַלטער: אַ. שולץ דאָס הויפישע לעבן אין דער צייט פון די מינעזינגער (דייטש). 2 אויפלאַגע, 1889. פאַר דער רענעסאַנס-צייט קומען קודם כל אין באַטראַכט די באַקאַנטע אַלגעמיין=געשיכטלעכע ווערק פון בורקהאַרדט, גרעגאַראָוויאוס, גרים א. אַנד., צו וועלכע עס איז איצט צוגע-קומען אַ שיין בוך פון קאַז. כלעדאָווסקי: רוים: די מענטשן פון דעם רענעסאַנס (פּויליש), 1912. באַזונדערס רייך איז די נייע ליטעראַטור איבער דאָס לעבן

פון די גרויסע קורטיזאנעס פון דער רענעסאנס-צייט. מ'האט אפילו בעהאלטן פאר נייטיק ארויסצוגעבן די בריוו פון דידאזיקע דאמען. פארן 17-טן און 18-טן יארהונדערט, א חוץ אלגעמיינע ווערק פון קולטור-היסטארישן אינהאלט: ענבערט דע סענט-אמאנדיע, פרויען פון ווערסאל: די פרויען פון לואי דעם XV-טנס הויף (פראנצויזיש) 2 בענד, 1876; די פרויען פון לואי דעם XVI-טנס הויף (פראנצ.) 2 בענד, 1876. ארסען הוסיי, א גאלעריע פון XVIII יארהונדערט (פראנצ.). צווייטע סעריע: פרינצעסינס פון דער קאמעדיע און געטינס פון דער אפערע (פראנצ.). פערטע סעריע: מענער און פרויען פון הויף (פראנצ.) 1858 (זייער וויציק און גייסטרייך).

טעאדאר גריזינגער. דאס דאמען-פאלק ביי די פארשידענע אייראפעישע הויפן אין די צוויי לעצטע יארהונדערטן. ערשטע סעריע: די גרויסע פראנצויזישע פארגעדער (דייטש), 2 בענד 1866, 1867. צווייטע סעריע: ווערסאל אין דייטשלאנד (דרעזדען און האנאווער) (דייטש), 2 בענד, 1869, 1870. (א רייכער מאטעריאל, אבער אנעקדאטיש צעזויפגענומען און אן א קוועלן-נאכווייז.) אלבערט סאווין, דער גאלאנטער הויף פון שארל II. (פראנצ.) 1908. (א גוטע, קוועלן-מעסיקע ארבעט).

אין דער וועלט פון די טעאטער-פרייצעסינס פירן גוט אריין די דערינערונגען פון דער פרל. דיוטע פון דער אפערע 1748 — 1830 (אפאקריף) (פראנצויזיש), ניי ארויסגעגעבן מיט זייער א באלערנדיקן אריינפיר פון פ א ל ז ש י נ י ס ט י.

א באזונדער קלאס בילדן די פרעכטיקע און זייער באלערנדיקע ביכער פון די ברידער גאנקור, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט אונזער פראבלעם: אינטימע פארטרעטן פון XVIII-טן יארה. (פראנצ.) נייע אויסגאבע. 2 בענד 1873; לואי דעם XV-טנס מעטרעסעס (פראנצ.) 1860; די פרוי אין XVIII-טן יארה. (פראנצ.) 1862; די ליבע אין XVIII-טן יארה. (פר.) 1875; דער עיקר די ביידע ווערק איבער דער „פאמפאדור“ און דער „דיובארי“ (פראנצויזיש).

פארשטייט זיך, אז יעדע איינע פון די „גרויסע“ מעטרעסעס, באזונדערס פון די קעניגלעכע, האט ארויסגערופן אן אייגענע רייכע ליטעראטור. פארקערט ווידער קומט דא אויך אין באטראכט די ליטעראטור וועגן דער געשיכטע פון די איינצלנע ה ע ר ש ע ר, וועלכע קען דא נישט אויסגערעכנט ווערן פונקט אזוי, ווי די ליטעראטור וועגן דער געשיכטע פון די איינצלנע הויפן, צווישן וועלכע עס פארנעמט דעם ערשטן פלאץ דאס בארימטע, ריזיקע ווערק פון וועהזעס, געשיכטע פון די דייטשע הויפן זייט דער רעפארמאציע 1851 — 1858. 48 בענדער. פאר פראנקרייך דארף באזונדער דערמאנט ווערן: סאוואל, די ליבעס פון די פראנצויזישע קיסרים אונטער פארשידענע דינאסטיעס.“

די מעטרעסנווירטשאפט פון דער פראנצויזישער הויכער פינאנס-וועלט שילדערט גענוי: ה. טיריאן, דאס פריוואטע לעבן פון די פינאנסיסטן אין XVIII-טן יארהונדערט (פראנצ.), 1895.

פאַראַן אַ גאַנצע ספּעציעלע ליטעראַטור, וואָס שילדערט די ס אַ ל אָ נ ע ן אין די פאַרשידענע לענדער און אין פאַרשידענע צייטן.

אָהער געהערן אויך די (אמת זייער אומפּרוכטבאַרע) אַלגעמיינע ווערק איבער דער געשיכטע פון די פּרויען: גראַף דע סעגאר: די פּרויען (פראַנצ., 3 בענדער, 1803. ג. קלעם: די פּרויען (דייטש). קולטור־געשיכטלעכע שילדערונגען וועגן צושטאַנד און וועגן דעם איינפלוס פון די פּרויען אין די פאַרשידנסטע לענדער און תקופות. 6 בענדער 1859 (דער טיטל איז דאָס בעסטע פון גאַנצן בוך; אין באַטראַכט קען קומען בלויז באַנד 2). ה. שויבע, די פּרויען פון 18־טן יאָרהונדערט (דייטש) 2 בענדער, 1876. דערנאָך די באַקאַנטע ביכער פון שער און אַנד.

אויך אין די אַלגעמיינע „זיטן־געשיכטעס" געפינט זיך אַ געוויסער מאַטעריאַל. אַזוי, למשל, אין די ביכער פון ר. גינטער: קולטור־געשיכטע פון דער ליבע, (דייטש) 1899; פון עדוואַרד פוקס, אילוסטרירטע זיטנגעשיכטע פון מיטלאַלטער ביז צו דער קעגנוואַרט (דייטש); רענעסאַנס, 1909. די גאַלאַנטע צייט, (דייטש), 1910 (דערצו קומען צו דערגענצונגס־בענדער, וועלכע באַהאַנדלען די אויסגעלאַסנקייטן), ווערטפול צוליב די בילדער; פון ע. דירען, ענגלאַנדס זיטנגעשיכטע (דייטש), 2 אויפ. 2 בענדער, 1912, און אַנד.

זעלבסטפאַרשטענדלעך געהערט דאָ אויך אַ גרויסע טייל פון דער קונסטהיסטאָרישער ליטעראַטור, וועלכע ס'איז מיר אָבער אוממעגלעך אויסצורעכענען איינציקווייז. כ'וויל בלויז אויפמערקזאַם מאַכן אויף איין בוך, ווייל עס געהערט צו אַ צווישנגעביט און איז דעריבער זייער באַלערנדיק: ווירזשיל יאָש, פראַגאָנאַר: זיטן פון XVIII יאָרהונדערט (פראַנצויזיש), 1901.

ווייניק וויכטיק, — ווייל זיי פעלט דער היסטאָרישער געזיכטס־פונקט, וועלכער אינטערעסירט אונז דאָ פריער פאַר אַלץ — זענען די צאָל רייכע מאָדערנע ווערק וועגן „ליבע", „סעקסואַל־פּראָבלעמען", „חתונה" א. א. וו. אַ גוטע איינפירונג אין דערדאָזיקער ליטעראַטור איז איצט דאָס בוך פון מאַקס ראָזענטאַל, די ליבע, איר וועזן און איר ווערט (דייטש), 1912.

ענדלעך דאַרף מען אויך אָנווייזן אויף די ווערק וועגן דער געשיכטע פון דער פּראָסטיטוציע, צווישן וועלכע דאָס בוך פון פראַנצויז דיופור איז דאָס באַקאַנטסטע.

## I. דער זיג פון דעם אומגעזעצלעכקייט־פרינציפּ אין דער ליבע

איך ווייס נישט, צי ס'איז דאָ נאָך אַ געשעעניש, וואָס זאָל זיין וויכטיקער פאַר דער גאַנצער לעבנס־געשטאַלטונג פון דער אַלטער און נייער געזעלשאַפט, ווי די וואַנדלונגען, וועלכע ס'האָבן דורכגעמאַכט די קעגנזייטיקע באַציונגען פון די מינים זייט דעם מיטלאַלטער ביז צו דער ראָקאָקאָ־צייט. באַזונדערס איז די פאַרשטענדליש פאַר דער געגעזיס פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם ענג פאַרבונדן מיט דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פון יענע ראַדיקאַלע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דערדאָזיקער וויכטיקסטער אנגעלעגנהייט. כּדי צו באַגרייפן אַזאַ אינערלעכן פּראָצעס, ווי דאָס זענען די ענדערונגען אין די אָנשויאונגען איבער ליבע און ליבעס־באַציונגען, זענען דאָ צוויי דערקענטניש־וועגן: מיינונגען פון רעפּרעזענטאַטיווע מענער (און אין דאָזיקן באַזונדערן פאַל אויך פון ענלעכע פרויען) און קאָנקלודענטע האַנדלונגען פון באַטייליקטע. די „מיינונגען" קענען טראָגן אַ פאַרשידנאַרטיקסטן כאַראַקטער: זיי קענען געמאַכט ווערן אין טראַקטאַטן, וועלכע באַהאַנדלען די ליבע „He'quali si zagiona d'amore" ווי דאָס הייסט אין די אַזאָלאַני; דאָס קענען אָבער אויך זיין דיכטערישע, אָדער קונסט־ווערק, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער „גייסט פון דער צייט". אַז דערדאָזיקער „גייסט פון דער צייט" איז אויך (און גראָד) אין דאָזיקן פאַל תּמיד דער „גייסט" פון אַ גאַנץ־באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער שיכט, אין אונזער פאַל פון דער הויף־און אַדל־געזעלשאַפט און פון די־יעניקע, וועלכע האָבן זיי נאָכגעטאַנצט, איז אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע זאַך. דאָס ליבעס־לעבן פון די בירגער אַנטוויקלט זיך אין אַ לחלוטין קעגנזעצלעכער ריכטונג, ווי ביי די קאַוואַלירן (און ברענגט צולעצט אויף דער וועלט דעם קאַפּיטאַליסטישן אונטערנעמער).

איין לעבנסגעשטאַלטונג בייט אָפּ די צווייטע, ווי די כוואַליעס אין ים. די כוואַליע, פון וועלכער מיר ווערן איצט געטראָגן, האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט דער, וועמעס אויפשטייג און אָפּפאַל מיר ווילן איצט נאָכפּאָלגן: זי קומט פון די צעך-שטיבער און פון קאַלווינס און דזשאָן נאָקסעס פּרעדיקן, פון דאָרט, ווו עס איז דער מקור פון אַלע באַגריפן פון בירגער-לעכער אנשטענדיקייט. אָבער אַפילו אין רוים פון איין- און-דעמזעלבן קולטור-קרייז גייט נישט די אַנטוויקלונג אין אַ גאַנץ-גלייכער ליניע: דאָ און דאָרט ווערט די ריכטונג אָפּגעשטויסן אין אַ זייט דורך קעגנטענדענצן. און בלויז ביי זייער אַ ברייטן איבערבליק קענען מיר רעדן וועגן אַ איינהייטלעכער און גראַד-ליניקער אַנטוויקלונג, וועלכע עס האָט דורכגעמאַכט די אויפפאַ-סונג פון דער ליבע און פון איר אויסלעבן זיך אין אונזער עפּאָכע (זייט די קרייץ-צוגן ביז צו פּוילס דריי צילינדערס, אָדער דער איינבירגערונג פון דער קאָקס-באַנוצונג).

ווי אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען האָט דאָס איראָפּעישע מיטלאַלטער אויך דעם קאסמישן פענאמען פון דער ליבע צווישן דיביידע מינים געשטעלט אין דינסט פון אַ העכערן פּרינציפּ: פון גאָט. דאָס איז געשען אויף צווייערליי אופנים: אָדער די ערדישע ליבעסגעפילן פלעגן אוממיטלבאַר רעליגיעז געהייליקט ווערן און מ׳פלעגט זיי ווענדן אויף אַן איבערערדישן אָביעקט (ווי אין מאַריענקולט), אָדער די ליבע איז געבונדן געווען צו אַ געוויסער אינסטיטוציע און דידאַקטיקע אינסטיטוציע (דער חתונה-אינסטיטוט) איז אַנערקענט געוואָרן אַלס איינריכטונג, וועלכע גאָט האָט געבענטשט און זי איז אים ניחא. יעדער אַנדער מין געשלעכטס-ליבע, וואָס איז נישט געהייליקט צו גאָט און נישט געבונדן מיט דעם חתונה-אינסטיטוט, איז געשטעמפּלט געוואָרן אַלס „זינד".

אַ ראַדיקאַל-אַנדער אויפפאַסונג וועגן וועזן פון דער ליבע דרינגט אַריין אין ברייטע קרייזן צוערשט אין די יאָרהונדערטן פון די „מינעזינגער"; דאָס הייסט אומגעפער זייט דעם 11-טן יאָרהונדערט, וואָס בילדעט בכלל אין אַלע הינזיכטן דעם אָנהויב

פון פאַרוועלטלעכן דעם לעבנספיר: דאָס שרעק־יאָר 1000 איז
געלעגן פון הינטן, נייע זילבער־גרובן זענען אַנטדעקט געוואָרן
און די באַציונגען צום אָריענט זענען געוואָרן ברייטער און
ענגער. אין דער פּראָוואַנס, וועלכע איז אין 11־טן און 12־טן
יאָרהונדערט געגליכן געווען, לויט עמעצנס אַן אויסדרוק, צו אַ
„רויק און פריידיק בליענדן אינזל אינמיטן פון שטורמישן ים",
האָבן ווידער גענומען קלינגען די טענער פון אַ פרייער, ערדי־
שער ליבע אין די לידער פון די טרובאַדורן, וועלכע הויבן אָן
זייער טעטיקייט אומגעפער אַרום 1090, און לעבן איבער זייער
בלי־פּעריאָד פון מיטן 12־טן ביז צום מיטן 13־טן יאָרהונדערט.
נאָך זיי קומען די דייטשע מינעזינגער. אין איטאַליע שטייט
אויף אַ גרויסע פּלעיאַדע לירישע דיכטער, וועלכע זינגען בלויז
פון ליבע: נישט ווינציקער ווי 126 אַזעלכע ליבע־דיכטער פון
דעם יאָרהונדערט וואָס פאַר דאַנטען געפינט מען אין איינער
פון די זאַמלונגען, וועלכע כ'האָב גראָד אונטער דער האַנט.

דאָס גאַנצע מינעגעזאַנג דערשיינט אונז היינט פאַלש,
געדרעקסלט, געקינסטלט. אָבער גראָד אין דעם ווייזט ער אַרויס
זיין כאַראַקטער אַלס דער נאַטירלעכער ערשטער אָנפאַנג פון
מאָדערנער ליבע. דאָס איז אויסגעשפּראָכענע פּובערטעט־עראָטיק,
וואָס שעפּט זיך אויס אין פאַרהימלישן די געליבטע, אין שמאַכטן
און זיפצן, אין טרוימען און פאַרהערלעכן. אויף דעם פעסטן
באָדן פון נאַטירלעכער זינלעכקייט טרעטן מיר אַרויף ערשט אין
14־טן יאָרה., און מיר קענען אַפילו נישט זאָגן מיט זיכערקייט,
צי די לעבנסקרייזן פון די מינעזינגער האָבן זיך אוממיטלבאַר
אויסגעשפּרייט אין דער געזעלשאַפט, וועלכע מיר געפינען אַרום
פּויפּסטלערן הויף אין אַוויניאָן, אָדער אַרום באָקאַטשיאָס פיאַ־
מעטטאַ. אויב מ'זאָל שענקען צוטרוי אַזאַ עדות ווי אולריך פאָן
ליכטענשטיין, איז די ליבעס־פריידיקע צייט פון מינעגעזאַנג
בלויז געווען אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט זיך געענדיקט אין 13־טן
יאָרהונדערט. אין זיין „פרויענבוך" (1257) באַקלאָגט ער זיך, אַז
די פרויען פאַרקערן נישט מער אַזוי אומגעצוווּנגען מיט די
מענער, ווי פריער: זיי טראָגן נישט מער קיין שיינע קליידער,

זיי פאַרדעקן דאָס פּנים מיט געדיכטע שלייערן און באַהענגען פרום די העלזער מיט געבעט-פּאַטשערקעס. דער פריידיקער לעבנסגענוס, מיינט אולריך פאָן ליכטענשטיין, וועלכער האָט צוגעגעבן אַזאַ חן דער פריערדיקער צייט, איז זיי שוין פרעמד געוואָרן. די מענער געפינען זייער פרייד אין דער יאַכט, לאָזן זיך אַרויס פרימאָרגנס אין פעלד מיט די הינט, קערן זיך אום אַהיים אוונטצייט מידע, און אנשטאָט צו ווידמען זיך זייערע פרויען אָדער דאַמען, פאַרברענגען זיי זייער צייט ביים ביינער-שפּיל און שכּורן מיט זייערע חברים.

אָבער ס׳קען זיין, אַז דאָס איז גילטיק נאָר פאַר דייטש-לאַנד, וועלכע קומט ווידער אין באַטראַכט פאַר דער געשיכטע פון דער ליבע (מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען) ערשט אין אַ גאַנץ אַנדער עפּאָכע (ווייסאַר !). אין די דרומדיקע לענדער לאָזט זיך גיכער גלויבן אין אַ קאָנטינואירלעכער אַנטוויקלונג פון די טרובאַדורס. יעדנפאַלס איז די שטימונג, וועלכע באַהערשט, למשל, דעם „דעקאַמעראָן״, אַן אוממיטלבאַרער המשך פון דער ליבע-פאַרשכּורטקייט אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן: דאָס איז די רעאַקציע פון דער געזונטער זינלעכקייט קעגן אַ איבער-טריבענעם אידעאַליזם, וועלכער דריקט זיך נאָך אבער צוערשט אויס אין קינדישע פאָרמען: די רייצן פון געשלעכטסגענוס ווערן ווי פונסניי אַנטדעקט, און דאָס אויפהויבן פון די שלייערן און שטאָפּן פאַרשאַפט אומגעהייערע פריידן. דער גרונטטאָן, אויף וועלכן אַלץ איז איינגעשטעלט, קלינגט אַרויס פון די פאָלגנדיקע ווערטער פון דער פרומער און תאוהדיקער מנישקע ביי באָקאַטשיאָ: „און איך האָב אַ סך מאָל געהערט פון אַ סך פרויען, וועלכע זענען געקומען צו אונז, אַז אַלע תּענוגים אויף דער וועלט זענען אַ חוזק אין פאַרגלייך מיט יענעם, וועץ אַ פרוי געפינט זיך מיט אַ מאַנסביל.״ דאָס ווייב דערשיינט נאָך אַלץ אין דעם מאַנס פאַרשטעלונג אָנגעקליידט: מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז דער „דעקאמעראָן״ איז געשאַפן געוואָרן אין דזשיאָטאָס צייט.

מבשרים פון דער נייער אויפפאַסונג זענען אין דער

קונסט אויך די לעבנסגעטרייע אפבילדונגען פונם נאַקעטן מענטשן אין די ראַמען פון די רעליגיעזע מיטן, באַזונדערס פון אדם מיט חוהן: די בילדער און סטאַטועס פון דער ערשטער העלפט 15־טן יאָרהונדערט ווייזן אונז קלאָר און בולט, אַז די אויגן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו זען פלייש און בלוט. יאַן און הובערט וואַן עיקס אדם און חוה אויף די טירלעך פון אַלטאַר אין דער ס. באוואָ קירכע אין גענט (איצט אין בריסעלער מוזעאום), יאַקאָ־פּאָ דעללאַ קווערסיאַס רעליעפן אויף די טיר־זיילן פון ס. פּעט־ראָניאָ אין באָלאָן (געשאַפן אַרום 1425), מאַסאַטשיאָס פרעסקן אין דער קאַפּעללאַ בראַנקאַטשי פון דער קירכע סאַנטאַ מאַריאַ דעל קאַרמינע אין פלאָרענץ, און דער עיקר גיבערטיס (1378—1458) רעליעפן אויף די אַרץ־טירן אין באַפּטיסטעריום אין פלאָ־רענץ זענען ווי דער פרימאָרגנשטערן פון אַ נייער צייט.

אָבער ערשט דער סוף פון 15־טן יאָרהונדערט זעט די פרוי נאַקעט, אַלס ווייב, און אַנטדעקט די אינטימע שיינקייטן פון ווייבלעכן קערפּער און שעפּט אויס ביזן סוף די רייצן פון דער זינלעכער ליבע. מען קעמפט פאַר דער ליבע און פאַר דער פרוי: די מאָלער מאָלן מיט גרויס ליבע דעם „קאַמף פון דער ליבע מיט דער צניעות". (פּיעטרא פּערודזשינאָ, סאַנדראָ באָטיטשעלי), אָבער וועגן רעזולטאַט איז נישטאָ קיין שום ספק: אין די פרעסקן, וועלכע פראַנטשעסקאָ קאָססאַ מאָלט אין פּאַלאַצאָ שיפאַנאָיאַ, אין באָטיטשעליס פרילינג, אין זיין „געבורט פון דער ווענוס" רייסט זיך זיגעריש דורך די ליבע צום ווייב און איר שיינקייט.

דאָס, וואָס ל אָ ו ר ע נ ט י אָ ס ו ו אַ ל ל אַ האָט טעאָרע־טיש אויסגעדריקט אין זיין טראַקטאַט וועגן דער לוסט (1431), טרעט בולט אַרויס פאַר אונז אין די ווערק פון די מאָלער און דיכטער אַלס עמפינדונג פון ווירקלעכן לעבן: „איז דען דאָ עפּעס זיסערס, דערקוויקלעכערס, ליבלעכערס פון אַ שיין געזיכט. באמת, אויך דער אַריינגאַנג צום הימל קען נישט אויסזען ליבלעכער". וואַללאַ איז אויפגעבראַכט, וואָס די פרויען שטעלן נישט אַרויס נאַקעט פאַר אַלעמענס אויגן זייערע שענסטע

קערפּער-טײלן. זײן שילדערונג פון פרויען-קערפּער דערמאָנט אָן די שענסטע סטראָפן פון הײנריך הײנעס „שיר השירים". (אין הונדערט יאָר אַרום וואָלט שוין וואַללאַ געפונען דערפילט אַ סך מער פון זײנע פאָדערונגען.) פירענצואָלאַ האָט דאַן אין 16-טן יאָרה. כמעט ווי קאַנאָניזירט דעם שײנהײטס-אידעאַל פון דער נײער צײט. אָבער ליב האָבן הײסט — געניסן דידאָ-זיקע שײנקײטן. „די ליבע איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי גענוס: פונקט, ווי איך האָב ליב דעם װײן, דאָס שפּיל, די װױסנשאַפט, אַזוי האָב איך ליב די פרויען, דאָס הײסט: װײן, שפּיל, װױסנ-שאַפט און פרויען פאַרשאַפן מיר אַ נחת רוח. אָבער דער גע-נוס איז דער לעצטער זין פון לעבן: מען געניסט נישט צוליב אַ װעלכן נישט איז צוועק, וואָס באַהאַלט זיך הינטערן גענוס: דער גענוס אַלײן איז דער צוועק". די ליבע ווערט דער אינהאַלט פון לעבן· אַלע דיכטער ווידמען זײערע ווערק דער ליבע און די פרויען: באָיאַרדאָ, פּאָליציאַנאָ, אַריאָסטאָ:

„דאַמען, קאַוואַלירן, וואפן, ליבע,
„העפלעכקײט און דרײסטע אונטערנעמונגען
באַזינג איך."

זואָלט געקענט אויסגעקריצט ווערן איבער דער אַרײנגאַנגס-טיר צו דערדאָזיקער צײט, וועלכע (ווי דערזעלבער אַריאָסטאָ זינגט): „שווימט ביז צו די אויגן אין אַ ים פון פאַרגעניגנס און שײנע זאַכן..."

די ליבע יאָגט די מענטשן דורכן לעבן, ווי דאָס ווײזט אונז סימבאָליש אַ האָלצשניט אין פּאָליפילאָ (1490).

אײנעם פון די פאַרביגסטע בילדער פון דעם פאַרליבטן וועזן פון יענע צײטן צײכנט פאַר אונז טאָמאַסאָ גאַרצאָני אין 97 „דיסקאָרסאָ" פון זײן „פּיאַצאָ אוניווערסאַלע", וועלכער איז געווידמעט אַלפאַנזא II פון עסטע: — ...„די אומגליקלעכע ווײסן נישט, וויפל אומגליקן עס באַהאַלטן זיך אויס אונטערן נאָמען פון פרײנדינס און פרויען, וואָס נישט נאָר זײ ליבן און פאַרערן, נאָר זײ פאַרגעטערן זײ ווי הויפּט-געטער, איבער

וועלכע זיי טוען אָפּ אַזויפיל קאַפּריזן, בויען אַזויפיל כימערן. צייכענען זיך אויס מיט אַזויפיל גאוה, אַז סוף־כּל־סוף פּאַלט אַריין די גאַנצע מאַשין פון ליבע, צוליב די שלעכט אַוועקגעשטעלטע פונדאַמענטן, אין ים פון אומגליקן און צרות... דאָס זענען זייערע אָפּגעטער, זייערע הימלישע געטער, די געטינס, פון דריטן הימל, גראַציעס, וועלכע זענען אַראָפּגעגאַנגען פון הימל, פּרעכטיקע, גראַציעזע נימפעס, דיאַנעס בתולה־כאַר, וואָס אַנשטאָט הייליקן קטרת, זענען זיי זיי מנדר הייסע טרערן, אַנשטאָט קטרת־פּאַנען — צעבראָכענע הערצער, אַנשטאָט אָסיטעס און קרבנות — צעבראָכענע נשמות, אַנשטאָט רחמימדיקע תּפילות — באַשווערונגען, אַנשטאָט הימנען — ליבעס־סאָנעטן און מאַדריגאַלן, אַנשטאָט איקאָנעס — בלאַסע און פאַרלוירענע פּנימער, אַנשטאָט זעלבסטאויפּאָפּפערונג — פאַר־שקלאַפטקייט פון אַ הונט, וואָס האָט נישט מורא נישט פאַר קעלט, נישט פאַר היץ, ציטערט נישט ביינאַכט, ווערט נישט פאַר־פאַלן בייטאָג, ערגערט זיך נישט צוליב צרות, ווערט נישט פאַריאושט צוליב כּעס, פאַלט נישט ביי זיך, ווען מען שטויסט אָפּ, ווען מען חוזקט אָפּ, רעכנט זיך נישט מיט קיין באַליידי־קונגען, מאַכט נישט קיין ווען פון עוולות, שאַצט נישט אָפּ דעם שאָדן, זוכט נישט צו נעמען נקמה, — בלינד און שטום אין די אייגענע אינטערעסן ווי אַ מת... זיי ווילן נאָכגיין די־דאָזיקע חיות, ווערן אַ רויב פון דידאָזיקע בערן, דינען דידאָ־זיקע פּאַנטערעס, ליב האָבן דידאָזיקע טיגערס" א. אַ. וו.

אַזוי שימערט עס נאָך און גלאַנצט זייטנלאַנג, ווי אַ באַרג־שטראָם, אַזוי אַז ס'גלוסט זיך ממש איבערשרייבן דאָס קאַפּיטל. אגב אורחא איז צו זען, אַז דער בראַווער גאַרצאָני האָט זיך נישקשהדיק געמוטשט אָפּברענען די פליגל, אויב ער האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל חכמה אין ליבעס־ענינים.

עס גייט אויף טיציאַנס יאָרהונדערט, אין וועלכן די נשמה און די חושים האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין נאָך קיינמאָל נישט געוועזענער האַרמאָניע, אין וועלכן ליב האָבן פרויען האָט באַטייט ליב האָבן די שיינקייט, און ליב האָבן די שיינקייט האָט באַטייט — לעבן. כמעט בעסער נאָך ווי פון די ווערק

פון די דיכטער, מאָלער און סקולפּטאָרן, זעען מיר פון דעם „טעאָרעטישן טראַקטאַט" וועגן דעם ליבע, (אַסאָלאַני פּיעטראָ בעמבאָס) וועלכן דידאַקטיק צייט האָט אַרויסגעגעבן, ווי אומ־דערהערט פיין עס איז אויסגעבילדעט געווען דאָס ליבעסלעבן. „די סיבה פון אַלע זאַכן איז די ליבע", לעזן מיר דאָרט; „די זיסטע פון אַלע זיסע זאַכן איז די ליבע". און וואָס איז אַזוינס די ליבע: אַלע חכמים זענען איינשטימיק בנוגע דעם, אַז די ליבע איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די בענקשאַפט נאָך דאָס שיינע. די שיינקייט איז אָבער נישט עפּעס אַנדערש, ווי די גראַציע, וואָס נעמט זיך פון דער פּראָפּאָרציאָנעלקייט און דער האַרמאָניע אין די זאַכן. פאַרן קערפּער און גייסט גילטן דיזעלבע כּללים: „אַזוי ווי יענער קערפּער איז שיין, וועמעס גלידער עס זענען פּראָפּאָרציאָנעל איינער צום צווייטן, אַזוי איז אויך שיין יענער גייסט, וועמעס טוגנטן עס האַרמאָנירן צווישן זיך..." „די ליבע שפּרייט אויס די פליגלען נאָך דער שיינקייט..." און צוויי פענסטער עפענען זיך אויף פאַר איר ביים דאָזיקן פלי: דאָס אויער, דורך וועלכן זי פליט צו דער נשמה און דאָס אויג, וועלכעס טראָגט זי צום קערפּער".

דעמאָלסט איז איטאַליע געווען דאָס איינציקע לאַנד, אין וועלכן דער קולט פון ליבע און שיינקייט האָט געפונען אַ מקום מקלט: פראַנקרייך האָט זיך נאָך געפונען אין פאָפּקע־צושטאַנד. מאָנטען באַקלאָגט זיך מיט ביטערניש איבער דער אומפעיקייט פון די פראַנצויזן צו פאַרמען דאָס ליבעסלעבן: „עס עקזיסטירט נאָך אַלץ די פראַנצויזישע אומגעדולדיקייט": דאָס ייִנגערע פראַנקרייך איז נאָך געווען צו שטורמיש, כּדי צו קענען געניסן אַלע פריידן פון דער ליבע, ווי מאַנטען וואָלט דאָס גערן געהאַט. אַחוץ די איטאַליענער רימט ער די שפּאַניער אַלס מייסטער פון ליבעס־גענוס.

אָבער דאָס האָט זיך מיט דער צייט גרינטלעך געענדערט. מיט די וואַלואַס קומט אַריין קיין פראַנקרייך איטאַליענישע קולטור און צוזאַמען מיט איר — דער פּרויענדינסט. שוין בראַנ־טאָם רימט די פראַנצויזישע ליבעסקונסט. ס'איז איבעריק צו

זאָגן, אַז אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט ווערט פראַנקרייך די הויכשול פון דער ליבע, און זי איז עס פאַרבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג. ערשט אין פראַנקרייך באַקומט דאָס ליבעסלעבן איר לעצטע פאַרפיינערונג ביז צו פערווערסיע, און דאָס לעבן איינציק און אַליין צוליב דער ליבע, וואָס ווערט דער זין פון 18-טן יאָרהונדערט, האָט אַנטוויקלט זיין גייסט ביז דער העכסטער מדרגה — אין פאַריז. אין פראַגאָנאַר, בושע, גרעז קולמינירט די צייט-תקופה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט באָקאַטשיאָ און פיעטראָ פערודזשינאָ; אָדער ריכטיקער: זי לעבט זיך אין זיי אויס, ווייל דער קולמינאַציע-פונקט באַצייכנט אפשר טענטאָרעטאָ, ראַבלע, אַריאָסט און רובענס. די טעאָרעטיקער פון דער ליבע, וואָס צו דער צייט פון די מינעזינגער זענען עס געווען קאַפּעלאַנוס, דערנאָך לאַורענטיוס וואַללאַ, דערנאָך בעמבאָ, ווערן איצט בראַנטאָם און רעטיף דע לאַ ברעטאָן און ענדלעך -- דער מאַרקיז פון סאַד.

(ווי עס שיינט, איז דאָס אַ נויטווענדיקע אַנטוויקלונג, ווייל זי האָט זיך שוין אָפּגעוויקלט כמעט גלייכמעסיק אין צאָלרייכע קולטורן; די „עמאַנסיפּאַציע פונם פלייש" הויבט זיך אָן מיט שעמעוודיקע טאַפּ-טריט; דערנאָך קומט אַ תקופה פון שטאַרקער, נאַטירלעכער זינלעכקייט, אין וועלכער עס דערגרייכט זיין פולסטע אַנטוויקלונג אַ פריי, נאַיוו ליבעסלעבן. דערנאָך קומט די פאַרפיינערטקייט, דערנאָך דער זנות, דערנאָך — די אומנאַרמאַלקייטן. אויך אין דאָזיקן נויטווענדיקן קרייזלויף ליגט איינגעשלאָסן די טיפסטע טראַגיק פון מענטשלעכן לעבן: אַלץ וואָס איז קולטור באַטייט צעפאַלונג, צעשטערונג, טויט, ווייל זי איז די אָפּווענדונג פון דעם נאַטירלעכן.

„אַביסל בעסער וואָלט ער לעבן,
ווען דו וואָלסט אים נישט דעם שיין פון
הימליכט געגעבן;
ער רופט עס אָן פאַרשטאַנד און נוצט עס בלויז,
כדי צו זיין חיהשער פאַר יעדער חיה".

ס'איז קלאָר, אַז דידאָזיקע ריין העדאָניסטיש-עסטעטישע אויפפאַסונג פון דער פרוי און פון דער ליבע, וואָס האָט זיך זייט דעם 14-טן יאָרה. ביסלעכווייז דורכגעשלאָגן אַ וועג, איז גע-שטאַנען אין אַ שאַרפן קעגנזאַץ צו דער רעליגיעזער אָדער אינסטיטוציאָנעלער פאַרבונדנקייט, אין וועלכער מ'האָט ביז דאַן געהאַלטן איינגעשלאָסן די ליבע. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם קען זיך נאָך ווי נישט איז פאַרשטענדיקן מיט אַ פרייער אויפפאַסונג פון דער ליבע. דאָס וווּנדערלעכע געדיכט, וועלכעס ווערט צוגעשריבן דעם הייליקן פראַנץ פון אסיזי און וועלכעס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„אין פייער וואַרפט מיך אַריין די ליבע,
„אין פייער וואַרפט מיך אַריין די ליבע,
„אין פייער פון ליבע האָט מיך אַריינגעוואָרפן
„מיין נייער מאַן..."

וואָלט געקענט געשריבן ווערן פון יעדער מענטשלעך-ליבנדיקן. און די עקסטאַזן פון דעם מאַריאַקולט זענען באַשטימט נישט געבליבן אומבאַקאַנט דער „פרייער ליבע" פון יענער צייט. אָבער מיט איין זאַך האָט זי זיך קיינמאָל נישט געקענט אויס-גלייכן: מיט דער אינסטיטוציאָנעלער איינקליידונג פון דעם ליבעס-לעבן אין דער חתונה. דער קאָסמישער ליבעסאינסטינקט, פונקט ווי דער ראַפינירטער ליבעס-גענוס, בלייבט קיינמאָל נישט איינגעשלאָסן אין די גרעניצן, וועלכע דאָס געזעץ צייכנט אָן פאַר אים: לויט זיין נאַטור איז ער אילעגיטים (אומגעזעצלעך), אָדער ריכטיקער: אַ-לעגיטים (אַ-געזעצלעך). און די אייגנשאַפט פון אַ פרוי צו זיין אַ ווייב, שיין און ליבנסווערט, ווערט נישט גרעסער אָדער קלענער דורך וועלכער נישט איז מענטשלעכער סאָציאַלער איינריכטונג, ווי דאָס איז די חתונה.

דידאָזיקע אויפפאַסונג, אַז אין דער חתונה ווערן צענויפ-געפּאָרט צוויי פולשטענדיק העטעראָגענע זאַכן: ליבע און אָרד-נונג, האָט געמוזט תיכף קומען אויפן געדאַנק פון די מענער, וועלכע האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן דער ליבעפּראָבלעם פון

זייער צייט. און מיר זעען טאַקע, אַז אַלע „טעאָרעטיקער“ פון דער ליבע באַהאַנדלען געגוי דידאַקטיקע פראָבלעם. איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט געצויגן די לעצטע קאָנסעקווענץ פון זיין באַטירלעכער אויפפאַסונג וועגן דער ליבע און דערקלערט די באַציונגען פון די מינים פאַר אַ־לעגיטים, איז געווען לאַורענטיוס וואַללאַ. ער זאָגט אָפן, אַז ווען צוויי מענטשן ווילן זיך ליב האָבן, גייט עס קיינעם גאָרנישט אָן. במילא קען שוין אויך נישט זיין קיין אונטערשייד, מיינט וואַללאַ, צי אַ פרוי פאַרקערט מיט איר מאַן, אָדער מיט איר געליבטן.

דידאַקטיקע אויפפאַסונג קומט דאַן אמבולטסטן צום אויסדרוק אין דער שיינער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דעם לייכטן זשאַנר. אויב באָקאַטשיאָ האָט נאָך אַרויסגעוויזן אַ געוויסן רעספּעקט פאַר דער חתונה, ווערט זי איצט אויסגעלאַכט, לעכערלעך מאַכן אַן אָפּגענאַרטן מאַן איז נישט נאָר דערלויבט, נאָר, אדרבה, דאָס געהערט צום גוטן טאָן. אַפילו אין די ווייניקער זינלעכע נאָוועלן, וועלכע פּיקאָלאָמיני האָט אָנגעהויבן מיט דעם אוריאַלוס, און אין די ווינציקער פּעטע קאָמעדיעס איז דער אדולטער נאָך אַלץ „דער הערשנדער מאָטיוו“.

אַ טריט ווייטער, דעם לעצטן אין דער דאָזיקער געדאַנקענריכטונג, האָט געמאַכט מאָנטען: אויב ליבע איז געגוס און די חתונה אַ סאָציאַלע אָדער קירכלעכע איינריכטונג, וועלכע האָט אין אויג אַ סך איידעלע צוועקן (מאָנטען רעדט וועגן דעם חתונה־אינסטיטוט מיט דער גרעסטער אַכטונג און דוקא אַ דאַנק זיין הויכער מיינונג וועגן דער חתונה קומט ער צו זיין ראַדיקאַלן קוק וועגן דער שייכות צווישן ליבע און חתונה) איז די פאַרווירקלעכונג פון דער ליבעס־בענקשאַפט נישט נאָר נישט אָפּהענגיק פון דער פריער געשלאָסענער חתונה, נאָר אדרבה: די ביידע זאַכן — די ליבע און די חתונה — שליסן אויס איינס דאָס צווייטע. זיין אויפפאַסונג באַגרינדעט ער אויפן פאָלגנדיקן אופן: די ליבע האָט פיינט מ'זאָל זיין צוגעבונדן צו עפּעס אַנדערש אַ חוץ איר, און זי וויל נישט האָבן עפּעס געמיינזאַמעס מיט באַציאונגען, וועלכע ווערן אָנגעקניפּט צוליב גאַנץ

אַנדערע סיבות, ווי דאָס איז די חתונה, ביי וועלכער פאַרבינ־
דונגען און פאַרמעגן שפּילן מינדעסטנס נישט קיין קלענערע
ראָל, ווי חן און שיינקייט. מ'האָט נישט חתונה צוליב זיך אַליין,
נאָר נישט ווינציקער, אויב נישט מער, צוליב די קינדער, צוליב
דער פאַמיליע. אַזוי אַרום באַגייט מען אַ מין אינצעסט, ווען
מען מאַכט אַן אָרט אין חשובן און הייליקן בונד פון דער
חתונה פאַר די עקסטראַוואַגאַנצן פון דער ליבעס־ליידנשאַפט.
אַ גוטער חתונה־בונד זאָגט זיך אָפּ פון דער געזעלשאַפט פון
דער ליבע און וויל געניסן די פריידן פון פריינטשאַפט. ליב
האָבן און זיך בינדן זענען צוויי גרונט־פאַרשידענע זאַכן, וואָס
שליסן אויס איינס דאָס צווייטע.

דאָס, וואָס טיציאַן און דזשיאָרדזשיאָנע האָבן געמאָלט,
וואָס אַריאָסט און ראַבלע האָבן געזונגען, — איז אין דידאַזיקע
מיינונגען געפאָרמט געוואָרן צו אַ טעאָריע: די ליבע, וואָס
האָט אין זיך גופא געפונען איר העכסטן, דעם איינציקן זין,
האָט זיך נויטווענדיק געמוזט געפינען מחוץ פון אַלע איינריכ־
טונגען, וועלכע מענטשן האָבן געשאַפן צוליב וועלכע נישט איז
סאָציאַלע אָדער מאָראַלישע צוועקן, אַפילו ווען די קירכע האָט
אַרויפגעוואָרפן אויף זיי דעם מאַנטל פון קדושה.

אָבער נאָך וויכטיקער און אַנטשיידנדיקער פאַר דעם קול־
טור־גאַנג איז געווען דאָס, וואָס די געזעלשאַפט האָט יאָרהונ־
דערטן לאַנג געלעבט אין הסכם מיט דערדאָזיקער אויפפאַסונג,
וואָס אין באַשטימטע שיכטן זענען אין משך פון יאָרהונדערטער
די ליבע און דער חתונה־בונד געווען אָפּגעטיילט איינס פון
דאָס צווייטע, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, און געלעבט
זייט ביי זייט, יעדע פאַר זיך, ווי גלייך־באַרעכטיקטע, וואָס דאָס
איז אין גרונט גענומען געווען נישט מער, ווי אַן אומקער צו
די לעבנס־געוווינהייטן פון גריכישן (און שפּעטרוימישן) אַלטער־
טום. דאָס מוזן מיר אויף די ווייטערע זייטן נאָך גענויער באַ־
טראַכטן, באַזונדערס אויף וויפל דאָס האָט דער אייראָפּעישער
געזעלשאַפט געבראַכט דאָס העטערענטום (די הערשאַפט פון
דער פרוי).

## II. די קורט יאַנג

ווען אין אַ געזעלשאַפט הויבט אָן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ די פרייע ליבע לעבן דער געבונדענער, זענען די פרויען, וואָס דינען דערדאָזיקער נייער ליבע אָדער פאַרפירטע מיידלעך פון אַנשטענדיקע משפחות און אדולטערינס, אָדער זונות. אויף ווי ווייט די ריין־עראָטיש אָריענטירטע ליבע האָט זיך פאַרשפרייט אין די אויבערשיכטן פון די אייראָפעישע פעלקער זייט די מינעזינגער, קענען מיר זען פון דער פאַרמערונג פון די פאַרפירונגען, פון די אדולטערס און פון דער פּראָסטיטוציע.

קיין ציפערן וועגן דיביידע ערשטע פאָרמען פון דער פרייער ליבע געפינען זיך נישט אין אונזער רשות. אָבער פון די אורטיילן פון צייט־מענטשן, ווי אויך פון פאַרשידענע סימנים קענען מיר מאַכן אַ זיכערן אויספיר, אַז אין משך פון דידאָזיקע אַלע יאָרהונדערטער האָבן זיי טאַקע געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. פּעטראַרקאַ מיינט, אַז ערשט אין זיין צייט איז די מגפה פון אדולטער אויסגעבראָכן מיט דער גאַנצער קראַפט. איצט געהערט עס צום גוטן טאָן, אַז אַ יונגערמאַן זאָל פאַרפירן אַן אשת איש: פאַר דעם איז ער נישט גליקלעך, ווייל זיינע חברים פאראכטן אים. דערפון האָט זיך דאַן גענומען ביי די יונגע מענער יענער פיבערדיקער הונגער נאָך גאַלאַנטע פאַרליבעניש, וועלכער איז געווען מער אַ רעזולטאַט פון כבוד־גייציקייט, ווי פון ליידנשאַפט־באַדערפעניש. מייסטנס איז דער דערפאָלג גאָרנישט ווערט די גרויסע פאַרשווענדונג פון מי.

דאָס איז דיזעלבע צייט, אין וועלכער מ'שעמט זיך נישט מער אין די פירשטלעכע קרייזן מיט דער אומגעזעצלעכער געבורט, אדרבה, מ'הויבט זיך אָן צו באַרימען מיט איר, ווי בורקהאַרדט און ציבראַריאָ דערווייזן דאָס אונז מיט צאָלרייכע ביישפּילן

פון יענער צייט אָן ביז צום סוף פון אונזער עפּאָכע איז דער געשלעכטלעכער פאַרקער פאַר דער חתונה און נאָך דער חתונה אַ שטענדיקע דערגאַנצונג פון די מאַן- און- ווייב-באַצי-אונגען אין אַלע קרייזן, וועלכע האָבן צו זיך אַ שטיקל דרך-ארץ. ס'איז איבעריק צו ברענגען ביישפּילן פון דעמאָלטיקע לעבנס-שילדערונגען: יעדע געוויינלעכע „זיטן-געשיכטע” איז פול מיט דעם. כ'וויל דאָ בלויז אָנווייזן אויף איין וויכטיקן סימפּ-טאָם, וועלכער ווייזט אונז שוין דעם אַדולטער אַלס סאָציאַלע אינסטיטוציע, אַזוי צו זאָגן: די לעגיטימירונג פון אָפּגענאַרטן מאַן, ווי דאָס טרעפט זיך אין איטאַליע אין 15-טן יאָרה., אין פראַנקרייך זייט פראַנץ I.

אַז די פּראָסטיטוציע איז זייטן מיטלאַלטער אויסגעוואַקסן אין פאַרנעם און באַדייטונג, איז אַ באַקאַנטער פאַקט. קודם כל, פאַרשטייט זיך, איז איר נעסט אין די גרויסשטעט, אָנגעהויבן פון אַוויניאָן, ביז איר קולמינאַציע-פּונקט אין לאָנדאָן און פּאַריז. אַוויניאָן ווערט פאַרפלייצט דורך אַן אמתן מבול פון זונות, קלאָגט זיך ווידער פּ ע ט ר אַ ר ק אַ אין זיין הערלעכן לאַטייניש. און דערנאָך איז אַ לאַנגע צייט באַרימט רוים צוליב דער גרוי-סער מחנה עפנטלעכע מיידלעך, וועלכע האַלטן זיך אויף אין זיינע מויערן: אַ גאַנץ באַגלויבטע סטאַטיסטיק גיט אונז אָן פאַרן 1490-טן יאָר 6800 זונות. פאַרהעלטניסמעסיק איז דאָס נאָך אַ גרעסערע צאָל (רוים האָט נאָך דעמאָלסט נישט געהאַט קיין 100.000 איינוווינער), ווי מ'גיט אונז אָן פאַר לאָנדאָן און פּאַריז סוף 18-טן יאָרהונדערט: 50.000 און 30.000.

אָבער פאַר דער געשטאַלטונג פון דער אויסערלעכער קולטור איז נאָך וויכטיקער געוואָרן דער פאַקט, וואָס אין דער מאָס, אויף וויפל ס'האָט זיך פאַרשפּרייט די אומגעזעצלעכע ליבע ד. ה. די ליבע אַלס זעלבסטצוועק, וואַקסט אָן צווישן דער אָרנטלעכער פרוי און דער זונה אַ נייער שיכט פרויען, פאַר וועלכע מיר האָבן אין די ראָמאַנישע שפּראַכן די פאַר-שידנסטע נעמען (די דייטשע און אויך די ענגלישע האָט נישט דערפאַר קיין איינאיינציקן אויסדרוק, אויב מ'זאָל נישט רעכע-

נען דעם אומבאַשטימטן אויסדרוק „בולערין”, אַ סימן, אַז די זאַך גופא האָט זיך אָדער באַשרענקט אויף די לענדער מיט ראָמאַנישע שפּראַכן, אָדער זי איז פון דאָרט אַריינגעבראַכט געוואָרן אַהין): קאָרטעדזשיאַנאַ, קורטיזאַנע, קאָנקובינע, מעטרעסע, גראַנד אַמורעז, גראַנד קאָקאָט, פּאַם אַנטרעטעני א. א. וו.

מיט דידאַקטישע פרויען איז די ליבע, וואָס איז געוואָרן אַ פרייע קונסט, ווידער אַרויסגעטראָטן פון דעם דילעטאַנטישן סטאַדיום און ווערט אָנגעטרויט דער פלעגע פון באַרופענע דערצו. אַזוי ווי צו יעדער קונסט איז נויטיק טאַלאַנט און איבונג איז דאָס אויך נויטיק, און גאָר אין אַ גרויסער מאָס, צו דער ליבעס-קונסט, און דעריבער האָט דידאַקטישע לעצטע געקענט דערגרייכן צו איר פולער אַנטוויקלונג ערשט דאַן, ווען דורך אַ נאַטירלעכן אָפּקלייב-פּראָצעס זענען פון דער מאַסע אָפּגעקליבן געוואָרן די טאַלאַנטירטע פרויען, און מ'האָט זיי בעגעבן אַ מעגלעכקייט, דורך דער אויסשליסלעכער באַשעפטיקונג מיט דער ליבע, אויסצובילדן זיך אין איר אַלס מייסטערינס.

קורטיזאַנע, קאָרטעדזשיאַנא באַטייטן צוערשט נישט עפּעס אַנדערש ווי — אַ הויפדאַמע. עס זענען געווען הויפדאַמען אויך מיט בלויז לעגיטימע באַציאונגען. אין דריטן בריוו פון זיין בוך איבער דעם הויפמאַן, וועלכעס קאַסטיגליאָנע האָט געווידמעט דער קאָרטעדזשיאַנאַ, פאַרטרעט דער מאַגניפיקאָ די מיינונג, אַז די ליבעס-באַציאונגען פון די הויפמענער און פון די הויפדאַמען זאָלן זיין נאָר לעגיטימע. אמת, „מיט אַ שמייכל” האָבן אים אָקעגנגערעדט די מיינסטע פון זיין קרייז: זיי האָבן מסתמא געוווסט פאַרוואָס: ווייל מאַגניפיקאָס פאָדערונג איז געווען גאַנץ ווייט פון דער ווירקלעכקייט. אָבער פריצייטיק מסתמא איז די אומגעזעצלעכע ליבעס-באַציאונג פון פיינע פרויען אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן פאַרקער ביים הויף. איך האָב אַ חשד, אַז ביי דער אויסבילדונג פון דערדאָזיקער פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה דאָס הויף-לעבן ביי די פּויפּסטלעכע רעזידענצן. אין אַוויניאָן (ווו ס'איז אפשר געבאָרן געוואָרן די מאָדערנע קורטיזאַנע) האָט געלעבט אַ קרייז גייסטריי-

כע און שיינע פרויען ביים הויף פון פויפסט און פון די הויכע קירכע-פירשטן. מען האָט גאַנץ איינפאַך גערעדט וועגן „אַקאַדעמיעס פון ליבלעכע פרויען”, און ס'איז געווען גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען, ווי מאַביל דע ווילנעוו, בריאַנד ד'אַגול, הוגעט דע פאָרקאַלקיע, בעאַטריס דע סאָל, לאָור דע נאָוו, בלאַנש דע פלאַסאַן, איזעאַרד דע ראָקפעי, דוסעט דע מוסטיע, אַנטואַנעט דע קאַדענע, מאַגדעלען דע סאַלאָן, בלאַנשפלער דע פערטע, סטעפאַנעט דע גאַנטעלם, די שיינע אַדעליז פון אַוויניאָן, די קוזינע פון דער לאָור, כדי איינצוזען, אַז דער אויסדרוק איז אַ באַרעכטיקטער.

אָבער אין דער סביבה פון אַ קירכנפירשט, האָט די פרוי תמיד געקענט זיין בלויז אַ מעטרעסע, אויב זי איז (וואָס דאָס איז דאָך נישט זעלטן פאָרגעקומען) נאָר געשטאַנען אין מער, ווי ריין-גייסטיקע באַציאונגען מיט די הויכע הערן. אַזוי אַרום האָט דאָ די קאַרטעדזשיאַנאַ שוין צוליב אַ ריין אויסערלעכער סיבה געמוזט ווערן אַ קורטיזאַנע.

דאָס, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין אַוויניאָן, איז געפירט געוואָרן ווייטער אין רוים: אויך דאָ איז די דאַמע ביים הויף געווען פון דער נאַטור „אילעגיטים”.

ביי די הויפן פון די וועלטלעכע פירשטן איז נישט געווען קיין אויסערלעכער צוואַנג צו אומגעזעצלעכקייט. אָבער דער אינערלעכער דראַנג האָט אים גאַנץ גוט פאַרביטן. דאָס בייזע פון דער רענעסאַנס-צייט איז נישט באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פירשטן האָבן זיך אויסגעקליבן קעפּס-ווייבער, דאָס האָבן זיי תמיד געטאָן, אָבער די בירגערלעכע מיידלעך, וועלכע לודוויק XI פון פראַנקרייך האָט זיך געלאָזט שיקן אין זיין בעט, זענען נאָך ווייט נישט געווען קיין קורטיזאַנעס. דאָס זענען זיי ערשט געוואָרן, ווען מ'האָט זיי אויפגענומען אין דער הויף-געזעלשאַפט און אָפיציעל אנערקענט אַלס דעם הערשערס מעטרעסעס.

די ערשטע טיראַנען, וועלכע האָבן זייערע קאָנקובינען דערהויבן צום ראַנג פון פירשטינס, זאָלן האָבן געווען בערנאַבאָ און דזשיאַן דזשעלעאַצאָ וויסקאָנטי. אָבער די ממשלה פון דער קאָרטע-

רזשיאַנאַ הויבט זיך אָן אומגעפער אין דער צייט, ווען קאָססאַ מאָלט די פרעסקן אין פּאַלאַצאָ שיפאַנאָיאַ: ווען דער הויף אין מאָדערנעם זין איז געשאַפן געוואָרן מיט פרויען און דורך פרויען; פון דאַן אָן איז די גאַלאַנטעריע געוואָרן דער אינהאַלט און די צירונג פונם הויף-לעבן. אין זיין בוך איבער דעם קאָרטעדזשיאַנאָ זאָגט קאַסטיגליאָנע, אַז קיין איין הויף, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, קען נישט אַנטוויקלען קיין גלאַנץ אָדער פרייליכקייט אָן פרויען, אויך קען קיין איין הויפמאַן נישט זיין קיין באַדייטנדיקער מאַן אָדער טאָן עפּעס גרויסעס, אויב ער איז נישט פול פון פרויענליבע און ווערט נישט אָנגעשפּאָרנט דורך איר.

און אַז מ'האָט מיט דעם נישט געמיינט קיין חתונה-פאַר-בינדונגען איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווען מ'נעמט אין אַכט דעם גייסט פון דער צייט. אַזויאַרום איז איין קאָרטע-דזשיאַנאַ נאָך דער צווייטער געווען אַ מעטרעסע פון אַ קאָר-טעדזשיאַנאָ, אָנהויבנדיק פון פירשט, ביז קאָרטעדזשיאַנאַ און קורטיזאַנע (אין היינטיקן זין) זענען געוואָרן סינאָנימען.

איצט הויבט זיך אָן די צייט פון דער „מעטרעסנווירט-שאַפט”, וועלכע איז, נאָך דעם אויבנגעזאָגטן, אַ נויטווענדיקע באַגלייטדערשיינונג פון דער פירשטנהערשאַפט. גראַנדיעז ווערט דאָס סיסטעם אין דער מאָס, ווי די קליינע הויפן ווערן פאַר-ביטן דורך דעם גרויסן. ס'איז באַקאַנט, אַז אויך אין דאָזיקן וויכטיקסטן פונקט זייט דער רעפאָרמאַציע, נעמט פראַנקרייך איבער די פירונג: די געליבטע פון פראַנץ I זענען די ערשטע קעניג-מעטרעסעס, וועלכע מיר זעען פאַר זיך ווי לעבעדיקע. דערדאָזיקער קעניג, ווי מיר האָבן אויבן געוויזן, האָט אין דער גאַלאַנטעריע געזען דעם זין פון הויפלעבן, און „דער וויכטי-קער שריט פון גאַלאַנטעריע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיין מעטרעסע אָן בושה געמאַכט פאַר דער ערשטער פערזאָן פון הויף” (היינריך לאַובע).

אין דידאָזיקע עפּנטלעך-אַנערקענטע מלכים-געליבטע, וועל-כע האָבן ערשט אָנגעהויבן צו באַהערשן די וועלט, איז אַזוי ווי

געאַדלט געוואָרן דער גאַנצער צעך פון די באַרופלעכע ווענוס-פּריסטערינס. אַזוי אַרום איז פון דער אומגעזעצלעכער ליבעס-באַציונג, לכל הפּחות אויף וויפל זי איז אָנגעקניפּט געוואָרן ביים הויף, אַראָפּגענומען געוואָרן אויך דער אויסערלעכער פלעק.

אָבער די השפּעה פון הויף אויף אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער געזעלשאַפט, איז אין משך פון אונזער תּקופה געווען אַזוי גרויס, אַז דידאָזיקע לעגיטימירונג פון דער איללי-גיטימיטעט האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעשפּרייט אויף די פריי-ליבע-באַציונגען אויך מחוץ פון הויף-לעבן.

אין די גרויסשטעט האָבן די פרויען (לאָזט זיך זאָגן) אָנגעהויבן צו לעבן אויך מחוץ דעם הויף ווי הויפדאַמען; אויף אַזאַ אופן איז געבוירן געוואָרן די קורטיזאַנע, וואָס האָט מיטן הויף נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס: אַלס אויסגעהאַלטענע פרוי, ווי לאַנג זי האָט (אָפיציעל) געהערט אַלס קאָקאָטקע נאָר איינעם, כאָטש גלייכצייטיק האָט זי געקענט שענקען איר ליבע אַ סך מענער. מיטן באַגריף „פאַרקויפלעכע ליבע" קען מען אין דער איבערשיכט פון די זונות קיין שום גרעניצן נישט דורכפירן.

אויך *די קורטיזאַנע, וועלכע* איז דאָס גאָר *קיינמאָל נישט געווען*, איז געבוירן געוואָרן אומגעפער אין דערזעלבער צייט, ווי איר הויפישע שוועסטער, וועלכע האָט איר געגעבן דעם נאָמען. און טאַקע אויף דעמזעלבן אָרט: אין איטאַליעס גרויסשטעט, צווישן וועלכע ס'האָבן באַזונדערס אַנטייל גענומען ווענעציע און רוים. דאָ האָבן געהערשט באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען אויף צו שאַפן אַ נייעם פרויען-טיפּ: דער רייכטום; די פרייד צו באַלעבן פונסניי דעם אַלטערטום און די איינבילדונג, וואָס איז מיט דעם געווען פאַרבונדן, אַז מ'וועט ווידער אַרויסרופן צום לעבן זייגע העטערעס; די גרויס פון דער שטאָט צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער ברייטהאַרציקייט פון דער צייט (ד. ה. פון דער אויבערשטער געזעלשאַפטשיכט; ווייל אין דערזעלבער צייט האָבן אויך געלעבט די בראַווע פאַרבער-מייסטערס און די בכבודע האַנדלסהערן, וועלכע האָבן

געוויס אויסגעמיטן די קורטיזאַנעס אויף זייער וועג מיט נישט קיין קלענערן שרעק, ווי היינט אַן אויבערלערער אָדער אַ געהיימראט) האָבן געווירקט, אַז אַ טייל פון די פּראָסטיטוטקעס, אַ קליינע אויבערשיכט, זאָל באַקרוינט ווערן מיטן ארעאָל פון אויסדערווײלטע מענטשנקינדער: דאָס זענען געווען די „בכבודע זונות”, ווי עס באַצייכנט זיי אַ (פראגמענטאַרישע) רשימה פון די רוימישע פּראָסטיטוטקעס פון דער צייט אַרום 1500-טן יאָר. זיי זענען געווען 200 אין צאָל, און זיי ווערן אַנטקעגנגעשטעלט די „קאָרטעזאַנע פּוטטאַנע”, אָדער דעם „נידעריקערן סאָרט”.

אַזוי אַרום ווערט דאָ מיט דער גרעסטער דייטלעכקייט געזאָגט, אַז דער דיפערענצירונגס-פּראָצעס, וועגן וועלכן איך רעד דאָ, איז טאַקע פאָרגעקומען.

אין דער לעצטער צייט האָט מען אַ סך געשריבן וועגן די „באַרימטע קורטיזאַנעס” פון רענעסאנס-יאָרהונדערט. אַ מאַסע נייע קוועלן זענען אַנטדעקט געוואָרן. מ׳קען מיט די נעמען אַלע באַרימטע קאָקאָטעס, וועלכע האָבן געלעבט אין רוים, פלאָרענץ אָדער ווענעציע אין דער רעגירונגס-צייט פון סיקסטוס IV, אַלעקסאַנדער VI און לעאָ X. מ׳פירט אַפילו ויכוחים וועגן דער הויך פון זייער „בילדונג”, מיט וועלכער זיי האָבן געגלאנצט, און וועגן דער קוואַליטעט פון זייערע געדיכטן, וועלכע זיי האָבן געשריבן מיט מער אָדער ווייניקער פרעמדער הילף. ריכטיק ווי אין דעם וואָלט געלעגן דער שווער-פּונקט פון דער זאַך. געוויס איז די בילדונג געווען נישט מער ווי „איינבילדונג”, געוויס זענען די פּערזן געווען שלעכט (אַזוי ווי היינט נאָך). דאָס איז מעגלעך. אָבער נישט אין דעם איז געלעגן די באַדייטונג פון דעם נייעם מענטשנטיפּ, נאָר אין דעם, וואָס אַ טולליאַ ד׳אַראַגאָנאַ האָט יאָרנלאַנג געקענט פירן ביי דער נאָז אַ פיליפּאָ סטראָצצי, און אַז אַ אימפּעריאַ האָט פאַרשטאַנען די קונסט צו ווירקן, אַז דער רייכסטער מאַן פון איטאַליע, אַגאָסטינאָ טשידזשי, זאָל זי יאָרנלאַנג אויסהאַלטן. דאָס איז זיי אָן ספק געלונגען נישט אַדאַנק זייערע פּערזן, דערצו זענען נויטיק געווען אַנדערע „זעלטענע קוואַליטעטן”, ווי מ א פּ אַ ס אַ ן רופט עס אָן, און

דידאָזיקע האָבן זיי געוויס פאַרמאָגט אין אַ גרויסן סכום, און דורכדעם זענען זיי געוואָרן אַ מאַכט, וועלכע האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפעה אויפן גאַנג פון דער קולטור. נישט אין דעם, וואָס אַ פאַרליבטער בן-דור האָט געשאַפן אויף דער שיינער אימפּעריאַ אַ ליבנדיקע מצבה-אויפשריפט — נישט אין דעם און אין ענלעכע גאַלאַנטעריען, זאָג איך, קומט צום אויסדרוק די הויכע באַדייטונג, וועלכע די גרויסע געליבטע האָבן אָן שום ספק אין יענער צייט אין איטאַליע, נאָר אין דעם, וואָס די קירכן-פאַרוואַלטונג האָט דיזעלבע אימפּעריאַ געלאָזט באַגראָבן אין דער קאַפּעלע פון דער הייליקער גרעגאָריאַ, אָדער אין דעם, וואָס די טויפונג פון ערשטן זון, וועלכן אַגאָסטינאָ טשידזשי האָט פון זיין נייער מעטרעסע, דער ווענעציאַנערין פראַנטשעסקאַ אַנדרעאָזיאַ, האָט דורכגעפירט דער פויפּסט אַליין, אַרומגערינגלט פון 14 קאַרדינאַלן.

פונקט ווי די הויף- און פירשטן-מעטרעסע האָט אויך די שטאָט-מעטרעסע דערגרייכט איר העכסטע אַנטוויקלונג אין פראַנקרייך: אין דער געשטאַלט, וועלכע זי האָט דאָרט באַקומען, איז זי אַריבער אין אַלגעמיינעם באַזיץ פון אַלע אייראָפּעישע לענדער.

פאַר דער אַרויסבילדונג פון טיפּ פון דער מאָדערנער קורטיזאַנע האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג דער פאַקט, וואָס זייט סוף 16-טן און אָנהויב 17-טן יאָרהונדערט זענען אין די פאַריזער ט ע א ט ע ר ן דערשינען פרויען: אַ מנהג, וועלכער איז איינגעפירט געוואָרן אין ענגלאַנד אין דער צייט פון קאַרל II. דורכדעם איז געשאַפן געוואָרן אַן ערזאַץ פאַר דער אַנטיקיזירנדיקער באַנעמונג פון די רענעסאַנס-קאָקאָטעס: דעם „אָרעאָל“, אַן וועלכן עס קען נישט אויסקומען אַפילו די פרייע ליבעסבאַציונג פון העכערער אַרט, האָט איצט געשאַפן דאָס טעאַטער. די טעאַטערדאַמע, דער טעאַטער-שטערן, די טענצערין אין דער גרויסער אָפּערע: דידאָזיקע אַלע האָבן פאַרביטן די דיכטנדיקע און מאָלנדיקע קורטיזאַנעס פון 16-טן יאָרהונדערט.

אין משך פון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרמערט די צאָל שטאָט-מעטרעסעס אין די קולטור-צענטרען,

און קודם כּל, פֿאַרשטייט זיך, אין פּאַריז און לאָנדאָן, און זייער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרמערן אין דער מאָס, ווי ס׳איז אַלגעמיין פֿאַרשפּרייט געוואָרן די געוווינהייט אויסצוהאַלטן אַן עלעגאַנטע פֿרוי אַנשטאָט אָדער נעבן דעם געזעצלעכן ווייב. ווען מ׳גיט אונז איבער וועגן סוף 18-טן יאָרהונדערט, אַז פֿון צוואַנציק גרויסע הויף-הערן האָבן מינדעסטנס פֿופֿצן געלעבט נישט מיט זייערע פֿרויען, נאָר מיט זייערע מעטרעסעס, איז דידאָזיקע שאַצונג גאַנץ נאָנט פֿון אמת. אָבער נישט נאָר דער קאַוואַלער ביים הויף האַלט אויס אַ מעטרעסע: אויך ביי די טיורקאַרעטס איז באַלד געוואָרן אַ סימן פֿון גוטן טאָן, זיך אַריינצוגנבענען אין האַרצן פֿון די ווייבעלעך מיט מיטלמעסיקער טוגנט, ווי מ׳האָט זיי גערופֿן. די אויסגאַבן, וועלכע דידאָזיקע פֿאַרבינדונגען האָבן פֿאַרשאַפֿט (כ׳וועל נאָך ווייטער ריידן וועגן דעם), האָבן געבילדעט די גרעסטע פּאָזיציע אין בודזשעט פֿון די גרויסע געלטמענער, ווי עס דערקלערט דער בעסטער קענער פֿון דידאָזיקע „פֿאַרהעלטנישן" (טיריאָן) אויפֿן סמך פֿון זייער גענויע אויספֿאָרשונגען. די אַנגאַלן פֿון דער גאַלאַנטעריע פֿון 18־טן יאָרהונדערט פֿאַרקניפּן אויפֿן ענגסטן אופֿן ליבע-אַוואַנטיורעס און גענעראַל-ארענדע.

דאָסזעלבע ווערט אונז דערציילט וועגן לאָנדאָן: אַ היגער נישט חתונה-געהאַטער ענגלענדער, וועלכער פֿאַרמאָגט העכער 2000 פֿ"ש הכנסה, גיט אויס אויף זיינע באַדערפֿענישן קוים 200 פֿ"ש: „דאָס איבעריקע איז געווידמעט זיינע פֿאַרוויילונגען, צווישן וועלכע די מיידלעך זענען דאָס ערשטע און לעצטע אַרטיקל" (אַ ר כ ע נ ה אָ ל ץ).

האָבנדיק פֿאַר זיך אַזעלכע אורטיילן, קענען מיר אויך גלויבן די ציפֿער, וועלכע גוטע באַאָבאַכטער גיבן אָן וועגן דער צאָל פֿון די שטאָטמעטרעסעס אין פּאַריז און לאָנדאָן: מ ע ר ס י ע צום ביישפּיל נעמט אָן, אַז אין זיין צייט זענען אין פּאַריז „אויסגעהאַלטן" געוואָרן 10.000 פֿרויען. אין דערזעלבער צייט האָבן אין לאָנדאָן געלעבט אין אייגענע הייזער אין איינציקער פֿאַראַפֿיע 1700 קורטיזאַנעס.

וואָסער ברייטן פּלאַץ די „געקויפטע״ געליבטע האָבן פאַרנומען אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט, איז אויך צו זען פון מנהג, וואָס איז געווען אָנגענומען אין די גרויסע שטעט, אַרויסצוגעבן יעדעס יאָר אַדרעס-ביכער פון די בעסערע קאָקאָ-טעס, ווו יעדע איינע איז אָנגערופן געוואָרן ביים נאָמען און ווו ס'איז גענוי באַשריבן געוואָרן איר געזיכט, מאַניערן, טאַלענטן א. אַ. וו. דאָס איז אין לאָנדאָן געווען „האריס ליסט אָוו קאָווענט-גארדענס ליידיס״, וועלכער איז אַרויס אין אַ אויפלאַגע פון 8000 (!) עקזעמפּליאַרן און איז ממש צעריסן געוואָרן פון די הענט; אין פּאַריז דער „אַלמאַנאַק דעז אַדרעס דע דעמואַזעל דע פּאַריז דע טו זשאנר ע דע טוט לע קלאַס. קאַליאַנדריע די פּלעזיר. (אַדרעסן-אַלמאַנאַך פון פּאַריזער מיידלעך פון אַלע אַרטן און אַלע קלאַסן. פאַרגעניגן-קאַלענדאַר).

פון אַ גאַנץ באַזונדערער וויכטיקייט איז אָבער, לויט מיין מיינונג, דער פאַקט, וואָס דורך דעם אַרויפשטיג פון דער עלע-גאַנטער קורטיזאַנע איז אויך די געשמאַקבילדונג פון דער אַנשטענדיקער פרוי, ד. ה. פון דער פרוי פון דער געזעלשאַפט אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם קאָקאָטע-ארטיקן.

צוערשט ווערן די לעבנס-געוווינהייטן פון יעדער פיינער געזעלשאַפט באַשטימט דורך דער הויף-געזעלשאַפט: פּאַריז — „די מאַלפּע פון הויף״, זאָגט קורץ און שאַרף לאַ ברייער. די הויף-געזעלשאַפט אַליין שטייט אָבער אונטער דעם באַהער-שנדיקן איינפלוס פון דער אָפיציעלער געליבטער פון פירשט. אַזוי אַרום צעאַקערט טיף די קעניגלעכע מעטרעסע דאָס געזעל-שאַפטלעכע פעלד.

אָבער קודם כל איז זי דער פאָרבילד פון דער שטאָט-מעטרעסע, פון דער „גראַנד קאָקאָט״ (גרויסע קאָקאָטע). דידאָזי-קע לעצטע זעט אויס אין איר אָנהויב-קאַריערע, ווי אַ פּשוטע קאָנקורענץ-אונטערנעמונג קעגן דעם הויף.

ניגאָן דע לאַנקלאָ ירשנט גאַנץ פּשוט די מאַדאַם דע מענ-טענאָן: ווען דידאָזיקע לעצטע ווערט אַלט און פרום, נעמט זי

איבער און פלעגט די אַלטע טראַדיציעס פון דער לעבנספרייד: די ריו דע טורנעל דערקלערט אַ קאַמף דעם סט. קיר.

אָבער איצט מוז אויך די אַנשטענדיקע פרוי פון דער געזעלשאַפט אַריינטרעטן אין אַ קאָנקורענץ־קאַמף מיט דער מעטרעסע, אויב זי וויל נישט אינגאַנצן אַראָפּ פון פלאַץ. די־דאָזיקע שאַפט געוויסע מינימאַלע קולטור־באַדינגונגען, וועלכע יעדע געזעלשאַפט־דאַמע, ווי אַנשטענדיק זי זאָל נישט זיין, מוז דערפילן.

אַזוי, למשל, ווערט די אַנשטענדיקע פרוי ערשט דורך דער קורטיזאַנע געשטויסן דערצו צו וואַשן זיך. מאַריע דע ראַמיע ראַט די פרויען אין אירע „אָנווייזונגען פאַר יונגע מיידלעך" (16 יאָרהונדערט) צו האַלטן זיך ריין: זאָל זיין פאַר זיך אַליין אָדער — פאַר דעם מאַן.

דער „סאַלאָן", מיט וועלכן די וועלטלעכע פרוי איבט אויס איר גרעסטע מאַכט אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט, איז וואַרשיינלעך נישט מער ווי אַ המשך פון די צוזאַמענטרע־פונגען פון די גייסטרייכע לייט, ווי מיר זעען ביי די גרויסע קורטיזאַנעס אין 16־טן יאָרהונדערט אין איטאַליע.

אָבער דאָס (פאַר אונז אין דאָזיקן צוזאַמענהאַנג) וויכ־טיקסטע איז: די לעבנס־פירונג פון די האַלב־וועלט־פרויען ווערט אויך אויסערלעך באַשטימענדיק פאַרן לעבנס־שטייגער פון דער וועלטלעכער פרוי (וואָס דאָס זענען דעמאָלט געווען אַלע פרויען פון דער געזעלשאַפט). פונקט ווי היינט נאָך אין אונזער פאַרבירגערלעכטער וועלט, קוקט די דאַמע (איך רעד נישט פון די „באַרימטע מענטשן" אין רעפאָרם־קליידונג, וועלכע אַנטוויקלען זייער עקזיסטענץ אין אַ דריי־צימערדיקער וווינונג) אויף די טואַלעטן, וועלכע עס טראָגן די גרויסע קאָקאָטעס אויף דעם פרילינג־פערד־געיעג אין פאַריז; פונקט ווי אַלע משוגעתן פון דער מאָדע און לוקסוס, פון פראַכט און פאַרשווענדונג, ווערן צוערשט אויסגעפּרובירט פון די מעטרעסעס, איידער זיי ווערן איבערגענומען אין אַ געדעמפּטער באַאַרבונג פון די דאַמען פון דער געזעלשאַפט,—אַזוי האָט די קורטיזאַנע אין אַ באַפּרייטער

צייט, ווי די, וועגן וועלכער עס איז דאָ די רייד, און וועלכער דער בירגער איז נאָך געשטאַנען אין אַ זייט פון דער „געזעלשאַפט", נאָך אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס געגעבן דעם טאָן, אויף וועלכן עס איז אָנגעשטעלט געווען דאָס לעבן.

דער צוועק פון ווייטערדיקן קאַפּיטל וועט זיין דאָס אויפצווייזן אין פּרטים פאַר דער אויסערלעכער לעבנס-געשטאַלטונג פון דער נייער געזעלשאַפט.

# דאָס פערטע קאַפּיטל:

# די אַנטוויקלונג פון לוקסוס

## מקורים און ליטעראַטור

עס איז כמעט אוממעגלעך צו רעדן וועגן באַזונדערע ק ו ע ל ן פאַר דער געשיכטע פון לוקסוס, ווייל כמעט יעדע געשיכטסקוועלע קען דאָ קומען אין באַטראַכט. הויפּטזאַכלעך קען מען דאָ פאַרווענדן די איבערליפערטע געגנשטאַנדן, סיי בנינים, סיי קליידונג, סיי כלים; די הוצאה-ביכער און בוי-רעכנונגען; די רייזע-באַריכטן און צושטאַנד-שילדערונגען פון די צייט-מענטשן, צווישן וועלכע עס בילדן אַ באַזונדערס וויכטיקע גרופּע (וועלכע דאַרף מיט גרויס פאָרזיכטיקייט באַנוצט ווערן!) די מאָראַליזירנדיקע שריפטן; פאַרן 16-טן, 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט גיט אַ סך שטאָף די רייכע מעמואַרן-ליטעראַטור. אויף יעדן געהעריקן אָרט וועל איך אָנווייזן אויף די וויכטיקסטע קוועלן.

דאָס מוסטערווערק פון דער ל י ט ע ר אַ ט ו ר וועגן דער געשיכטע פון לוקסוס איז ה. באָדריאַר, געשיכטע פון פּריוואַטן און עפנטלעכן לוקסוס (פראַנצ., 2 אויפל. 4 בענדער, 1881). וועגן אים לאָזט זיך זאָגן דאָסזעלבע, וואָס וועגן אַזויפיל געשיכטלעכע ווערק: אַ אַרבעט, וואָס רופט אַרויס באַוווּנדערונג, אָבער מ'לערנט זיך פון בוך כמעט גאָרנישט אויס. אָבער די שטודיען פון ו י ל ה ע ל ם ר אָ ש ע וועגן דעם לוקסוס (דייטש) (אין די „אַנזיכטן דער פאָלקסווירטשאַפט") און ע מ אַ נ ו ע ל ה ע ר מ אַ ן, די קאַפּריזן פון דער פּראַכט (דייטש) (אין די „מיניאַטור-בילדער פון ווירטשאַפטסלעבן", 1872) האָבן נאָך אַ באַדייטונג, כל זמן ס'איז נישטאָ קיין בעסערס. פר"ג אויך דאָס אַרטיקל „לוקסוס" אין האַנטווערטערבוך פון די מלוכה-וויסנשאַפטן, 3 אויפלאַגע (טעאָ. זאָמערלאַנד) און די דאָרט אָנגעגעבענע ליטעראַטור.

א גייסטרייכן פרוּוו צו דערקלערן פסיכאָלאָגיש-סאָציאָלאָגיש דעם לוקסוס און זיינע וואַנדלונגען געפינט זיך אין בוך פון טאָרשטיין וועבלען, די טעאָריע וועגן דעם ליידיקגייער-קלאַס (ענגליש), 1899.

א חוץ דידאַקטיש ווערק פון אַלגעמיינעם אינהאַלט וועגן דעם לוקסוס און זיין געשיכטע דאַרף מען נאָך נעמען אין באַטראַכט די גאַנצע ספּעציעלע ליטעראַטור וועגן איינצלנע געביטן פון דער לוקסוס-אַנטוויקלונג.

וועגן עס-לוקסוס גיבן ידיעות די צאָלרייכע (באַזונדערס אין פראַנקרייך-דערשינענע) גאַסטראָנאָמישע „אַלמאַנאַכס", וואָס דער ערשטער פון זיי שטאַמט פון יאָר 1530. דער צווייטער, וועלכער איז אונז באַקאַנט, שטאַמט פון אַבבאַט קלאָד שערריע און איז דערשינען אונטערן טיטל „אַלמאַנאַך דע לאַ טאַבל אַ פּאַרי" (אַלמאַנאַך וועגן פּאַריזער טיש). די גרעסטע פאַרשפּרייטונג האָט געפונען דער „אַלמאַנאַך די קאָמעסטיבל", וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1778: זע דעם „אַלמאַנאַך דע גורמאַן" (אַלמאַנאַך פון נאַשער) פאַרן יאָר 1904.

פאַר דער געשיכטע פון בוי-לוקסוס קומען אין באַטראַכט. אַלע ווערק וועגן דער געשיכטע פון די בוי-סטילן און פון מעבל; דערנאָך רייזע-באַשרייבונגען, באַשרייבונג פון איינצלנע פּאַלאַצן און דגל. אַ צוזאַמענשטעלונג פון אַזעלכע שילדערונגען אַנטהאַלטן די „דיקסיאָנער דעז אַמאַטער" (ווערטער-ביכער פאַר ליבהאָבער) פון פּ. באָנאַפע, 1884.

פאַרן קליידער-לוקסוס: די ביכער וועגן דער געשיכטע פון מלבושים, פון דער מאָדע; וועגן דער געשיכטע פון פאַבריקאַציע און קונסטיגער ווערבלעכער אַנטוויקלונג פון איינצלנע קליידער-געגנשטאַנדן. פון שטאָפן (זיידנס!), שפּיצן, צירונג א. אַ. וו. די ווירטשאַפטלעכע זייט ווערט העל באַלויכטן אין אַזעלכע שריפטן, ווי פון ע. מ. לאַנגלאַד, לאַ מאַרשאַנד דע מאָד דע מאַרי אַנטואַנעט ראָז בערטען (פראַנצ.)

א סך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל געפינט מען אין די ביכער פון הומבער דע גאַליע, די זיטן און דאָס פּריוואַטע לעבן פון אַמאָל (פראַנצ.) 1911, מנהגים און זיטן פון אַמאָל (פראַנצ.) 1912.

# I. דער באַגריף און דאָס וועזן פון לוקסוס

לוקסוס איז יעדע אויסגאַבע, וואָס שטייגט אַריבער די גרענעצן פון נויטווענדיקן. דערדאָזיקער לעצטער באַגריף איז, פאַרשטייט זיך, אַ רעלאַטיווער, וועלכער באַקומט אַ קאָנקרעטן אינהאַלט ערשט דאַן, ווען מען ווייסט, וואָס אַזוינס איז, דאָס

נויטוועדיקע. צוויי מעגלעכקייטן זענען דאָ, כדי דאָס פעסט־צושטעלן: מען קען דאָס פאַראַנקערן אין אַ סוביעקטיוון ווערט־אורטייל (פון עטישער, עסטעטישער אָדער אַ וועלכער נישט איז אַנדער נאַטור), אָדער מ׳קען זיך באַמיען אויסצוגעפינען אַ וועלכע נישט איז אָביעקטיווע מאָס, מיט וועלכער מען זאָל דאָס קענען אויסמעסטן. אַלס אַזאַ מאָס קענען דינען אָדער די פיזיאָלאָגישע נויטבאַדערפענישן פון מענטשן, אָדער דאָס, וואָס מ׳קען אָנרופן די קולטור־נויטבאַדערפענישן. די ערשטע איז פאַרשידן נאָר לויט די קלימאַטישע באַדינגונגען, די צווייטע — לויט די היסטאָרישע עפּאָכן. די גרעניץ פון די קולטור־נויטבאַדערפענישן, אָדער פון דאָס קולטור־נויטוועדיקע קען מען דורכפירן לויטן אייגענעם ווילן (מ׳ווערט אָבער אויפגעפאָדערט נישט צענויפמישן דעמדאָזיקן ווילקיר־אַקט מיט דער אויבן־דערמאָנטער סוביעקטיווער אָפּשאַצונג).

לויט דעם אויבנגעזאָגטן האָט דער לוקסוס אַ טאָפּלטן זין: ער קען טראָגן אַ כמות־ אָדער אַן איכות־כאַראַקטער.

לוקסוס אין כמות־זין איז גלייכבאַדייטנדיק מיט „פאַרשווענדונג" פון ווערטן: ווען מען האַלט הונדערט דינער דאָרט, ווו איינער איז „גענוג" אָדער ווען מ׳רייבט אָן דריי שוועבעלעך אויף אַמאָל, כדי אָנצוצינדן אַ ציגאַר. לוקסוס אין איכות־זין הייסט, באַנוצן בעסערע ווערטן. לוקסוס אין כמות־ און לוקסוס אין איכות־זין קענען זיך פאַרייניקן (און אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי טאַקע מייסטנס פאַרייניקט).

פון באַגריף „איכותדיקער לוקסוס" פירן מיר אַרויס דעם באַגריף פון לוקסוס־געגנשטאַנד, וואָס שטעלט אַזוי אַרום מיט זיך פאָר אַ פאַרפיינערטן געגנשטאַנד. פאַרפיינערונג הייסט יעדע באַאַרבעטונג פון געברויך־געגנשטאַנדן, וואָס איז איבעריק פאַר דער נויטבאַדערפטיקער צוועק־דערפילונג. די פאַרפיינערונג קען קומען צום אויסדרוק אין צוויי ריכטונגען: אין דער ריכטונג פון שטאָף אָדער פון פאָרם.

פונקט, ווי מיר האָבן ביים לוקסוס אָדער ביי דער לוקסוס־פאַרשווענדונג געקענט אונטערשיידן אַן אבסאָלוטן און אַ

רעלאַטיוון זין, אַזוי מוזן מיר אויך אויפשטעלן דיזעלבע אונ־
טערשיידונג פאַר די סובסטראַטן פון איכותדיקן לוקסוס — די
פיינע געגנשטאַנדן.

נעמט מען די פאַרפיינערונג אין אַבסאָלוטן זין, דאַן גע־
הערט דער גרעסטער טייל פון אונזערע אַלע געברויכס-געגנ־
שטאַנדן צו די פאַרפיינערטע: ווייל כמעט אַלע באַפרידיקן זיי
מער, ווי די (אנימאַלישע) נויטבאַדערפעניש. דעריבער מוז מען
רעדן אויך וועגן אַ פיינקייט-באַדערפעניש אין אַ רעלאַטיוון
זין, און ערשט יענע פאַרפיינערונג, וואָס שטייגט אַריבער די
דורכשניטסמאָס פון אַ געוויסן שטאַנד פון מאַטעריעלער קולטור,
באַצייכענען אַלס פאַרפיינערונג אין ענגערן זין. דידאָזיקע ענ־
גער-באַשריבענע באַדערפעניש פון פיינקייט רופן מיר דאַן אַן
לוקסוס-באַדערפעניש; די געגנשטאַנדן, וואָס דינען אויף צו באַ־
פרידיקן דידאָזיקע באַדערפעניש, רופן מיר אָן אין ענגערן זין
לוקסוס-געגנשטאַנדן.

דער לוקסוס, אינם נאָרוואָס באַשריבענעם זין פון פיינ־
קייט-באַדערפעניש און זיין באַפרידיקונג, דינט זייער פאַרשידענע
צוועקן און האָט דעריבער צו פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ זייער
פאַרשידענע באַוועג-מאָטיוון: צי איך הייליק פאַר מיין גאָט אַ
גאָלד-באַצירטן אַלטאַר, צי איך קויף מיר אַ זיידן העמד: אין
ביידע פאַלן באַגיי איך אַ לוקסוס-אַקט, אָבער ס'איז לייכט איינ־
צוזען, אַז דידאָזיקע ביידע אַקטן זענען ווייט איינער פון צווייטן,
ווי דער הימל פון דער ערד. יענע הייליקונג פון אַלטאַר קען
מען אפשר באַטראַכטן אַלס אידעאַליסטישן אָדער אַלטרואיסטישן
לוקסוס, אָבער דידאָזיקע איינשאַפונג פון אַ זיידענעם העמד —
אַ מאַטעריאַליסטישן אָדער עגאָאיסטישן לוקסוס, אונטערשיידנ־
דיק אַזוי אַרום די באַשטימונג און דעם באַוועג-מאָטיוו פון די־
דאָזיקע צוויי אַקטן.

אויב מיר רעדן דאָ וועגן אַ לוקסוס-אַנטוויקלונג, מיינען
מיר נאָר די צווייטע אַרט לוקסוס: יענעם לוקסוס, וואָס דינט
דערצו, אויסצופוצן דאָס פערזענלעכע לעבן צוליב עגאָאיסטישע
מאָטיוון מיט „פוסטע שמאָכטעס” ווייל נאָר דערדאָזיקער אַרט־

לוקסוס האָט זיך אין דער רענעסאַנס-תקופה, אין דעם צייט-משך צווישן דזשיאָטאָ און טיעפּאָלאָ, באַזונדערס שטאַרקע אַנטוויקלט. יעדנפאַלס וויל איך דאָ נאָר נאָכפּאָלגן די אַנטוויקלונג פון דאָזיקן פּערזענלעכן לוקסוס, כ'וויל נאָכפּאָלגן זיין אַנשטייאונגס-וועג.

יעדער פּערזענלעכער לוקסוס וואַקסט צוערשט אַרויס פון אַ ריין-זינלעכער געניוס-פרייד: דאָס, וואָס רייצט דעם אויג, דעם אויער, די נאָז, דעם גומען און דעם טאַפּ-חוש ווערט אויף אַלץ אַ פולקאָמענערן אופן פאַרקערפּערט אין פאַרשידענעליי געברויך-אַרטיקלען, און דידאָזיקע געברויך-אַרטיקלען מאַכן אויס די לוקסוס-אויסגאַבן. אָבער יעדער ווונש נאָך פאַרפיינערונג און פאַרמערונג פון די זינלעכע רייץ-מיטלען וואָרצלט אין לעצטן גרונט אין אונזער געשלעכט-לעבן: די לוסט פון די חושים און עראָטיק זענען אין לעצטן גרונט איינס-און-דאָסזעלבע. אַזוי אַז דער ערשטער טרייב-מאָטיוו צו אַ וועלכער נישט איז לוקסוס-אַנטוויקלונג לאָזט זיך אין דעם גרעסטן רוב פאַלן צוריקפירן צו אַ באַוווסט אָדער אומבאַוווסט-ווירקנדיקער ליבעס-עמפּינדונג.

און דעריבער: אומעטום, ווו עס אַנטוויקלט זיך רייכטום, און ווו דאָס ליבעס-לעבן נעמט אָן נאַטירלעכע און פרייע (אָדער פרעכע) פאָרמען, הערשט אויך לוקסוס. דאָרט, ווו דאָס ליבעס-לעבן ווערט פאַרוועלקט צוליב וועלכע נישט איז סיבות, מוז דער רייכטום פירן נישט צו אויסגעבן, נאָר צו זאַמלען ווערט-זאַכן און טאַקע אין זייער אבסטראַקטסטער פאָרם: אַלס אומגעפאָרמטע מעטאַלן און דערנאָך אַלס געלט. (געגויער דאַרף דאָס באַהאַנדלט ווערן אויף אַן אַנדער אָרט, ווו איך פאָרש אויס די געגנעזיס פון קאַפּיטאַליסטישן גייסט, וועלכער ווערט געשפייזט פון דאָזיקן אַנדערן שטראָם).

הערשט שוין אָבער אין אַ וועלכער נישט איז צייט דער לוקסוס, ווערן שוין טעטיק אויך אַנדערע צאָלרייכע מאָטיוון, וואָס טרייבן אים צו וואַקסן: דער כבוד-געפיל, דער פאַרלאַנג צו גלאַנצן, די אויספּיינערײַ, דער מאַכט-דראַנג, מיט איין וואָרט: דער דראַנג צו זיין דער ערשטער צווישן אַנדערע ווערט אַ וויכטיקער באַוועג-מאָטיוו פאַר זיין אַנטוויקלונג. אין זיין גייסט

רייכן בוך וועגן די „ליידיקגייערישע” קלאַסן וויל וועבלען דעם גאַנצן לוקסוס צוריקפירן אויף דעם איין - איינציקן דראַנג: דעם ווילן מיט עפּעס איבערצושטייגן די אַנדערע. ווען מ׳גיט אַפילו צו, אַז דערדאָזיקער דראַנג געהערט צו די עלע־מענטאַרע טריבן פון דער מענטשלעכער נאַטור, ווי הונגער און ליבע, איז נאָך אָבער אויך נויטיק, עס זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן באַזונדערע באַדינגונגען, כדי דערדאָזיקער דראַנג זאָל דווקא קו־מען צום אויסדרוק אין דער ריכטונג פון דער לוקסוס-אַנטוויק־לונג. די הנחה דערצו איז, אַז אַ לוקסוס-לעבן איז שוין דאָ, און די אַנטוויקלונג פון אַ גלייכן אָדער אַ גרעסערן לוקסוס קען בלויז זיין אַ מיטל אויף צו באַפרידיקן יענעם דראַנג פון זיך וועלן אויסצייכענען. אין אַנדערע פאַלן שטעלט זיך פאָר אַלס פאַסיקע פאָרם זיך אויסצוצייכענען אַ ריין-קוואַנטיטאַטיווע איבערשטייגונג פון די אַנדערע: מיט דער צאָל קנעכט, מיט דער גרויס פון באָדן-באַזיץ אָדער פון געלט-פאַרמעגן, דער מדרגה פון טיטל אָדער ענלעכעס. אָבער כדי דער לוקסוס זאָל עקזיסטירן אַלס פערזענלעכער, מאַטעריאַליזירטער לוקסוס, מוז זיין וואָך די זינלעכע לוסט, מוז קודם כל אויסאיבן איר אַנטשיידנדיקע השפעה אויף דער פאָרמירונג פון לעבן — די עראָטיק.

ווענדן מיר אָן דידאַקטישע כללים אויף אונזער עפּאָכע, זעען מיר, אַז אַלע פאָרבאַדינגונגען זענען דערפילט געווען, כדי צו שאַפן אַ גרויסן לוקסוס: דער רייכטום, די פרייע אויס־בילדונג פון ליבעסלעבן, די שטרעבונג פון איינצלנע באַפעלקע־רונגס-גרופּן זיך אויסצוצייכענען פאַר אַנדערע, דאָס לעבן אין דער גרויסשטאָט, וועלכע, ווי מיר האָבן דערוויזן, איז פאַר דעם 19-טן יאָרהונדערט תּמיד געווען בלויז אַ צענטער פון גענוס.

אָבער אַזאַ דעדוקציע וואָלט געווען אַביסל בלוטאַרים און אַנדערע וואָלטן געקענט אָפּפרעגן איר באַווייז-קראַפט. דעריבער וויל איך אין דער פאָלגנדיקער שילדערונג אומדרייען די זאַך: איך וויל אַרויסגיין פון פאַקט, אַז אין די יאָרהונדערטן זייט דער ענדע פון מיטלאַלטער האָט געהערשט אַ גרויסער לוקסוס,

וועלכער האָט אַרום סוף 18-טן יאָרהונדערט אָנגעגנומען ריזיקע פאָרמען, און כ׳וועל דעמדאָזיקן פאַקט דאַן דערקלערן. דעריבער איז קודם כל נויטיק אויפצווייזן די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער שטאַרקער לוקסוס-אַנטוויקלונג.

צום דאָזיקן ציל וועלן מיר דאָ קודם כל דערמאָנען דאָס אָפט-איבערגעחזרטע עדות-זאָגן פון די צייט-מענטשן, אין וועלכע עס ווערט על פי-רוב געקלאָגט איבער דעם אומדערטרעגלעכן לוקסוס: „אַלע זענען משוגע, דער לוקסוס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה און מ׳פאַרזיכערט, אַז האַלב פאַריז איז רואי-נירט און די אַנדערע העלפט האָט געמאַכט אַ פּרנסה פון שווינדל״ שרייבט אין יאָר 1887 אַ פּראָווינצער פון פאַריז צו זיין פרוי. „אייגע פון די בולטסטע מאַניעס פון דערדאָזיקער צייט״, מיינט מאַדאַם ד׳אָבערקירק, די אַלטע טאַנטע, „איז זיך צו רואינירן אין אַלץ און אויף אַלץ״. פאַר-כאַפּנדיק האָט אונז מערסיע געשילדערט דעם טרייסטלאָזן צושטאַנד, אין וועלכן די געזעלשאַפט פון זיין צייט איז אַריינ-געפאַלן. ער רופט אָן דעם לוקסוס „דער תּליון פון די רייכע״, און ווייזט אונז מיט דורכדרינגנדיקער ווערטער, ווי אַזוי דער רייכער קען פון גאָרנישט געניסן צוליב דער כּסדרדיקער איבערטרייבונג: „די רייצן ווערן מער נישט באַפרידיקט, נאָר אָפּגעטעמפּט, און דעם אָרט פון פּיקאַנטער אָפּוועקסלונג פאַרנעמען אויסטערלישע פאַרשווענדונגען, וואָס ברענגען מיט זיך בלויז דעם עקל; דאָס איז דער גרונט, פאַרוואָס אַלץ האַלט זיך כּסדר אין איין בייטן, די מאָדעס, די קליידונג, די זיטן, די שפּראַך, כּסדר אָן אַ אויפהער און אָן אַ זין. די רייכע לייט געפינען זיך שוין באַלד ביי דער שטופע, ווען מען הערט שוין לחלוטין אויף צו שפּירן. זייערע איינריכטונגען זענען אַ זיך-ענדערנדיקע דעקאָ-ראַציע; זייערע קליידער — אַ טעגלעכער ציגנ, זייערע מאָל-צייטן — אַ פאַראַד. און איך גלויב, אַז דער לוקסוס קוועלט זיי, ווי די נויט — דעם אָרעמאַן; עס האָט זיך טאַקע געלוינט אַלץ מקריב צו זיין פאַר אים! דאָס, וואָס עס קוועלט אין פאַריז די רייכע, איז אפשר די פאַרקייטלונג פון זייערע משוגענע

אויסגאַבן: זיי גייען תמיד ווייטער, ווי זיי ווילן. דער לוקסוס האָט אָנגענומען אַזעלכע מוראדיק-טייערע פאָרמען, אַז עס איז בכלל נישטאָ אַזאַ פאַרמעגן, וועלכן ער זאָל, אַזוי צו זאָגן, נישט אונטערגראָבן". „קיין איין יאָרהונדערט איז נישט געווען מער פאַרשווענדעריש פאַר אונזערן. יעדער פאַרצערט זיין גאַנצע הכנסה, פרעסט אויף זיין גאַנצן פאַרמעגן, יעדער וויל איבער-שטייגן זיין שכן מיט סקאַנדאַלעז-שפעדיקע אויסגאַבן..."

און אומעטום איז דאָסזעלבע בילד; כמעט דיזעלבע ווערטער: קיינמאָל איז נאָך נישט געווען קיין מער לוקסוסדיקע תקופה, מיינט דער „פולקאָמענער ענגלישער האַנדלסמאַן:" „עס איז כמעט אומגלויבלעך, סאַראַ אָרט עס פאַרנעמט אין אונזער צייט דער לוקסוס"... „גאווה, פרייַלעכקייט און לוקסוס" באַהערשן אונז.

„דער לוקסוס פאַרשלינגט אַלץ, ווי אַ ים", אורטיילט ק אָ כ אַ נ אָ ו ו ס ק י אין וואַרשע, ווו דער לוקסוס האָט איבער-געלעבט זיין העכסטע מדרגה. „ווען דער אַלמעכטיקער גאָט וואָלט אונז געשיקט אַזאַ רעגן אַז וויפל טראָפנס ער פאַרמאָגט אַזוי פיל דוקאַטן וואָלטן אַראָפגעפאַלן און באַדעקט מיט זיי פוילן ביז איבער די קנעכל, וואָלט זיך פונדעסטוועגן דאָסדאָזיקע געלד נישט לאַנג געהאַלטן ביי אונז, נאָר אַזוי ווי וואַסער פון בערגלעך און בערג פליסן צו די טייכן און טאָלן, וואָלט עס שנעל אָפגעפלאָסן נאָך ברעסלאַ, לייפציק, פראַנקפורט, בערלין, דאַנציק, ריגע און קעניגסבערג פאַר זילבער-געשיר, וואָגנס, מעבל און דאָסגל.".

מיר וועלן זיך אָבער נישט באַנוגענען מיט אַזעלכע עדות-דערקלערונגען, נאָר מיר וועלן פּרוּוון פאָרצושטעלן ווירק-לעכע פאַקטן, דאָס הייסט רעאַלע פאַלן פון דער לוקסוס-פאָר-מירונג. איך וואָלט אייגנטלעך געקענט אָננעמען, אַז מיינע לייענער באַזיצן דידאָזיקע ידיעות וועגן לוקסוס, און ביז צו אַ געוויסן גראַד נעם איך דאָס טאַקע אָן. אָבער איינס האַלט איך פאַר נישט איבעריק: דאָס איז דער פּרוּוו צו געבן אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, אַ ציפערדיקע, באַשטימטע פאָר-

שטעלונג וועגן דער גרויס פון דער לוקסוס-אַנטוויקלונג, ווייל ערשט די ציפערן גיבן די מעגלעכקייט צו דערקענען הינטער דעם איינצלנעם לוקסוס-פּענאָמען און באַזונדערס הינטער אַ מאַסע פון אַזעלכע איינצלפענאמענען די באַדייטונג, וועלכע דער לוקסוס-באַדאַרף האָט געהאַט אויף דער אויסבילדונג פון מאַרק (וואָס דאָס ווילן מיר דאָך קודם כל וויסן).

און דערנאָך וואָלט מען געדאַרפט באַווייזן דאָס צווייטע: נאָכדעם ווי דער פאַקט פון אַ גרויסער לוקסוס-אַנטוויקלונג שטייט שוין מחוץ פון יעדן ספק, דאַרף מען אויספאָרשן, אין וועלכן צוזאַמענהאַנג די דאָזיקע לוקסוס-אַנטוויקלונג שטייט מיט די געזעלשאַפטלעכע פאַקטארן, וועלכע כ'האָב געשילדערט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען; באַזונדערס, אויף ווי ווייט (דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער גרונט-געדאַנק פון דאָזיקן בוך) די פרוי, בפרט די אומגעזעצלעך געליבטע פרוי, מיר קענען אַפילו זאָגן: די נקבה האָט גענומען אַן אַנטייל ביים אויסגעשטאַלטן דעם אויסערלעכן לעבן אין אונזער תקופה.

## II. די פירשטלעכע הויפן.

ווי דאָס גאַנצע לעבן איז אויך דאָס פאַרמעגלעכע לעבן אין יענער צייט אַרויסגעקומען פון די פירשטלעכע הויפן: זיי זענען דער אייגנטלעכער מקור פון אַלע ענערגיען.

און ווידער דאָסזעלבע: ווען מיר קוקן זיך אום אין דער פאַרגאַנגנהייט, כדי צו זען, ווו איז צוערשט אויפגעקומען אַ לוקסוסדיק-וועלטלעך לעבן שטעלט זיך אונזער בליק אָפּ אויף אַוויניאָן:

גייציקע בבל...

...מיט שלעכטע מידות ביסטו אָנגעשטאָפּט און לאַכסט
צעפּלאַצטערהייד; און האָסט געמאַכט פאַר דיינע
געטער
נישט צעאוסן און נישט פּאלאדאן, נאָר וועגוסן
און באַקכוסן...

פריער רוים, איצט בבל די פאַלשע און בייזע,
צוליב וועלכער מען וויינט און מען קרעכצט אַזוי
פיל...

געגרינדעט אין צניעותדיקער און הכנעהדיקער
אָרימקייט

הויבסטו קעגן דיינע גרינדער די הערנער,
אומפאַרשעמטע זונה; און ווו איז דיין האָפענונג?
אין דיינע זנות־זין, אין דיינע ממזרים אַזוי פיל
רייכקייט?...

אמת, פּעטראַרקאַ, וועלכער האָט אונז איבערגעלאָזן דידאַזיקע און נאָך אַ סך ענלעכע שילדערונגען פון אַוויניאָנער הויף, איז נישט געווען קיין גאַנץ אומפּאַרטייאישער באַאורטייי־לער, אָן „פּאַראורטיילן;" אָבער, אַז ער האָט אין תּוך גענומען גאַנץ ריכטיק געשילדערט די לאַגע, דאָס באַווייזן אונז אַנדערע, הונדערט־פּראָצענטיק זיכערע עדות.

איך האָב דאָ, צום בײַשפּיל, אין זינען די דעמאָלטיקע שילדערונג פון די פייערלעכקייטן, וועלכע מ'האָט איינגעאָרדנט לכּבוד דעם פּויפּסט קלעמענס V., און וועלכע ענדיקט זיך מיט די פּרעכטיקע ווערטער: „די אויגן פון אונזער הער האָבן גע־בלאָנדזשעט איבער דידאָזיקע אַלע זאַכן (די וואקכאנאליע, מיט וועלכער עס ענדיקן זיך די פּרעכטיקע מאָלצייטן: די גאַנצע געזעלשאַפט האָט געטאַנצט דורך די גערטנער), פול פרייד צוליב זייער בונטקייט און דערקוויקלעכקייט, מיט יענער מילדקייט און רייפקייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזוי פיל הייליקייט".

אָדער איך מיין דאָ די אינוועטאַרן פון פּויפּסטלעכן פּאַלאַץ, מיט וועלכע ע. מינץ האָט אונז באַקאַנט געמאַכט. און כ'געפין, אַז פּעטראַרקאַס אורטייל ווערט באַשטעטיקט. אמת, כּדי זיך צו שאַפן אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן לעבן אין אַוויניאָן, מוזן מיר קודם כּל נעמען אין אַכט אויך די צאָל רייכע סאַטעליטן־הויפן פון די קירכן־פירשטן, וועלכע האָבן דאָרט רעזידירט בײַם זייט פון פּויפּסט: ערשט דער סך־הכּל פון אַלע

גייסטלעכע הויפן האָט געשאַפן יענעם גלאַנץ, וועלכער לייכט פאַר אונז אַרויס פון די שילדערונגען פון יענער צייט. ווייל די נייע פאַרשונגען האָבן דערוויזן, אַז די אויסגאַבן פון דער פויפּסטלעכער ווירטשאַפט אַליין זענען גאָר נישט געווען אַזוי איבערגעטריבן גרויס: פון 24 יוני 1305 ביזן 24 אַפּריל 1307 (אמת, עס איז ערשט דער אָנהויב! אָבער, לויט מיינע ידיעות, זענען נאָך נישט פּובליצירט די אויסגאַבן פאַר דער שפּעטערער צייט) זענען אויסגעגעבן געוואָרן פאַר באַאַמטע און דעם באַדינטן-פּערסאָנאַל 175.317 גאָלד גולדן; די וואָך-הוצאה פאַר דער קיך, הויף-בעקעריי, וויין-קעלער און פערד-שטאַלן מאַכט אויס 862 פל., אין שטאַל שטייען 135 פערד.

צום גוט-באַלויכטענעם אַוויניאָנער עפּיזאָד שליסט זיך אָן אוממיטלבאַר אין אונזער פאָרשטעלונג די גלאַנצצייט פון פויפּסטום אין רוים אונטער דער הערשאַפט פון די גרויסע רענעסאַנס-פויפּסטן פון פויל II ביז לעאָ X, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ לעבן פול פייער און גלאַנץ, איבערשטייגנדיק אין דעם איינער דעם צווייטן. „אַ געטשנדינעריש וועזן האָט פאַרצירט די שטאָט מיט טעאַטראַלישן גלאַנץ, ווי אין דער אַלטער קייזערצייט. וועלט-לעכע פּאָמפּע איז געוואָרן אַ באַדערפעניש פון דער פויפּסטלעכער רעגירונג, דער פאַרצערטלטער המון האָט געפאָדערט פייערלעכקייט, און מען האָט זיי אים געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט". (גרע-גאָראָוויוס).

מיט פויל II (1464 — 1471) הויבט זיך אָן די וואַקכאַ-נאַליע. „זיין הויף איז געווען פּרעכטיק; ער אַליין — שטאַרק פאַרנומען מיט זינלעכע פאַרגעניגנס". דעם קאַרנאַוואַל האָט ער באַטראַכט אַלס אַ סימבאָל פון זיין אייגן לעבן, און ער האָט אים אויסגעפאָרמט אין וועלטלעכן זין. ער האָט דער ערשטער איינגעפירט אין רוים דעמדאָזיקן נייעם געטשנדינערישן כאַראַק-טער פון קאַרנאַוואַל.

סיקסטוס IV. איז געגאַנגען אין די שפּורן פון זיין פאַר-גייער. אין זיין רעגירונגס-צייט לעבן דאָ אויס זייער לעבן קודם כל די נעפּאָטן: זיין זון פּיעטראָ ריאַריאָ, וועלכער

פאַרמאָגט אַ הכנסה פון 60.000 פל. פאַרשווענדט זיין עשירות אין צוויי יאָר. ווען די אומגעזעצלעכע טאָכטער פון נעאַפּאָלער קעניג איז אין יאָר 1473 געקומען קיין רוים, האָבן די פייער־לעכקייטן איבערגעשטיגן „מיט זייער משוגענער פאַרשווענדונג אַלץ, וואָס איז ביז דאַן איבערגעלעבט געוואָרן אויפן דאָזיקן געביט." די מאַדאַם לעאָנאָראַ האָט געקענט פאַרלאָזן רוים מיט דער איבערצייגונג, אַז די וועלט פאַרמאָגט נישט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן אין סיבאַריטיזם כאָטש פונדער־ווייטנס מיטן הויף פון אַ רוימישן גנפאַט.

דער עיקר קומט צום אויסדרוק דער לוקסוס פון יענער צייט אין פייערלעכקייטן, עפנטלעכע אויסשטעלונגען, אויפנאַ־מעס, פייערלעכע אַריינפאָרן: 100.000 מענטשן פאַרזאַמלען זיך אין טאָג פון הייליקן מאַרקאָ אין יאָר 1476 אויף דער נאַוואָנאַ, ווו דזשוראָלאַמאָ ריאַריאָ האָט איינגעאָרדנט אַ טורניר. אין יאָר 1478 איז די חתונה פון דער פּרינצעסין פון אורבינאָ און דזשיאָוואַני ראָוועריז געפייערט געוואָרן „persico apparatu" דעם פּראַכטפולן אַריינפאָר פון פּרינץ פעדעריגאָ פון נעאַפּאָל באַשרייבט אונז אויספירלעך בורקאַרדוס. אָבער די העכסטע מדרגה פון וועלטלעכן גלאַנץ האָט דערגרייכט דאָס פּויפּסטום אין דעם אייביק־באַרימטן לאַטעראַנישן פייערלעכן צוג פון לעאָ X דעם 11־טן אַפּריל 1513. 100.000 דוקאַטן האָט געקאָסט דער דאָזיקער איין טאָג, אין וועלכן הונדערטער קינסטלער האָבן מקריב געווען זייערע בעסטע שאַפונגס־כּחות. עס איז דאַן געווען די צייט, ווען ראַפאַעל סאַנטי האָט געריטן דורך די גאַסן פון רוים, ווי אַ געקרוינטער פירשט, באַגלייט פון אַ פיינער סוויטע, וועלכע איז קיינמאָל נישט באַשטאַנען פון ווייניקער ווי פופציק פּאַרערער, פריינט און שילער.

ווי ס'איז באַקאַנט, האָבן איטאַליעס וועלטלעכע הויפן קאָנקורירט אין אַנטוויקלען אַ וועלטלעכן גלאַנץ מיט דעם הויף פון רוים. וועגן דעם לוקסוס, וועלכער האָט דאַן געהערשט אין די דאָזיקע הויפן, דערציילט אונז דאָס טאָגבוך, וועלכעס אַנדרע

דע לאַ ווין, דער סעקרעטאַר פון אַננאַ פון בּרעטאַן האָט געשריבּן אויף דער רייזע מיט קאַרל VIII-טן דורך איטאַליע.

אָבער פאַר דער געשיכטע פון הויפּישן לוקסוס (ווי פאַר דער געשיכטע פון די הויפן בכלל) איז געווען פון גרויס באַדייטונג דער פאַקט, וואָס די פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ע  ק י ס ר י ם האָבּן געזירשנט די איטאַליענישע פירשטן אויך אין אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו לעבּנסאויפפאַסונג און לעבּנספירונג: קאַטאַרינע פון מעדיטשי איז געווען דערבּיי די פאַרמיטלערין, נאָכדעם, ווי שוין פאַר איר האָט דאָס הויז פון די וואַלואַ דורך קאַרל VIII און לודוויק XII פאַרקערפערט, ווי מען ווייסט, זייער שטאַרקע נייגונג צו דער איטאַליענישער קולטור אין זייער גאַנצער פּאָליטיק.

ווייל דורכדעם — און דאָס איז דאָס אַנטשיידנדיקע — זענען אויסגעוואַקסן די אויסערלעכע מעגלעכקייטן פון אַ לוקסוס-אַנטוויקלונג אין דער מאָס, אויף וויפל פראַנקרייך איז גרעסער געווען פאַר די איטאַליענישע פירשטנטומס. די לעצטע וואַלואַס האָבּן אויסגעגעבּן פאַר זייער ווירטשאַפט אַ סך מער, וויפל אַפילו איטאַליעס רייכערע מלוכות האָבּן געהאַט עפנטלעכע הכנסות. פאַרן סוף 15-טן יאָרהונדערט האָט מען געשאַצט די הכנסות פון

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| ווענעציע | אויף | העכסטנס | 1.000.000 | גאָלד | פל. |
| נעאַפּאָל | „ | „ | 600.000 | „ | „ |
| מאַילאַנד | „ | „ | 600.000 | „ | „ |
| פלארענץ | „ | „ | 300.000 | „ | „ |
| קירכע | „ | „ | 200—260.000 | „ | „ |

קעגן דידאָזיקע ציפערס שטייען די אָנדערהאַלבּן מיליאָן סקודיס, וועלכע פראַנץ I (אָדער הייגריך II) האָבּן געקענט אויסגעבּן פאַר זייער הויף-אויסהאַלטונג. דער ווענעציאַנישער קאָנסול (מאַרינאָ קאַוואַללי), וועלכן מיר האָבּן צו פאַרדאַנקען דידאָזיקע שאַצונג, גיט צו צום ציפער פאָלגנדיקע באַמערקונג: „ווען איר זאָלט זען דעם פראַנצויזישן הויף, וואָלט איר זיך נישט געוווּנ-

דערט איבער אַזאַ הויכע הוצאה־סומע. ער האָט געוויינלעך אויס 6, 8, 10 ביז 12 טויזנט פערד. זיינע פאַרשווענדונגען האָבן גאָר קיין גרעניץ נישט. די נסיעות פאַרמערן די הוצאות ווייניקסטנס אויף אַ דריטל, צוליב דער גרויסער צאָל מויל־אייזלען, קאַרעטעס, טראַגעס, פערד, דינער, וועלכע ער האָט נויטיק דערצו, און וועלכע קאָסטן צוויי מאָל אַזויפיל ווי געוויינלעך". אַן אַנדער קאָנסול האָט געשאַצט די סוויטע, וועלכע באַגלייט דעם קעניג, אויף 8000 פערד. די פאַרטיילונג פון די אָנדערהאַלבן מיליאָן סקודיס (וואָס אַנטשפּרעכן אומגעפער 10 מיליאָן פראַנק אויף היינטיקער וואַליוטע) לויט די איינצלנע הוצאה־פּאָזיציעס שטעלט זיך פאַר אַזוי (לויט דערזעלבער קוועלע): 100.000 פאַר וווינונגס צוועקן, 150.000 אויף יאַכט, 100.000 אויף פייערלעכקייטן, 100.000 אויף קליידונג און מתנות, 200.000 פאַר דעם קעניגס הויף־שטאַט, 300.000 פאַר דער הויף־ווירטשאַפט פון דער קעניגין.

היות עס איז זייער באַלערנדיק נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון די איינצלנע אויסגאַבן, ברענג איך דאָ נאָך אַ רשימה פון אַ צווייטן קאָנסול־באַריכט, אויף וועלכער, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, מ'האָט ביז איצט נישט געלייגט קיין אַכט. אין יאָר 1542 האָט די אַלגעמיינע הוצאה פון פראַנצויזישן קעניג באַטראָפן 5.788.000 ל. (דער ליוור האָט פון 1541—1560 געהאַט דעם מעטאַל־ווערט פון 3,34 פראַנק אין היינטיקער וואַלוטע).

דערפון פאַלט אויס אויף לוקסוס־הוצאות:

| | | |
|---|---|---|
| דעם קעניגס ווירטשאַפט | 85.000 | ליוור |
| דער פערד־שטאַל | 80.000 | " |
| גאָלדענע און זיידענע געוואַנטן אויף מתנות | 50.000 | " |
| הויפשטאַט | 190.000 | " |
| הויפווירטשאַפט פון דער קעניגין | 140.000 | " |
| פאַלקן־יאַכט | 60.000 | " |
| שלאָס אין שאַמבאָר (וואָס האָט ביז איצט געקאָסט 400.000 ליוור) | 30.000 | " |

| | |
|---|---|
| שלאָס אין פאָנטענעבלע | 50.000 ליוור |
| דעם קעניגס טאַשנגעלט | 500.000 „ |
| מתּנות | 500.000 „ |
| דעם קעניגס קניות פאַר זיין פאַרגעניגן ווענן, ווי צירונג און אַנד. | 100.000 „ |
| אויסערגעוויינלעכע הוצאות, וואָס זייער באַשטימונג איז נישט באַקאַנט | 400.000 „ |
| קליינע פאַרגעניגנס | 750.000 „ |
| | 2.995.000 ל. |

אין די „קליינע פאַרגעניגנס”, גיט דער קאָנסול צו, גייען אַריין די הוצאות, וועגן וועלכע דער קעניג וויל נישט, מען זאָל וועגן זיי וויסן, ווי אויף ווייבער, למשל, א. א. וו.

אונטער היינריך IV ווערן די הוצאות פאַר לוקסוס-צוועקן צוערשט קלענער. דערפאַר גיט ער אויס אין לעצטן יאָר פון זיין רעגירונג פאָלגנדיקע סומעס (דערביי דאַרף מען דעם מעטאַלווערט פון ליוור שאַצן אויף צוויי מאָל אַזויפיל, ווי דעם היינטיקן פראַנק):

| | |
|---|---|
| אויף פערד-שטאַלן | 261.590 ליוור |
| „ דעם קעניגס הויף-שטאַט | 435.538 „ |
| „ זילבערגעשיר | 197.334 „ |
| „ קליינע הוצאות | 162.180 „ |
| „ יאַכט | 88.670 „ |
| „ דעם הויף-שטאַט פון דער קעניגין | 541.439 „ |
| „ בוי-אַרבעטן | 633.298 „ |
| „ רייזעס | 107.185 „ |
| „ מתּנות | 85.798 „ |
| „ קניות | 71.575 „ |
| | 2.584.607 ל. |

(דאָס הייסט אומגעפער 6—5 מיליאָן פראַנק אויף היינטיקער וואַלוטע).

פון איצט אָן שטייגן שוין די הוצאות פון יאָר צו יאָר: אין דער לעצטער רעגירונגס-צייט פון לודוויק XIV דערגרייכן זיי זייער העכסטע אַנטוויקלונגס-שטופע. די ביודזשעטן פאַר די יאָרן פון 1680 ביז 1715 ווייזן אומגעפער דאָסזעלבע בילד. איך נעם. אומגעקליבן איין יאָר (1685). (פון 1676—1700 איז דער ליוור גלייך צו 1,48 פראַנק אויף היינטיקער וואַליוטע).

| | | |
|---|---|---|
| דעם קעניגס הויף-שטאַט | 606.999 | ליוור |
| Chambre au denier | 1.618.042 | „ |
| הוצאות אויף קעניגלעכע טואַלעטן א. א. וו. | 2.274.253 | „ |
| קליינע פאַרגעניגנס | 400.850 | „ |
| דער אויפקויף פון פערד | 12.000 | „ |
| דער פערד-שטאַל | 1.045.958 | „ |
| מתנות | 313.028 | „ |
| הויז-הויף-מייסטעריי | 61.050 | „ |
| יאַכט | 388.319 | „ |
| הויף-ווירטשאַפט פון הער | 1.330.000 | „ |
| הויף-ווירטשאַפט פון דער מאַדאַם | 252.000 | „ |
| באַלוינונגען | 160.437 | „ |
| דעם קעניגס „טאַשנגעלט“ | 2.186.748 | „ |
| דעם קעניגס בוי-אַרבעטן | 15.340.901 | „ |
| געהיימע פאָנדן | 2.365.134 | „ |
| נסיעות | 558.236 | „ |
| | 28.813.955 | ל. |

דאָס הייסט: אַ קיילעכדיקע סומע פון 29 מיליאָן פראַנק אויף דעם קעניגס פערזענלעכע לוקסוס-הוצאות (אין גרעסטן טייל) אויף דעם אַלגעמיינעם ביודזשעט פון 100.640.257 ליוור.

וועלכע ריזנסומען עס זענען ביי אַזעלכע באַדינגונגען צוגעפאַלן די לוקסוס-מלאכות, ווערט נאָך בולטער, ווען מען באַטראַכט איינצלנע הוצאה-פאָזיציעס.

דעם ערשטן אָרט פאַרנעמט, פאַרשטייט זיך, דער

ב ו י - ל ו ק ס ו ס. און וועגן די הוצאות פאַר די קעניגלעכע בוי-אַרבעטן האָבן מיר טאַקע די גרינטלעכסטע ידיעות. אין אונזער רשות געפינען זיך די גענויע בוי-רעכנונגען פון די פראַנצויזישע מלכים פון 1664 ביז 1779, אין וועלכע עס איז געבוכט יעדער העלער און פעניג. דער מאַטעריאַל, וועלכער געפינט זיך אין דידאָזיקע חשבונות איז אַן אומגלויבלעך ווערט-פולער מקור פאַר דער ווירטשאַפטס-געשיכטע, וועלכער איז, ווי איך זע, בכלל נאָך נישט באַנוצט געוואָרן, בפרט אויסגעשעפט, נישט געקוקט אויף דעם. וואָס מיר באַזיצן אַ מוסטערהאַפטע אויסגאַבע פון די רעכנונגען פון 1664 ביז 1775. ל ע וו אַ ס ע ר און אַנדערע פראַנצויזישע ווירטשאַפטס-היסטאָריקער קענען און ציטירן אַפילו דידאָזיקע פובליקאַציעס, אָבער זיי האָבן, ווייזט אויס, קיין אַנונג נישט סאַראַ סך מ׳קען פון איר לערנען. אין אונזער הייַנטיקן צוזאַמענהאַנג קען איך, נאַטירלעך, פאַרווערטן בלויז זייער ווייניק פון דעם רייכן מאַטעריאַל, וועלכער פאַר-דינט אַ גרינטלעכע באַאַרבעטונג: ביי אַ געשיקטער באַנוצונג קען מען פון דאָזיקן איינציקן מקור שעפּן דאָס גאַנצע נויטיקע רוי-מאַטעריאַל פאַר אַ געשיכטע פון וויכטיקע צווייגן פון האַנטווערקערײַ און געווערבלעכן קאַפּיטאַליזם אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין די גאַנצע פינף גרויס קוואַרט-בענדער קומט נישט פאַר דאָס וואָרט „צעכנ-אָרד-נונג”. אָבער ס׳קען גיין, אַז טאַקע גראָד דערפאַר.

איך ברענג דאָ קודם כל די אַלגעמיינע ציפערן פון די הוצאות פאַר די קעניגלעכע בוי-אַרבעטן און פון איינצלנע הויפּט-פּאָזיציעס, כדי צו געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער גרויס פון קאַנסום.

אין משך פון לודוויק XIV רעגירונגסצייט ווערן בסך-הכל אויסגעגעבן אויף קעניגלעכע בוי-אַרבעטן: 198.957.579 ליוור, 14 ס. 11 ד. (אַזוי ווי דער ליוור איז דאַן געשטאַנען צווישן 1,22 און 1,63 מאַכט דאָס אויס די קיילעכדיקע סומע פון 300 מיליאָן פראַנק אויף הייַנטיקער וואַליוטע).

גאָר גרעסערע העלפט פון דערדאָזיקער סומע איז אויס־געגעבן ווערן אין די ערשטע 27 רעגירונגסיאָרן:

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1680—1664 | 73.977.269 | ל. | 14 | ס. | 5 | ד. | |
| 1687—1681 | 57.657.478 | „ | 6 | „ | 2 | „ | |

דער לייבן־חלק פון דער גאַנצער סומע פאַלט, פאַרשטייט זיך, אויס אויף ווערסאַל, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די גערט־נער און וואַסערפאָנטאַנען געקאָסט אומגעפער 100 מיליאָן פר. (די פריער אָנגענומענע ציפער 700—6 מיליאָן פר. איז אַזוי אַרום צו שטאַרק פאַרקליינערט אויף דער הויך).

ווי אַזוי די הוצאות ווערן פאַרטיילט אויף די איינצלנע פּאָזיציעס, קענען מיר זען פון די סך־הכלען, וועלכע דער אַרויסגעבער האָט צונויפגעשטעלט (און דערפאַר קומט אים אַ דאַנק).

פון דער אַלגעמיינער סומע, צום ביישפּיל, ווערן פאַר־ווענדט:

אויף קניות אין פאַבריקן און ביי הענדלער
1.730.206 ל. 10 ס. 2 ד.

אויף קניות אין גאָבעלען־פאַבריקן (מעבל)
4.041.068 ל. 2 ס. 7 ד.

אויף גרויסע זילבער־באַצירונגען
2.245.289 ל. 14 ס. 10 ד.

אויף קניות פון מאַרמאָר, בליי און צין
3.790.446 ל. 16 ס. 2 ד.

די אייגנטלעכע בוי־אַרבעטן זענען פאַר דער ערשטער עפּאָכע (1680—1664) אין איינצלנעם אָנגעגעבן אין דער אַלגע־מיינער סומע און ווייזן אויף פאָלגנדיקע פּאָזיציעס (פאַר די שלעסער ווערסאַל, לוווּר און טיולעריען, סט. זשערמען, פאָנטע־נעבלאָ, ווינסען, טריאַנאָן, קלאַני און מאַרלי):

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מוירער־אַרבעטן | 17.300.995 | ל. | 8 | ס. | 1 | ד. | |
| סטאָלעריי־אַרבעטן | 2.334.108 | „ | 11 | „ | 2 | „ | |
| דאַך־דעקעריי־אַרבעטן | 826.148 | „ | 10 | „ | 5 | „ | |
| בליי־אַרבעטן | 2.268.087 | „ | 19 | „ | 7 | „ | |

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| שלאָסעריי-אַרבעטן | 1.878.242 | ל. | 8 | ס. | 4 | ד. |
| סטאָלעריי-אַרבעטן | 2.087.541 | " | 5 | " | 10 | " |
| מאָלעריי-אַרבעטן | 2.877.875 | " | 16 | " | 3 | " |
| סקולפּטור-אַרבעטן | 2.041.321 | " | 11 | " | 6 | " |
| גלעזעריי-אַרבעטן | 289.524 | " | 11 | " | 11 | " |
| דיל-אַרבעטן | 729.738 | " | 16 | " | 10 | " |
| גערטנעריי-אַרבעט | 2.306.003 | " | 19 | " | 1 | " |
| ערד-אַרבעטן | 3.791.064 | " | 18 | " | 9 | " |
| פאַרשידענעס | 350.104 | " | 12 | " | — | " |
| אויסעראָרדנטלעכע אויסגאַבן | 4.456.733 | " | 6 | " | 9 | " |

בסך-הכל 1664—1680 43.537.491 ל. 16 ס. 6 ד.

דאָס זילבער-געשיר, וועלכן דער פראַנצויזישער הויף האָט פאַרמאָגט, איז אין 1689 און 1709 גרעסטנטיילס צעשמאָלצן געוואָרן. 1689 האָט עס אויסגעמאַכט 82.322 מאַרק 5 אונצ. 9 גר., ד. ה. אַ געלט-ווערט פון 2,505.637 ל. 4 ס. 9 ד.

וועגן דער עשירות און פראַכט פון דעם מעבל אין די קעניגלעכע שלעסער גיבן אונז איצט אַ באַגריף די פּאַרעפנט-לעכטע אינווענטאַרן, וועלכע זענען שטאַרק באַצירט מיט פאָ-טאָגראַפיעס. איין רשימה, למשל, ווייזט, אַז בלויז פולשטענדיקע גרויסע געוועבטע וואַנט-באַדעקונגען זענען געווען 334 אין לודוויק XIV-טנס שלעסער, זיי זענען באַשטאַנען פון 2600 טעפּיכער און 140 איינצל-שטיק, אַז פון די גאָבעלען-מאַנופאַקטורן האָט מען דאָרט געליפערט 822 שטיק אָדער 101 וואַנט-באַדע-קונגען.

אייניקע באַשטעלונגען פון יאָר 1669 ווייזן אונז דעם לוקסוס, וועלכער האָט געהערשט אין מעבל-שטאָף:

צו די הערן דיוּק עט מאַרסאַליע, סוחרים, פאַר 64 איילן גאָלד-און זילבער-בראָקאַט, צו 138 ל. 10 ס. אַ אייל, און פאַר 44 איילן גאָלד-און זילבער-בראָקאַט רויט און גרין, צו 133 ל. 5 ס.

אַ אייל, וועלכע איר האָט געליפערט זיין מאַיעסטעט. 16.545 ל. 5 ס.

צו דיזעלבע פאַר בראָקאַטן פון ליאָן 22.155 ל.

צו דיזעלבע 7070 ל., נעמלעך: 4090 ל. פאַר 62 איילן גאָלד-און זילבער-בראָקאַט, פיאָלעטער פאָן, ליאָנער פאַבריקאַט צו 66 ל. אַ אייל, און 2979 ל. 10 ס. פאַר 259 איילן קאַרמאַזין-רויטן דאַמאַסט, טוראָנער פאַבריקאַט, צו 11 ל. 10 ס. די אייל.

צום הער ריינאָן פאַר גאָלד-און זילבער-בראָקאַט 70.716 ל. 18 ס. 11 ד.

צום הער מאַרסעלן שאַרליע פאַר סאַמעט און בראָקאַטעלן 5.572 ל. 5 ס.

פון די שלאָס-איינריכטונגען איז נישט אָפגעשטאַנען ד ע ר ג ל אַ נ ץ פ ו ן ד י ב ג ד י ם - ש ט אָ פ ן. לייענט דורך די שילדערונגען פון די פייערלעכקייטן אין „מערקיור גאַלאַנט", ווי אַ ל. פ. פון 17-טן יאָרהונדערט באַשרייבט אויספירלעך יעדן איינציקן טואַלעט פון דער הויף-געזעלשאַפט! לודוויק אַליין האָט געטראָגן אַ שטאָף, וואָס האָט געהאַט אין זיך פאַר 14 מיליאָן פר. בריליאַנטן.

ווען לודוויק XIV האָט איינמאָל באַטראַכט די אין פאַריז איינגעאָרדנטע שפּיצן-מאַנופאַקטור, האָט ער איינגעקויפט פאַר 22.000 ל. שפּיצן.

דער קליידער-לוקסוס ביים פראַנצויזישן הויף האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט און אייניקע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע האָט ער דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה. מיר האָבן אַ גענויעם באַריכט וועגן דעם קליידער-ביודזשעט פון מאַריע אַנטואַנעט:

אין יאָר 1773 האָט דאָס גאַרדעראָבע-געלט פון דער דעמאָלטיקער קרוינפּרינצעסין באַטראָגן 120.000 ל. דידאָזיקע סומע איז אויך שפּעטער געבליבן אַלס אַ מין באַזיס, וועלכער איז אָבער פון יאָר צו יאָר איבערגעטראָטן געוואָרן דורך אַלץ גרעסערע סומעס. די הוצאות אויף טואַלעטן מאַכן אויס:

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1780 | | 194.118 | ל. | 17 | ס. |
| 1781 | | 151.290 | " | 3 | " |
| 1782 | | 199.509 | " | 4 | " |
| 1787 | | 217.187 | " | — | " |

פון דאַן אָן ווערן די הוצאות קלענער.

* * *

און די זיי? האָט זי אַ חלק — און וועלכן? — אין דערדאָזיקער שנעלער אָנוואַקסונג פון די לוקסוס־הוצאות? ביי די איטאַליענישע פירשטן, ביי די פראַנצויזישע וואַלוואַס דאַרף מען קיין סך נישט פרעגן: מען ווייס, אַז זיי האָבן געלעבט בלויז צוליב דער פרויען־ליבע. אָבער לודוויק XIV, וועלכער איז דאָך איינגעלעך דער ערשטער, וואָס שאַפט דעם לוקסוס פון גאָר גרויסן סטיל: איז ער אפשר ביי אים מער אַן אויס־דרוק פון מאַכט־גאווה און פראַכט־תאווה, וואָס באַהערשן אים און שטויסן אים צו דער לוקסוס־אַנטוויקלונג? ניין: אַדרבה, גראָד ביי לודוויק XIV קענען מיר נאָכפאָלגן אַקטנמעסיק, וואָלט איך זאָגן, דעם איינפלוס פון זיינע געליבטע אויף דער געשטאַלטונג פון זיין אויסערלעכן לעבן: די ליבע צו לאַ וואַליער האָט לודוויק XIV געשטויסן אויסצובויען ווערסאַל: אין זיין פאָטערס קליינעם יאַכט־שלאָס פון ווערסאַל האָט ער געהאַט מיט איר די ערשטע ראַנדעי־ווּוס: „דאָרט אויף דעם בערגל זאָל די געליבטע זען אויפשטייגן איר הערס צויבערשלאָס". מיט דער ליבע צו לאַ וואַליער הויבן זיך אָן די גרויסע פייערלעכקייטן ביים הויף: די אויפפירונגען פון אַריאָסטס צויבערגעשיכטעס. די פאַרגעניגנס פון פאַרכשופטן אינזל, אין וועלכן דער קעניג שפּילט דעם ראָזשע. פון 1674 — 1680 ווערט אויפגעבויט דער שלאָס פאַן קלאַני, וואָס קאָסט אָפּ 2 מיליאָן פר.: אַ קאַפּריז פון אַ פאַ־וואָריטקע. און תמיד, ווען אַ נייע געליבטע נעמט געפאַנגען לודוויקס האַרץ, רייסט זיך אַרויס אַ נייער לוקסוס־שטראָם:

איינע איז כסדר פאַרשווענדערישער פאַר דער אַנדערער ביז
צו דער פרל. פאָנטאַנזש, וועלכע האָט געשליידערט די גאָלד-
שטיק דורך אַלע פענסטערס, וועלכע האָט יעדן חודש אויסגע-
געבן 100.000 עקיו און זיך געוווּנדערט, וואָס מ׳רופט עס אָן
פאַרשווענדונג. אַז דער פראַנצויזישער הויף פון 18-טן יאָרהונ-
דערט איז דורך און דורך באַהערשט פון די מעטרעסעס, וועל-
כע באַשטימען זיין לעבנס-אַרט, איז אַ באַקאַנטע זאַך. מאַדאַם
דע פאָמפּאַדור ווערט מיט איר געשמאַק די באַהערשערין פון
דער אַלגעמיינער לעבנס-געשטאַלטונג: „מיר לעבן בלויז דורך
דער מאַדאַם דע פּ. קאָטשן אַ לאַ פּ., קליידער פון אַ לאַ פּ.
קאָליר; ראַגו (אַזאַ פלייש-שפּייז, איב.) אַ לאַ פּ. אויוונס, שפּיג-
לען, טישן, סאָפעס, שטולן אַ לאַ פּ., פעכערס, פּוטליאָרן, צאָנ-
שטעכערס אַ לאַ פּ.״ — שרייבט אַ בן-דור.

מאַדאַם דע פאָמפּאַדור איז די פאָרשטייערין פון דער
גאַנצער קולטור פון אַלטן רעזשים. זי איז קודם כל אויך די
רעפּרעזענטאַנטין פון זיין געשמאַק און פון זיין אויסערלעכער
לעבנס-פאָרם. זי מישט זיך פּערזענלעך אַריין אין דעם גאַנג
פון ווירטשאַפטס-לעבן, כדי עס פאָרמירן אין איר גייסט. איר
יינגערן ברודער, וועלכן זי האָט געמאַכט פאַר מאַרקיז דע
מאַרין, באַשטימט זי אַלס גענעראַל-דירעקטאָר פון אַלע בוי-
אַרבעטן, גערטנער, קונסטן און מאַנופאַקטורן. נאָכדעם ווי זי
האָט אים געשיקט אויף אַ שטודיום-רייזע קיין רוים. מאַדאַם דע
פאָמפּאַדור בויט שלעסער לויט איר אייגענעם ווילן: דאָס פּטי-
שאַטאָ (קליינעס שלאָס), דאָס שלאָס פון בעלוויו, צו וועלכן זי
האָט צוגעגעבן דעם טאָדי (ברימבאָריאָן). זי האָט פאַרשענערט
שואַזי. זי צייכנט אַליין דעם פּלאַן פון דער גאַלעריע פון שלאָס
פון בעלוויו, וועלכן וואַנלאָ, בושע, ברוינעט האָבן אויסגעצירט
מיט זייערע פּענזלען און פאַר וועלכן קוסטאַן האָט אויסגעהאַקט
לודוויק XV-טנס סטאַטוע. דאָרט אָרדנט זי איין פּרעכטיקע
פייערלעכקייטן, זי דיקטירט די קאָסטיומען, וואָס אירע געסט
דאַרפן טראָגן, און זי שענקט עס זיי. אַזאַ קאָסטיום האָט גע-
קאָסט 14.000 ל. זי האָט אויסגעגעבן 6(0.452 ל. פאַר די געסט-

וועש אין שלאָס פון שוואַזי. און איר אַלגעמיינע הוצאה האָט דערגרייכט סומען, וועלכע אַ קעניגין האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אין איר רשות. אין די 19 יאָר פון איר הערשאַפט האָט זי דאָקומענטאַריש אויסגעגעבן אויף אירע פּערזענלעכע באַדערפ־נישן 36.327.268 ליוור.

די גרעפין דיו באַררי שטייט נישט אָפּ פון דער מאַר־קיזין דע פּאָמפּאַדור. לויט דער געוויסנהאַפטער באַרעכענונג פון לע רוא האָט זי זייט דעם מאָמענט פון איר אויפשטייגן פאַרצערט 12.481.803 ל. 11 ד. דערפון פאַלן אויס 6.427.803 ל. 11 ד. אויף די צאָלונגס־אָנווייזונגען, וועלכע זי שרייבט אויס אין משך פון אירע הערשאַפטס־יאָרן (1769—1774) פאַר דעם באַנקיר באָזשאָן; דער אַבבאַט טעררע האָט, ווי באַקאַנט, אויסגעפּועלט, אַז די טשעקן פון דער פאַוואָריטין זאָלן פון דעם הויף־באַנקיר באַטראַכט ווערן צו יעדער צייט אַלס דעם קעניגס „באַנקנאָטן".

מאַריע אַנטואַנעט איז די לעצטע גרויסע קאָקאָטע, וועלכע הערשט איבער דעם פראַנצויזישן הויף און זאָרגט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די לוקסוס־הוצאות (ביז דעם אָנ־פאַנג פון די 1780 יאָרן); די ציפערן, וועלכע כ'האָב הויבן געבראַכט, זאָגן קלאָר עדות, אַז אויך אַלס לעגיטימע קעניגין קען מען זייער גוט גיין אין די שפּורן פון די גרויסע מעט־רעסעס. מען דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז מאַריע אַנטואַנעט האָט אין אירע גליקלעכסטע יאָרן (אַלס קרוינפּרינצעסין) געהאַט אויסצושטיין די געפערלעכע קאָנקורענץ פון דער דיו באַררי און אירע פּאַרערער.

אַן אומשאַצבאַרער, ווערטפולער מקור, כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף פון דער לוקסוס־אַנטוויקלונג אין סוף פון פריקאַפּי־טאַליזם אַדאַנק דער ז״, זענען די פולשטענדיק־אויפגעהיטע רעכענונגען פון דער מאַדאַם דיו באַררי (פון וועלכע מ'קען שעפן מער פאָלקסווירטשאַפטלעכע דערקענטניש, ווי פון אַ טויזנט תמיד־גלייכע פּובליקאַציעס פון צעכנאָרדנונגען אָדער רעגי־רונגסדעקרעטן!)

כ'ברענג דאָ אייניקע שטעלן דערפון:

די סומעס, וועלכע באַזשאַן האָט אויסגעצאָלט לויט די אָנווייזונגען פון דער פאַבריקין, האָבן געפונען פאָלגנדיקע אָנווענדונג:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| גאָלדשמידן | 313.328 | ל. | 4 | ס. |
| יוּוועלירן | 1.808.635 | „ | 9 | „ |
| דאָסגל. (ביזשוטעריע) | 158.800 | „ | — | „ |
| | 2.280.763 | ל. | 13 | ס. |

II

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זיידנוואַרג | 389.810 | ל. | 15 | ס. |
| שפּיצן | 215.988 | „ | 6 | „ |
| מאָדע-זאַכן | 116.818 | „ | 5 | „ |
| גאַלאַנטעריי-סחורות | 35.443 | „ | 14 | „ |
| | 758.061 | ל. | 3— | ד. |

III

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| מעבל | 24.398 | ל. | 18 | ס. |
| בילדער, וואַזעס | 91.159 | „ | 91 | „ |
| | 115.918 | ל. | 17 | ד. |

IV

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| שמידן | 60,322 | ל. | 10 | ס. |
| שטיקערס | 471,178 | „ | — | „ |
| | 531.500 | ל. | 10 | ס. |

## V

| | ל. | ס. | ד. |
|---|---|---|---|
| עקיפּאַזשן | 67.470 | 1 | |
| פערד | 57.347 | — | |
| פאַשע פאַר די פערד | 6.810 | — | |
| | 131.627 | 1 | |

## VI

| | ל. | ס. | ד. |
|---|---|---|---|
| באַגילדער | 78.026 | — | |
| סקולפּטאָרן | 95.426 | — | |
| באַגילדער (נאָכאַמאָל) | 48.875 | 12 | 6 |
| גיסער | 98.000 | — | — |
| מאַרמאַר-אַרבעטער | 17.540 | 8 | 10 |
| סטאָליאַרעס און שלאָסערס | 32.240 | 8 | — |
| | 370.108 | 9 | 4 |

## VII

| | ל. | ס. | ד. |
|---|---|---|---|
| פריערע אַרבעטן אין לוסיען | 111.475 | 6 | 9 |
| גערטנעריי-אַרבעט | 3.739 | 19 | — |
| נייע אַרבעטן | 205.638 | 16 | 8 |
| גערטנעריי-אַרבעט | 3.000 | — | — |
| | 323.854 | 2 | 5 |

(די איבעריקע הוצאה-פּאָזיציעס טראָגן אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער: מתנות א. אַ. וו., און זיי אינטערעסירן אונדז דאָ נישט.)

איינצלנע באַזונדערס טייערע לוקסוס-חפצים ווייזן אויף פאָלגנדיקע פּרייזן:

אַ מלוכה-טואַלעט פון ווייסן סאַמעט קאָסט 12.000 ל.
די באַפּוצונג פון אַ צווייטן „ 10.500
אַנדערע טואַלעטן קאָסטן 9000 ל., 5840 ל., 2400 ל., 7600 ל. א. אַ. וו.

צוועלף פּאַטעלן קאָסטן 7200 ל., אַן אַטאַמאַנקע צו זיי 2400 ל. דאָס בעט אין ליוסיען קאָסט 5945 ל. אַ זייגער קאָסט 5400 ל., אַ טאַבאַק-פּושקעלע 576 ל., 15 קאַווע-סערוועטקעס פון מוסלין 225 ל.; אַ גאָלדראַם צו אַ פּאָרטרעט פון דער פּרוּ גרעפין (דאָס איז דאָס באַקאַנטע פּאָרטרעט, וועלכעס שטעלט זי פאַר אַלס מוזע) קאָסט 2250 ל.

באַזונדערס זענען טייער אין דערדאָזיקער ווירטשאַפט די פּאָרצעליי-זאַכן: איין סעוור-סערוויז קאָסט 21.438 ל., אַ צווייטער, וועלכן די גרעפין שענקט איר שוואָגער — 4856 ל.

אַ גאָבעלין, דערוויסן מיר זיך, האָט געקאָסט 488 ל. 5 סק. וואַנלוס נעפּטון און אַמימאָנע — 3534 ל. 14 סק. 5 ד., בושעס ווענוס און וולקאַן אויך אַזויפיל.

די אָריגינאַל-רעכנונגען געפינט מען אין דער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק אין פּאַריז. דער עיקר זענען זיי פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך די גאָנקורס אין דער הוספה צו זייער בוך וועגן דער דיו באררי.

* * *

אויף אַ קורצער צייט האָט אפשר דער גלאַנץ ביים שפּאַנישן הויף געשטעלט אין שאָטן דעם פראַנצויזישן: פון דער אַנטדעקונג פון די זילבער-מינעס אין פּאָטאָזיס און גואַנאַקסואַטאָס ביז דער רעגירונגס-צייט פון פיליפּ IV איז מאַדריד געווען דער ברען-פּונקט פון אַ אומדערהערטער לוקסוס-אַנטוויקלונג און דער שפּאַנישער סטיל, ווי מען ווייסט, איז זייט דעם אין אַ גרויסער מאָס געוואָרן דער הערשנדיקער. די הכנסות, אויף וועלכע דידאָזיקע פּאָמפּעזע לעבנס-פירונג האָט באַזירט, זענען נאָך אין דער רעגירונגס-

צייט פון פיליפ III געווען באַדייטנדיק. לויט דער שאַצונג פון ווענעציאַנישן קאָנסול טאָמאַסאָ קאָנטאַריניס האָבן זיי אויסגעמאַכט 16 מיליאָן דוק. (ד. ה. אַרום 150 מיל. פראַנק). די ריכטיקייט פון דערדאָזיקער שאַצונג ווערט באַשטעטיקט דורך די רעזולטאַטן פון אַ אויספאָרשונג, וועלכע היינריך IV האָט געלאָזט דורכפירן (כדי אויסצופאָרשן די הילפס-קוועלן פון זיין קעגנער); דידאָזיקע אויספאָרשונג האָט געגעבן אַ (נעטאָ-) הכנסה פון 15.658.000 דוק., בעת אַרום 5 מיליאָן זענען נאָך געבליבן ביי די וויצעקעניגס, שטייער-מכסניקעס א. א. וו. אמת: אַ גרויסער טייל פון דערדאָזיקער סומע האָט געדינט אויף צו צאָלן די צינזן פון מלוכה-חוב (וועלכער איז אָבער נאַטירלעך אויך געגאַנגען לטובת דער לוקסוס-אַנטוויקלונג, ווי מיר וועלן דאָס נאָך זען). אַזוי, אַז לויט דער אויסרעכנונג פון גראַף לערמאַ איז פון יאָר 1610 געבליבן אין רשות פון קעניג בלויז 4.487.350 דוק., פון וועלכע עס איז פאַרוועגדט געוואָרן פאַרן הויף נאָך נישט קיין גאַנצער מיליאָן.

* * *

גלייך נאָך פראַנקרייך און שפּאַניען גייט (אין מערב-אייראָפּע) אוממיטלבאַר ענגלאַנד. דאָ בילדעט די העכסטע שטופע פון הויפישן גלאַנץ די רעגירונגס-צייט פון די סטיואַרטס, וואָס האָבן זיך גענומען פאַר אַ מוסטער די פראַנצויזישע קעניגן. דעם אָפּגלאַנץ פון דער הויפישער פּראַכט אונטער דידאָזיקע פירשטן האָבן מיר אין די בילדער פון וואַן דײַק, פּעטער לעלי, הואיסמאַן, וועלכע האָבן אונז געמאָלט די אויסגעפּראַנגטעוועטע מענער און די שיינע שטאָלצע פרויען אין די הערלעכע בראָקאַט- און אַטלאַס-שטאָפן מיט די שווערע באַראָקפאַלדן. די שילדערונגען פון די צייט-מענטשן, ווי מיר געפינען זיי, למשל, אין פּאָן פעפּיס זשורנאַל, אַנטשפּרעכן זייער גוט דעם בילד פון זאַטער לעבנס-פרייד, וועלכע די בילדער פון

דידאָזיקע קינסטלער רופן אַרויס ביי אונז. עס דערמאָנט אונז דעם גרויסן לודוויק, ווען מיר הערן וועגן קאַרל I, וועלכער האָט אַזוי פולשטענדיק איינגעאָרדנט 24 שלעסער, אַז ער האָט געקענט רייזן פון איינעם אין דעם אַנדערן, נישט באַלאַסטנדיק זיך מיט קיין געפּעק, אָדער וועגן יאַקאָב I, וועלכער גיט אויס אויף דער חתונה פון זיין טאָכטער 93.278 פ"ש, אָבער מיר דער־קענען ווידער דעם חלוק לגבי פראַנקרייך, ווען מיר דערוויסן זיך פון קאַרל II, ווי ער זאָגט צו הכנעהדיק און צעבראָכן דעם „הויז פון די געמיינע", אין דער צוקונפט נישט זיין אַזוי פאַרשווענדעריש, ווי ביז איצט, כדי ער זאָל סוף־כל־סוף קענען אויסקומען מיט זיין ציוויל־ליסטע. דער חשובער בירגער האָט אין אַזעלכע מאָמענטן מסתמא געשפּירט דעם טעם פון מאָרגנ־לופט; עס האָט זיך דערטראָגן די בשורה פון אַ נייער וועלט, פון אַ וועלט, אין וועלכער עס וועט הערשן דער גייסט פון דער באַשרענקטער אָנשטענדיקייט. אָבער אויך דער אָראַניער האָט ליב געהאַט דעם גלאַנץ אין זיין הויף, און דאָס הויז האַנאָווער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זיי אין זיינע ביידע ערשטע פאָרשטייער.

די סומען, וועלכע זענען געשטאַנען אין רשות פון די ענגלישע קעניגס, קומען נישט צו די סומעס, וועלכע לודוויק XIV האָט אַרויסגעפּרעסט פון לאַנד; פונדעסטוועגן זענען זיי פאַר יענע צייטן געווען גענוג גרויס און האָבן אַרויסגערופן אַ גאַנץ נישקשהדיקע נאָכפראַגע אויף לוקסוס־אַרטיקלען.

אין יאָר 1549 האָבן די הוצאות פאַר דער קעניגלעכער ווירטשאַפט אויסגעמאַכט 100.000 פ"ש, שוין פינף מאָל אַזויפיל, ווי אונטער היינריך VII. אין די נאָענטסטע צוויי גענעראַציעס האָבן זיך דידאָזיקע הוצאות נאָכאַמאָל פאַרפינפאַכט. נאָך דער רעסטאַווראַציע האָט מען פאַר די קעניגן באַשטעטיקט אַ ציוויל־ליסטע און זייט דאַן קענען מיר ציפערמעסיק גענוי נאָכפאָלגן זייערע הוצאות. דער 1.200.000 פ"ש, וועלכע זענען באַשטימט גע־וואָרן פאַר קאַרל II, זענען קיינמאָל נישט באַצאָלט געוואָרן איינגאַנצן, אַזוי, אַז דער אָרעמער קאַרל, וועלכער האָט אַזויפיל

נויטיק געהאַט, האָט כסדר געלעבט אין געלט־שוועריקייטן. זיין ביודזשעט פאַרן יאָר 1675/76 איז באַרעכנט געוואָרן אין דער הוצאה אויף 462.115 פ״ש.

ווילהעלם III האָט אין משך פון זיין רעגירונגסצייט פון 5 נאָוועמבער 1688 ביזן 25 מערץ 1702 בסך הכל אויסגעגעבן 8.880.506 פ״ש. — 2—9 פאַר זיך און פאַר זיין הויף; די קעניגין אַננע אין די פאָלגנדיקע 12 יאָרן — 7,608.848 פ״ש, דורכשניט־לעך, הייסט עס, אין אַ יאָר 586.900 פ״ש, (בעת איר ציוויל־ליסטע האָט באַטראָפן 700.000 פ״ש, פון דעם אַלגעמיינעם — [פרידנס] ביודזשעט פון 9.965.605 פ״ש). די ציוויל־ליסטע אונטער די ביידע ערשטע געאָרגס וואַקלט זיך צווישן 8 און 900.000 פ״ש, זי שטייגט מיט געאָרג III אויף 922.196 פ״ש.

אַז אויך אין ענגלאַנד איז דער לוקסוס ביים הויף געווען אַ לוקסוס פון מעטרעסעס און פאַר די מעטרעסעס, לערנט אונז די אינטימע געשיכטע פון דאָזיקן הויף. זינט עס עקזיסטירט אין ענגלאַנד אַ הויף, עקזיסטירן אויך קעניגס־געליבטע, וואָס זייער נייגונג צו פראַכט און צו אַ גוטן לעבן איז אונז זייער גוט באַקאַנט. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אין באַרבאַראַ פאַלמער, דער קערואַללע (וועלכע פאַנגט דאָס האַרץ פון לודוויק XIV ביי איר קומען קיין פאַריז, אַזוי אַז מ׳האָט וועגן איר מיט רעכט געזאָגט, אַז איר זיידענעם טאַליע־באַנד האָט אין משך פון 15 יאָר צוזאַמענגעהאַלטן ענגלאַנד מיט פראַנקרייך); לאָמיר זיך דערמאָנען אין דער קאַטערינאַ סעדליי, אין דער באַראָנעסע פון דאַרלינגטאָן, אין דער גרעפין פון דאָרטשעסטער און נאָך אַ סך אַנדערע אָפיציעלע געליבטע פון די סטויאַרטס; מיר ווייסן אָבער אויך, אַז דער קורפירסט פון האַנאָווער, געאָרג לודוויק, וועלכער איז געוויילט געוואָרן אַלס קעניג, האָט גלייך מיטגע־בראַכט זיינע געליבטע, וועלכע ער האָט דאַן אין ענגלאַנד געמאַכט פאַר גרעפין פון אַרלינגטאָן און הערצאָגין פון קענדעל; אַז געאָרג II האָט זיין באַדערפעניש אין מעטרעסעס באַפרידיקט, אויס צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער היים, אין האַנ־

באָוועֶר, און אַז ער האָט אַ פרוי פון וואַלמאָדען פאַרוואַנדלט אין אַ גרעפין פון יאַרמאָוטס.

***

עס האָט נישט קיין צוועק צו שילדערן די גאַנץ ענלעכע פאַרהעלטנישן ביי די דייטשע פירשטלעכע הויפן, צווישן וועלכע זאקסן, האַנאָווער, ווירטעמבערג זענען געווען די לוקסוסדיקסטע, אָדער אויך ביי די הויפן פון די מזרחדיקע לענדער, ווייל די־דאָזיקע הויפן האָבן ווייט נישט געהאַט קיין אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דעם גאַנג פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווי די הויפן פון די מערב-מלוכות.

באַזונדערס וויל איך אָבער אויפמערקזאַם מאַכן אויף די פאַרשווענדונגען אויף פאַרצעליי, וועלכעס עס איז סוף 18-טן יאָרהונדערט געלונגען צו פּראָדוצירן אויך אין אייראָפּע און איז געוואָרן איינע פון די ערשטע גרויסע אינדוסטריען, קודם כל אַדאַנק די מאַסנבאַשטעלונגען, צו וועלכע עס האָט געטריבן די פירשטן כמעט ווי אַ משוגעת. לאָמיר לייענען, למשל, די פאָלגנדיקע באַשטעלונג-רשימה פון זאַקסישן הויף פון 25 פעב-רואַר 1732:

„ספעציפיקאַטיאַ, וואָס עס איז נויטיק פון פּאָרצעליי אין דעם קעניג-פּאַלאַץ פאַר דער נייער גאַלעריי און אויבערשטן עטאַזש"...

30 סערוו. צו 6 שטיק
266 איינצלנע וואַזעס פון פאַרשידענעם פאַסאָן
198 שטיק פאַרשידענע גרויסע און קליינע חיות
138 דאָסג... פויגל
48 זופּשיסלען מיט דעקלעך
170 שטיק שיסלען

910 שטיק.

אָבער אויך דער אָרעמער פּרייסן-קעניג באַשטעלט פאַר 283.679 טל. 4 גר. פאָרצעליי ביי דער מייסענער מאַנופאַקטור.

## III. דער אויפקומען פון די קאָוואַלירן און פון די געלט־זעק

דער לוקסוס, וואָס האָט געהערשט אין הויף, האָט זיך ביסלעכווייז פאַרשפּרייט אין אַלע יענע קרייזן, וועלכע האָבן געזען אין הויף זייער אידעאַל אָדער וועלכע זענען אויף אַ וועלכן נישט איז אופן געשטאַנען מיטן הויף אין באַציאונגען. דאָס זענען אָבער געווען, ווי מיר קענען זאָגן מיט טרייסט, אַלע רייכע מענטשן, וועלכע זענען איצט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דעמזעלבן דראַנג צום וועלטלעכן גלאַנץ, וועלכער האָט באַהערשט די הויפישע קרייזן. מיר האָבן די מעגלעכקייט גענוי נאָכצופאָלגן ווי פון קעניג, באַזונדערס פון לודוויק XIV איז כמעט אַרויסגעגאַנגען אַ צוואַנג צו לוקסוס. אַ קאָמפּעטענטער עד־ראיה אין דידאָזיקע פראַגן דערציילט אונז פאָלגנדיקס וועגן דעם איינפלוס פון דאָזיקן קעניג אויף דער געזעלשאַפט: „ער האָט אין אַלץ ליב געהאַט דעם גלאַנץ, דעם לוקסוס, פאַרשווענדונג... און ער האָט אין דאָזיקן זין משפּיע געווען אויף זיין גאַנצן הויף. דורך אַריינוואַרפן זיך אין לוקסוס ביים טיש, אין קליידונג, אין קאָטשן, אין בנינים, אין שפּיל — האָט מען איב געקענט געפעלן ווערן... דאָס איז אַ מכה, וואָס כאַפּט זי זיך שוין אַריין אין אָרגאַניזם, ווערט זי דער אינערלעכער קרעבס, *וואָס פרעסט אויף אַלע צעלעס*, ווייל פון הויף האָט זיך עס שנעל איבערגעטראָגן קיין פּאַריז, אין דער פּראָווינץ און אין חיל, ווו מענטשן ווערן געשעצט פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער טיש און צו זייערע לוקסוס־אויסגאַבן... אַ דאַנק דער מענטשלעכער משוגעת ווערט די מכה אַלץ גרעסער און גרעסער; די רעזולטאַטן דערפון זענען אומענדלעך און זיי פירן בלויז אין איין ריכטונג: צו חורבן און צו אַן אַלגעמיינער איבער-

קערעניש". סען-סימאן, מעמ. ב. VIII פון דער אויסגאַבע „האַשעט" ז. 125/26.

צום קעניג, באַזונדערס אין פראַנקרייך, האָט מען אַרויפ-געקוקט, ווי צו אַ גאָט. לודוויק איז געוואָרן דער געזעצגעבער פון געשמאַק פאַר פאַריז. — „פאַריז — געוויינלעך די מאַלפּע פון הויף" זאָגט לאַ בריער — פאַר דער פראָווינץ, פאַר אייראָפּע. יעדער איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט די מיטלען דערצו, האָט געוואָלט בויען זיינע הייזער, פאַרזעצן זיינע גערטנער. פאָרמירן זיין שטוב-איינריכטונג, זיך לאָזן מאָלן פונקט אַזוי, ווי מאַנסאַר האָט געבויט, ווי לע נאָטר האָט פאַרזעצט גערטנער, ווי לע ברען האָט געצייכנט די מעבל, ווי ריגאָ האָט געמאָלט. דאָס איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך.

אָבער דער פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג וואָלט זיך זי-כער נישט פאַרענדיקט אַזוי שנעל, די אַנטוויקלונג פון לוקסוס וואָלט נישט אויסגעוואַקסן אַזוי ריזנהאַפט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט, ווען לעבן דעם הויף וואָלט נישט אַרויסגעשלאָגן נאָך אַ צווייטער וויכטיקער קוואַל, פון וועלכן עס האָט זיך צעגאָסן איבער דער וועלט אַ ברייטער שטראָם פון גענוס-גירי-קייט, לעבנס-פרייד און אַ גאוהדיקער דראַנג צו לוקסוס: ווען נישט אַ שטאַרק אינטענסיווע לוקסוס-באַדערפעניש ביי די אויפ-געקומענע גבירים (וואָס זייער אַנטוויקלונגס-וועג קענען מיר שוין), וועלכע איז אויסגעבראָכן ביי זיי, ווי אַ פאַרוויסטנדיקע קראַנקהייט. זייער איינפלוס אויף דער ענדערונג פון לעבנס-סטיל, קודם כל זייער מיטאַרבעט ביי דער כּמותדיקער פאַרשפרייטונג פון די לוקסוס-באַדערפענישן, מוזן מיר דאָ איצט נאָכפאָלגן.

*

דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס חוזרט זיך כּסדר איבער אין אונזער קולטור-קרייז: מענטשן פון פאָלק, וועלכע ווערן שנעל רייך, פאַרווענדן מערסטנטייל דעמדאָזיקן רייכטום אויף לוקסוס-צוועקן. און די שייכותן, אויף וועלכע דידאָזיקע דערשיינונג

באַזירט, לאָזן זיך לייכט פעסטשטעלן: פון איין זייט שפּילט דאָ אַ ראָל די אומפעיקייט פון נאַטירלעכע און פּאַרגרעבטע מענטשן צו נעמען פון לעבן אַנדערע פריידן, חוץ מאַטעריעלע, ווי דאָס קען געבן קודם כל אַ שפע פון געניס-ווערטן; פון דער צווייטער זייט טרייבט דעם רייכגעוואָרענעם קרעמער אָדער לאַקיי צו לוקסוס דער ברענענדיקער ווונטש צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ לעבן דער פאָרנעמער געזעלשאַפט, וואָס איז אָפּגעטיילט פון אים דורך איר אַדעליקייט. (אויב דערדאָזיקער אויפגעקומענער גביר נעמט נישט דעם אַנטקעגנגעזעצטן וועג, אויף וועלכן מיר וועלן אים נאָכפאָלגן אַן אַנדערש מאָל, און ווערט „גייציק"). דיביידע טרייב-כוחות, וואָס ברענגען אויף דער וועלט יעדער אַרט לוקסוס: כבוד-זוכעריי און זינלעכע פרייד אַרבעטן דאָ צוזאַמען, כדי צו אַנטוויקלען דעם לוקסוס פון די געלט-זעק.

און דעריבער ווערט אין דער געשיכטע דער וועג פון רייכטום באַצייכנט מיט פונקט אַזויפיל עטאַפּן פון לוקסוס-אַנטוויקלונג: אָנהויבנדיק פון ערשטן דערשיינען פון בירגערלעכע אויפגעקומענע גבירים.

ד י ד ר אָ האָט באַשטימט געהאַט אַ טעות, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די רייכגעוואָרענע פּויערים האָבן פריער באַשיידן געלעבט אין שאָטן און ערשט אין זיין צייט האָבן זיי אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמענס אויגן זייערע רייכטימער; און מיר בלייבן באַ אונזער מיינונג, ווען דידראָ מיינט אַפילו, אַז ער קען אָנרופן מיטן נאָמען דעם יעניקן, וועלכער האָט אַלס איינער פון די ערשטע זיך געגאוהט מיט זיין רייכטום דורך אַ לוקסוס-לעבן: באָנניע.

שוין אין דאַנטעס צייטן באַגעגענען מיר דעם פאַרשווענדערישן בעל-גאוהניק: ווי יענער דזשיאַקאָמאָ דאַ סאַנט אַנדרעאַ, וועלכער האָט געוואָרפן אין טייך זילבערנע און גאָלדענע כלים אָדער אונטערגעצונדן בנינים, כדי צו פאַרגרעסערן די פייערלעכע שטימונג, זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן ענלעך געלעבט און געבילדעט אַ גאַנצע געזעלשאַפט פון פאַרשווענדערס.

„די נייע מענטשן און זייערע פּלוצלונגדיקע פאַרדינסטן,
גאוה און שפע האָבן געשאַפן די אויפבליאונג אין דיך,
דו, וואָס באַקלאָגסט זיך אַזוי",

ציטירט שוין יעדער „היסטאָריקער" פון פלאָרענץ.

דידראָ איז אַפילו אומגערעכט לגבי פראַנקרייך. אָדער זאָלן מיר אפשר דעם זשאַק קער פון 15-טן יאָרהונדערט, דעם רייך-געוואָרענעם פראַצענטניק, וועלכער האָט פאַרמאָגט שלעסער אין פאַריז, ליאָן, טור און אין זיבן אַנדערע ערטער נישט צו-רעכענען צו די בעלי-גאוהדיקע גבירים? און אויך נישט די סאַמבלאַנסייס, טאָמאַס באָיע, דעם אויפבויער פון שענאָנסאָ אין 16-טן יאָרהונדערט? זאָלן מיר אפשר פאַרגעסן די רייכגע-וואָרענע אויסוווּרפן פון 17-טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן, ווי לודוויק XIV אַליין האָט געזאָגט, געלעבט אין „פרעכן לוקסוס"? די ווערטער, וועלכע ווערן צוגעשריבן לודוויקן, זענען אויסער-געוויינלעך באַלערנדיק; ער רעדט וועגן „געשעפטס-לייט, וואָס פון איין זייט פאַרדעקן זיי זייערע שווינדלערייען דורך אַלער-ליי קונציקע מיטלען און פון דער צווייטער זייט דעקן זיי זיי אויף דורך אַ געפּערלעכן און פרעכן לוקסוס, ריכטיק ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט איך זאָל וועגן דידאָזיקע שווינדלערייען נישט וויסן (!)".

און צולעצט: אויך פוקע, דערדאָזיקער איבער-שווינדלער, געהערט דאָך צום דאָזיקן מין; ער, וועלכער האָט פאַרשווענדט 20—30 מיליאָן פראַנק אויף לוקסוס-צוועקן, (פון דעם אַליין 18 מיליאָן פראַנק פאַר זיין שלאָס אין וואָ), ווי קאָלבערט (וועלכער האָט אַליין, אגב, אויך נישט פיינט געהאַט צו פאַרשווענדן געלט אין אַ גרויסן פאַרנעם) דערציילט אונז מיט אויפגעבראַכט-קייט אין זיין פאַמפלעט איבער פוקע.

דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג, וועלכער באַשטייט צווישן דעם אויפשטייגן פון די געמיינע לייט און דער אויסשפרייטונג פון דער לוקסוס-פאָדערונג, קענען מיר זייער גענוי נאָכפאָלגן, ווען מיר באַקענען זיך מיט די עטאַפן, אין וועלכע די אויפגע-קומענע גבירים זענען אַרויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך

אין גרעסערע מחנות. דידאָזיקע עטאַפּן בילדן פּונקט אַזויפיל שיכטן אין דעם אויפבוי פון דעם מאָדערנעם לוקסוס: אין וועלכן מיר קענען אַזוי אַרום אונטערשיידן, ווי אין דער געשיכטע פון רייכטום, די איטאַליענישע עפּאָכע פון 14-טן און 15-טן יאָרהונדערט, די דייטשע פון 15-טן און 16-טן יאָרהונדערט, די שפּאַניש-האָלענדישע פון 17-טן יאָרהונדערט און די פראַנצויזיש-ענגלישע פון 18-טן יאָרהונדערט.

פאַר אונזער אָפּהאַנדלונג האָט תּמיד די גרעסטע באַדייטונג דער אומגעהייערער טריט-פאָרויס, וועלכן די אייראָפּעישע פעלקער האָבן געמאַכט אין דער ריכטונג צום „ווילשטאַנד" און קודם כּל אין דער ריכטונג פון באַקוועמען לעבן זייט דעם אָנהויב פון 18-טן יאָרהונדערט: אין דאָזיקן פעריאָד שפּילן שוין די געלט-טוזן זייער אַ וויכטיקע ראָלע. די אַנטשיידנדיקע ענדערונג איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין יענער צייט, באַזונדערס זייט 1720, האָט דער לוקסוס אַרומגעכאַפּט אַלץ ברייטערע קרייזן. מיר קענען דאָס זען פון די ווירטשאַפטס-ביכער, וועלכע זענען אונז געבליבן פון יענער צייט אין אַ גרויסער צאָל. אין מיטן 18-טן יאָרהונדערט שפּירט מען אין די העכערע שיכטן דעם חלוק לגבי דעם 17-טן יאָרהונדערט פּונקט אַזוי דייטלעך, ווי מיר, דייטשן, שפּירן דעם חלוק פון היינטיקער צייט לגבי די יאָרן פאַר 1870: „ס'קומט זייער שווער אָן אויסצוקומען היינט מיט דעם, וואָס עס בלייבט איבער", אַזעלכע קלאָג-רייד (וועלכע כ'האָב אין אַ אַנדער צוזאַמענהאַנג ציטירט מערערע) טרעפן מיר גאַנץ אָפט. און מיר ווילן זיך גאָרנישט וווּנדערן איבער די מיינונגען, וועלכע קומען דאָרט צום אויסדרוק, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון די גרויסע פאַרמעגנס, וועלכע זענען אין יענער צייט דערוואָרבן געוואָרן (אייניקע ביישפּילן פון די הכנסה-פאַרהעלטנישן אין 18-טן יאָרהונדערט האָב איך געבראַכט אין צווייטן אָפּשניט פון ערשטן קאַפּיטל), זענען אויסגעגעבן געוואָרן אויף לוקסוס-זאַכן. דע פּינעי גיט אויס פון 1751—1755 .500.000 ל רוססעל פאַרשווענדט 12 מיליאָן, דיופּען דע שענאָנסאָ 8—7, סאַוואַלעט 10,

בורע – 40 מיליאָן. דער גראַף פון אַרטואַ, דער שכן פון רייכן פּאַוואַנטענע, האָט געזאָגט: „כ׳וואָלט געהאַט חשק אָפּצופירן אין מיין זייט אַן אָרעם פון גאָלדענעם טייך, וואָס פליסט פון זיין פעלד". „מ׳פּראָפיטירט נישט מער פון קאַפּיטאַלן". מ׳איז בעסער פאַרזונקען אין „לוקסוס": אין מעבל, בנינים, קליידער. די מאַגאַזינען פון ריו סט. האָנאָרע, וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרזאָרגט פראַנקרייך און אויסלאַנד מיט די שענסטע שטאָפן, זענען אין יאָר 1720, ווען איבער פּאַריז איז אַראָפּגעפאַלן דער גאָלד-רעגן, אויסגעליידיקט געוואָרן אין משך פון אַ פּאָר טעג. „מ׳געפינט דאָרט מער נישט קיין פּליוש, קיין גאָלדענע שטאָפן; אָבער מ׳פאַבריצירט זיי אומעטום. ד י ו ה אָ ט ש אַ ן, וועלכן מיר פאַרדאַנקען דידאָזיקע שילדערונגען, באַשרייבט אונז דעם אויסזען פון די גאַסן, וועלכע זענען פאַרפולט געוואָרן מיט טואַלעטן אין פאַרשידנסטע פאַרבן, באַפּוצט מיט הערלעכע שטיקערייען, אויסגעאַרבעט פון גאָלדענע און זילבערנע געוואַנטן.

* * *

אַ גרויסע און אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט האָט, לויט מיין מיינונג, דער פאַקט, וואָס די אויפגעקומענע גבירים, וועלכע פאַרמאָגן גאָרנישט אַחוץ זייער גאָלדענער קאַלב, און וועלכע האָבן נישט קיין אַנדערע אייגנאַרטיקייט אויף אויסצוטיילן זיך, אַחוץ דער פעיקייט צו פירן אַ לוקסוס-לעבן מיט זייערע גרויסע מיטלען, – וואָס דידאָזיקע פאַרוועניוס, זאָג איך, האָבן איבערגעגעבן זייער מאַטעריאַליסטישע און עגל-הזהבדיקע וועלט-אויפפאַסונג אויך די אַלטע אַדעליקע פאַמיליעס, וועלכע זיי האָבן דורכדעם מיטגעריסן אין קעסלגרוב פון פאַרגעניגן-לעבן. אין דעם קאַפּיטל פון מיין „מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם", וועלכער באַהאַנדלט די פראַגע פון דער פאַרמעגנס-אויסבילדונג, האָב איך אויפגעוויזן, אַז די פאַראַרימונג פון אַדל איז געווען איינער פון די מקורים, פון וועלכע די בירגערלעכע מלוהס האָבן געשעפּט זייער עשירות.

און כ'האָב דאָרט אויך געוויזן, ווי אַזוי דערדאָזיקער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען פעאָדאַלע פאַרמעגנס אין בירגערלעכע איז זייט די קרייצצוגן פאָרגעקומען אומאויפהערלעך אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. דאָ מוז נאָך צוגעגעבן ווערן אַלס דערגאַנצונג, אַז איינע פון די אָפּטסטע סיבות, פאַרוואָס די אַלטע אַדל-פאַמיליעס זענען פאַראָרימט געוואָרן און אויפגעקומענע גבירים האָבן פאַרנומען זייער אָרט, איז געווען דער דראַנג נישט אָפּצושטיין אין לוקסוס-פאַרשווענדונג פון יענע בירגערלעכע געלט-זעק: דערדאָזיקער אָפּקער פון די אַלטע, פאָרנעמע טראַדיציעס האָט געפירט אָדער צום ווירטשאַפטלעכן אונטערגאַנג פון די אַלטע פאַמיליעס אָדער צו די „שענדלעכע חתונות" מיט די רייך-געוואָרענע פינאַנס-באַראָנען, מיט וועלכע מיר זענען שוין באַקאַנט. דער צווישנגליד אין דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָס אינטערעסירט אונז אויפן דאָזיקן אָרט, איז מייסטנטיילס געווען די פאַרוועלטלעכונג, די פאַרמאַטעריאַליזירונג פון די אַדעליקע פאַמיליעס. דאָס, וואָס די פּלוצלונגע פאַרדינסטן פון די טיורקאַרעטס האָבן אַרויסגערופן דידאָזיקע ווירקונג — און נאָר זיי זענען קודם כל שולדיק אין דאָזיקן שנוי, וועלכער איז אמת אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער השפּעה פון הויף, ווי מיר האָבן אויבן געזען — איז, לויט מיין מיינונג (חזר איך איבער) אַ געשעעניש פון אַ גאַנץ באַזונדערער וויכטיקייט.

דידאָזיקע פאַטאַלע נייגונג פון אַדל נישט אָפּצושטיין אין לוקסוס פון די געלט-זעק, באַגעגענען מיר אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן, ווען דער בירגערלעכער רייכטום נעמט פּלוצלונג אָן אַ גרויסן פאַרנעם.

אַזוי, למשל, הערן מיר וועגן דייטשלאַנד שוין אין 15-טן יאָרהונדערט: „פּראַנטישקייט און גלייכצייטיק ברוטאַלקייט זענען געוואָרן סימנים פון אַ ריטער". דער קליידערלוקסוס איז געוואָרן די הויפּט-סיבה פון זיין פאַרשולדיקטקייט. „צוליב דער טייערקייט פון די קליידער, נעמט זיך אין אַ גרויסער מאָס", זאָגט אַ זיטנפּרעדיקער, „וואָס דער אַדל אין דייטשלאַנד לאָזט זיך אַרונטער; זיי ווילן גלאַנצן מיט לוקסוס, ווי דאָס טוען די

רייכע סוחרים אין די שטעט... אָבער זיי האָבן נישט דאָס געלט, וואָס יענע האָבן... אַזוי אַרום פאַלן זיי אַריין אין גרויסע חובות און אונטערן צול פון וואָכער פון די יידן און און פון די קריסטן-יידן און מוזן פאַרקויפן זייער גוט, אינגאַנצן אָדער טיילווייז". אַזוי, למשל, האָט אַן אַלמנה פון הוידאָרף פאַרקויפט פאַר אַ קליינעם פרייז דעם דאָרף געפפינגען ביי דעם טייך אַבלאַך, כדי ביי דער געלעגנהייט פון אַ טורניר זיך קענען איינשאַפן אַ סאַמעטענע קלייד.

(ערשט איצט לעבן מיר איבער ביי אונז דעם סוף פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, צוליב וועלכער דער אַדל איז אונטער-געוואָרפן די מאַטעריאַליסטישע אָנשויאונגען פון די אויפגעקומענע: היינט זענען עס די לעצטע שוואַכע פרוּוון פון די פּאָר לעצטע אַדעליקע, אַלטע פאַמיליעס, אויסצומיידן דעם אַלגעמיינעם מאַמאָניסטישן שטריך פון דער צייט: עס זעט היינט אויס אין אונזערע אויגן כמעט ווי אַ דאָן-קישאָטעריי, ווען גוטמיינענדיקע פאָרשטייער פון אָרעמען אַדל וואָרענען זייערע שטאַנד-חברים פאַר די סכנות פון לוקסוס, וועלכער האָט אויפגעפרעסן די אַלטע אָנשויאונג וועגן אַריסטאָקראַטיזם, ווי מאָל פרעסט אויף אַ וואלענע שטאָף, איבערלאָזנדיק בלויז אַ פּאָר נישטיקע פּיצלעך).

אין פראַנקרייך הויבט זיך אָן דער צעפאַלונגס-פּראָצעס פון אַדל אַביסל שפּעטער. סוללי, אַליין אַן אַדלמאַן פון אַלטן שניט, וועלכער זעט תמיד זיין צייט אַביסל אין צו שוואַרצע פאַרבן, באַקלאָגט זיך, אַז אין משך פון לעצטן דור האָבן די שנעל דערוואָרבענע פאַרמעגנס פון די פינאַנס-פאַכטערס און פּראָצענטניקעס אָנגעהויבן אויסצואיבן זייער פאַרוויסטנדיקן איינפלוס אויף די הערשנדיקע קלאַסן. זיינע וואגיקע ווערטער מעגן דאָ געבראַכט ווערן, ווייל זיי פאַרקערפּערן פאַר אונז אין אַ קלאַסישער פאָרם איינע פון די וויכטיקסטע ענדערונגען פון דער נייער געשיכטע:

„קיין זאַך האָט נישט געהאַט קיין גרעסערן צושטייער ביים פאַרקריפּלען צווישן אונז די אידייע פון ערלעכקייט, פון פשטות און אָנפּניותדיקייט אָדער ביים פאַרוואַנדלען דידאָזיקע טוגנטן אין לעכערלעכקייטן; קיין זאַך האָט נישט אַזוי גע-

שטאַרקט דעמדאָזיקן אומגליקלעכן דראַנג צו לוקסוס און פאַרווייכלעכטקייט, וואָס איז נאַטירלעך ביי אַלע מענטשן, וואָס ווערט אָבער ביי אונז אַ צווייטע נאַטור צוליב דעם היציקן כאַראַקטער, וואָס מאַכט, אַז מיר בינדן זיך לײַדנשאַפטלעך צו צו אַלע געגנשטאַנדן, וועלכע מ'לייגט אונז פֿאַר פֿאַר אונזער פאַר-גענ‎יגן וועגן; ווייל קיין זאַך דעגראַדירט נישט אַזוי שטאַרק דעם פראַנצויזישן אַדל-שטאַנד, ווי דידאָזיקע שנעלע און גלענ-צנדיקע פאַרמעגנס פון די טרעטאַנס און אַנדערע געשעפטס-לייט, וועלכע האָבן פאַרשפרייט אַ גוט באַגרינדעטע מיינונג, אַז אין פראַנקרייך איז כמעט נישטאָ קיין אַנדער וועג, ווי דערדאָזיקער אויף צו דערלאַנגען כבודים און צו די ערשטע פלעצער, און אַז צוליבן דאָזיקן ציל ווערט אַלץ פאַרגעסן, אַלץ איז דערלויבט".

אַז אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט גייען שנעל באַרג-אַראָפּ די אַלטע אַריסטאָקראַטישע כאַראַקטער-שטריכן אין אַלע לענדער, האָבן אונז געגוג דייטלעך געוויזן די געשעענישן, וועלכע כ'האָב געשילדערט אין 3 אָפּשניט פון 1 קאַפּיטל. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז דידאָזיקע ענדערונג פון דעם כאַראַקטער האָט געמוזט אַריינגיסן נייע וואַסער אין גרויסן לוקסוס-שטראָם, וועלכן מיר האָבן געוואָלט נאָכפאָלגן ביז צו זיין מקור.

* * *

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אַדעליקער איז אפשר פאַרפירט געוואָרן צו אַ לוקסוס-לעבן דורך דעם אויפ-געקומענעם גביר אָדער דורכן הויף, האָט ער פונדעסטוועגן אַרויפ-געדריקט אויף דעם לוקסוס אין דער באַהאַנדלטער תקופה זיין שטעמפל, און יענע צייט אונטערשיידט זיך דייטלעך פון אונ-זערער, אויף צו להכעיס אַלע רייך-געוואָרענע חזירים-קיילערס און געלט-מענטשן, אַלס אַן אַריסטאָקראַטישע.

אין משך פון דער גאַנצער צייט: זייט דער דעראָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך די ווענעציאַנער ביז צו דער דערפינדונג פון פּוילס דריי צילינדערס, טראָגט דער לוקסוס אַן איינהייטלעכן גרונט-כאַראַקטער אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל זיין נאַטור איז הויפיש-אַריסטאָקראַטיש. דורכן הויף אָדער דורך דער אַריסטאָקראַטיע (וועלכע בלייבט אַזעלכע נישט געקוקט אויפן צופלוס פון פּלעבעיער-בלוט) ווערט געגעבן דער טאָן: דאָ דער עיקר פון הויף, ווי אין 17-טן יאָרהונדערט (פראַנקרייך), דאָ דער עיקר פון דער „געזעלשאַפט", ווי אין 16-טן און 18-טן יאָרהונדערט (איטאַליע-ענגלאַנד). אָבער תמיד בלייבן דידאָזיקע ביידע עלעמענטן די איינציקע טרעגער פון דער לוקסוס-קולטור. דידאָזיקע קרייזן, אין וועלכע עס אַנטוויקלט זיך דער גאַנצער לוקסוס, טיילן זיך שאַרף אויס — אין זייער אייגענער פאַרשטעלונג און אין דער פאַרשטעלונג פון אַנדערע — פון דער גאַנצער בירגערלעכער וועלט, פון המון, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דערדאָזיקער האָט שוין אָנגעזאַמלט גאָר נישקשהדיקע פאַרמעגנס. אָבער דער מענטש פון דער מערב-טייל שטאָט און דער סיטימענטש: דער קאַוואַליר און דער „רונדקאָפּ", אונטערשיידן זיך אַפילו אין ענגלאַנד ביזן סוף 18-טן יאָרהונדערט. אויב נישט אין אַלטן פּאָליטישן, טאָ איז אין אַ שאַרף-קאָנטיקן סאָציאַלן זין. אַלע גוטע באַאָבאַכטער אורטיילן אַזוי:

„די מערב-לאָנדאָנער ווערן אויסגעלאַכט פון די סיטי-איינוואוינער צוליב זייער ליידיקגיין, זייער לוקסוס, נישט-רעגולערן לעבנס-אופן און זייער נייגונג צו די פראַנצויזישע זיטן, אָבער דידאָזיקע בלייבן נישט שולדיק קיין שפּאָט און שילדערן אַ סיטי-ענגלענדער אַלס אומהעפלעכע, אומגעהובעלטע חיה, וואָס מעסט זיין פאַרדינסט בלויז מיט געלט".

ארכענהאָלץ I, 164.

„ווען איך באַטראַכט דידאָזיקע גרויסע שטאָט מיט אירע פאַרשידענע קוואַרטאַלן און טיילן, קוק איך אויף זיי ווי אויף אַ צוניפמישונג פון פאַרשידענע נאַציעס, וועלכע אונטערשיידן זיך איינע פון דער צווייטער דורך זייער אייגענע געוווינהייטן,

מאַניערן און אינטערעסן. די הויפן פון צוויי לענדער אונטער־שיידן זיך נישט אַזוי שטאַרק איינער פון צווייטן, ווי דער הויף און די סיטי אין זייערע אייגנאַרטיקע אופנים פון לעבן און ריידן. בקיצור, די איינוווינער פון סט. דזשעמס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי לעבן אונטער דיזעלבע געזעצן און רעדן אויף דערזעלבער שפּראַך, זענען גאַנץ אַנדערע מענטשן, ווי די פון דער טשיפּ־זייט, און זיי פון זייער זייט זענען דערווייטערט פון די טעמפּל־מענטשן אויף איין זייט און פון די סמיט־פעלד־מענטשן אויף דער צווייטער, — זיי אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע דורך פאַרשידענע קלימאַטן און שמועס אין זייער אופן צו דענקען און רעדן מיטאַנאַנדער".

No 483 „ספּעקטאַטאָר" דער

12 יוני 1712,

און ווען שאַטאָבריאַן זאָגט וועגן זיין צייט: „דער הויף און די שטאָט, די שרייבער, עקאָנאָמיסטן און ענציקלאָ־פּעדיסטן, די גרויסע הערן און אַדל־לייט, די פינאַנסיסטן און בירגער, זענען גלייך צווישן זיך: עדות זענען די מעמואַרן, וועלכע זיי האָבן אונז געלאָזן" — האָט עס געקענט זיין ריכטיק בלויז פאַר דער סמעטענע פון דער געזעלשאַפט: די „זויערמילך", ווי געטע רופט אָן דעם „מיטלשטאַנד", איז נאָך נישט געקומען אין חשבון: דער בירגער סיי קליין־ סיי גרויס־בירגער, איז געשטאַנען אין אַ זייט. אַריסטאָקראַטיש בלייבט קודם־כּל דער גאַנצער שניט פון לעבן. אַלץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען געלט און האָט דעם ווערט פון געלט, ווערט פאַראַכטעט. פירן אַ ווירטשאַפט, ברענגען אין גלייכגעוויכט די הוצאה מיט דער הכנסה, ווערט באַטראַכט אַלס בירגערלעך און דאָס ווערט איבערגעגעבן געדונגענע הויז־הויפּמייסטערס. צו וואָס דאַרף מען האָבן מענטשן, אויב מ'וועט זיך אַליין עוסקן מיט דער ווירטשאַפט. דאָס לעבן וועט אויפהערן צו פערשאַפן פרייד, ווען מ'זאָל זיך אַליין מוזן קווען מיט די צוגרייטונגען צו אים. דאָס און דאָס האָט מען נויטיק, מען ווייזט אָן די סומעס דעם קאַסירער: זאָל דערדאָזיקער אַליין זוכן עצות, ווי זיי צו

פאַרשאַפן. אויב ער וועט זיי אַפילו בלייבן שולדיק דעם ליפע־ראַנט איז אויך נישט קיין אומגליק. עס איז קרעמעריש צו מיינען, אַז רעכנונגען זענען געשאַפן געוואָרן אויף דעם, מ׳זאָל זיי באַצאָלן. נישט ווינציקער איז קרעמעריש צו באַרעכענען ביי יעדער איינציקער הוצאה, צי מ׳קען זיך זי דערלויבן אָדער נישט.

אָבער דידאָזיקע אַדעליקע פאַראַכטונג צו יעדער רעגוליר־טערווירטשאפט איז אויך אַן אייגנשאַפט פון אַלע שפעקוליאַנטן: באַזונדערס קומט אין באַרירונג מיטן אַלטן אַדל אין דאָזיקן פונקט די הויך־פינאַנס: זי פירט אויך בלויז אַ הוצאה־ אָבער נישט קיין הכנסה־ווירטשאַפט. עס פאַלן איר צו איבער נאַכט גרויסע סומעס און זיי מאַכן איר מעגלעך שפילעריש צו לעבן ביז אין טאָג אַריין. אויף צומאָרגנס ביז מיטאָג וועט מען שוין דורך אַ גליקלעכן בערזע־קלאַפּ צוריק אָפּגעווינען דאָס אַלץ. וואָס מ׳האָט פאַרהוליעט דורך דער נאַכט. די הויכע פינאַנס שטייט מיט איר ווירטשאַפטלעכער פירונג נישט ווינציקער ווייט פון קרע־מער, וואָס רעכנט זיך אויס מיטן פעניג, ווי די פעאָדאַל־אַריס־טאָקראַטיע. דער באַגריף פון „שפּאָרן״ איז איר נישט ווינציקער פרעמד, ווי דערדאָזיקער לעצטער. דידאָזיקע אַלע ספּעציפיש־קליינבירגערלעכע אָגשויאונגען, וועלכע פאַרשפּרייטן זיך דאַן אויך צווישן דער בורזשואַזיע, זענען נאָך פרעמד די רייכע שיכטן פון דער פּרי־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. לכל הפחות יענע שיכטן וועלכע מיר קענען פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַרן לוקסוס־קאָנסום פון היינטיקער צייט. כ׳בין אויסן דערמיט צו זאָגן, אַז דערדאָזיקער לוקסוס איז דורך און דורך אַדעליק, אַפילו דאָרט, ווו ער ווערט געטראָגן דורך די טיורקאַרעטס. אַ פּאָר ביישפּילן וועלן בולט מאַכן מיין געדאַנק.

אָט האָבן מיר פאַר זיך, ווי ער שטייט און גייט, דעם באַסאַמפּער, אַן אמתער טיפּ פון זיין גאַנצער קאַסטע, וועגן וועלכן מיר דערוויסן זיך פאָלגנדיקע געשיכטע: אויף אַ פּייער־לעכקייט טראָגט ער אַ קאָסטיום אין גאָלד־בראָקאַט, באַצירט מיט פּאַלמען, באַדעקט מיט פּערל, וואָס זייער געוויכט גיט ער

אליין אַן אויף 50 פונט (סעניאָריאַל: רעפּרעזענטאַטיוו-פּאָמפּעז; זע די שילדערונג ווייטער אויף ז. 132). דערדאָזיקער קאָסטיום האָט געקאָסט 14,000 עקיו, דערפון 700 פאַרן פּעסאָן. ווען באסאמ-פיער האָט באַשטעלט דעמדאָזיקן קאָסטיום, האָט זיין שניידער פאַרלאַנגט 4000 עקיו האַנטגעלט, און ב. האָט אים צוגעזאָגט. דערנאָך גייט ער עסן אָוונטברויט און שפּילן (מיט 700 עקיו אין קעשענע). ער געווינט 5000 טאָלער, און צומאָרגנס (אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט) באַצאָלט ער דערפון זיין שניידער, דאַן שפּילט ער ווידער און געווינט אין די נאָענטסטע טעג דעם גאַנצן רעשט פון דער שניידערשער רעכענונג און נאָך 11000 טאָלער אַ צוגאָב. פון דידאָזיקע קויפט ער זיך פאַר דער העלפט (5500) א שווערד באַזעצט מיט דימענטן, דאָס איבעריקע גיט ער אויס אויף זיינע קליינע פאַרגעניגנס.

שפּילערס: אָררי דע פּאָלווי פאַרלירט אין איין אָוונט 600,000 ל., דאַפּען דע שענאָנסאָ אין איין אָוונט 700,000 ל., דע לאַ העי אין איין אָוונט 800,000 ל. (ביי מאַדאַם דע זשאנליס קעגן ה' דע פענעלאָן!); אַ זון פון פּאַריז, לאַ מאָנטאַן, ביי אַ פּאַרטיע קוועניץ 80,000 טאָלער; דער גראַף זשאַן דיו באַררי (דער טיפּ פון אַרונטערגעקומענעם גרויסן האר אין 18-טן יאָר-הונדערט) פאַרלירט אויף איינמאָל 7000 לואי און באַרימט זיך, אַז ער האָט שוין ביים פינפטן מיליאָן. אין 1717 זענען אין פּאַריז געווען 62 „שפּיל-היילן".

פאַראַכטונג צו געלט און צו אַלע געלט-ווערטן: דער מאַרשאַל רישעליע וואַרפט אַרויס דורכן פענ-סטער אַ פולן ביימל מיט געלט, ווייל זיין אייניקל, וועלכן ער האָט עס געשענקט, האָט עס אים אומגעקערט אַ פולן: אין גאַס וועט עס לכל הפחות געפינען אַ גאַסן-קערער. דער פּרינץ פון קאָנטי האָט צעשטויסן אַ בריליאַנט, וועלכן זיין געליבטע (ווייל ס'איז גאַנץ איינפאַך געווען אָפּגערעדט וועגן אַ געשענק) האָט אים צוריקגעשיקט, און דעם בריליאַנטענעם שטויב צעשיט ער איבערן טינט, מיט וועלכן ער שרייבט די תשובה (דער בריליאַנט איז געווען ווערט 4 ביז 5000 ל.).

דער מאַרשאַל פון סוביז גיט אויס 200.000 פר. פאַר איין טאָג, וועלכן דער קעניג פאַרברענגט ביי אים.

מאַדאַם דע מאַטיניאָן צאָלט יאָרלעך 24.000 ל. כדי צו האָבן טעגלעך אַ נייע פריזירערין.

דערזעלבער פרינץ פון קאָנטי, וועלכער האָט באַשאָטן מיטן שטויב פון אַ טייערן שטיין אַ ליבעס-בריוועלע, האָט געליטן נויט אין ברויט און האָלץ ביי אַ רענטע פון 600.000 ל., ווייל ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיקער אויסצוגעבן זיין געלט אויף אַלערליי לוקסוס-געגנשטאַנדן.

ע ס  וו ע ר ן  ג ע מ אַ כ ט  ח ו ב ו ת: מאַדאַם דע געמענע איז שולדיק איר שוסטער 60.000 ל. דער הערצאָג פון לאָזען האָט געמאַכט אויף 2 מיליאָן ליר חובות, נאָכדעם, ווי ער האָט פאַר־צערט דאָס פאַרמעגן, וועלכעס האָט אים איינגעבראַכט 100.000 טאָלער רענטע.

די רעכענונג-ביכער פון ראָזע בערטען, וועלכע ע מ י ל  ל א נ ג ל א ד האָט פאַר קורצן אַנדעקט, עפענען אויף פאַר אונז אַן אינטערעסאַנט בילד פון דער ווירטשאַפטס-פירונג פון די אַדעליקע לייט פון יענער צייט. ווען ראָזע בערטען האָט אין אָנהויב פון 1790-ער יאָרן געלאָזט מאַכן אַ רשימה פון אירע חובות האָבן זיך באַקומען פאָלגנדיקע רעזולטאַטן:

ביי דער מאַרקיזין דע בוי פאַר די יאָרן 86—1774 — 6791 ל.

ביי דער גרעפין דע סאַל פאַר די יאָרן 81—1778 1148 ל.

ביי דעם גראַף און גרעפין דיוראס פאַר די יאָרן 89—1774 7386 ל.

ביי דעם גראַף אויג. דע לאַמארק פאַר די יאָרן 75—1774 1558 ל.

ביי דעם שוואַליע דע סענט-פאָל פאַרן יאָר 1778 1343 ל.

אַחוץ דעם זענען שולדיק געווען (זייט לאַנגע יאָרן): די וויקאָנטעסין דע פאָלאַסטראָן 19.960 ל., די פרינצעסין פון ראַשפאָר 10.904 ל. די מאַרקיזין דע טאַנגער 10.946 ל. א. אַ. וו. א. אַ. וו.

די חובות פון דער גרויסער שניידערין, וועלכע האָט גע־האַט איר קונדשאַפט בלויז אין די העכסטע קרייזן, האָבן בסך הכל באַטראָפן 490.000 פר.

* * *

אָבער אויך די ריכטונג, אין וועלכער דער לוקסוס האָט זיך באַוועגט, איז באַשטימט געוואָרן דורכן גרויסן הער.

מיר האָבן זיך שוין באַקאַנט מיטן קליידער־לוק־סוס ביים הויף: ער איז אָבער אַן עכטער סימן פון גרויס־הער־רישער לעבנס־פירונג בכלל. קיין שום זאַך האָט אַזוי נישט אונטערשיידט דעם קאַוואַליר פון דעם „רונדקאָפּ", ווי די עלע־גאַנטע קליידונג, וועלכע איז באַשטאַנען, אין הסכם מיט דער צייט, פון סאַמעט, זיידנס, גאָלדשטיקעריי און שפּיצן און האָט געקאָסט שטיקער געלט סיי פאַר מענער, סיי פאַר פרויען.

וועגן דעם קליידער־לוקסוס אין 15־טן און 16־טן יאָר־הונדערט גיבן אונז די בעסטע ידיעות די גאַרדעראָבע־אינווענ־טאַרן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונז אין אַ גרויסער צאָל. פון דער וואַלענטינאַ און עליזאַבעטאַ וויסקאַנטי, פון ביאַנקאַ מאַריאַ ספאָרצאַ, פון לוקרעציא באָרדזשיא א. אַנד. לוקרעציאַ, למשל, האָט געהאַט אין איר אויסשטייער 50 קליידער אין בראָקאַט, סאַמעט מיט שטיקעריי און שפּיצן; 150 מוילאַייזלען האָבן געטראָגן אירע קליידער און וועש, ווען זי איז אַרויסגע־פאָרן פון רוים.

די קונסט־ווערק זענען אַ גוטע קוועלע פאַר אַלע צייטן אויף צו אויסמעסטן דעם קליידער־לוקסוס, דאָסזעלבע — שיל־דערונגען פון פייערלעכקייטן, פּראָצעסיעס א. א. וו. אַזוי למשל, וואַרפט אַן בורקאַרדוס אין זיין טאָג־בוך פאַלגנדיקן בילד וועגן אַריינפאָר פון פרינץ פעדעריגאָ פון נעאַפּאָל קיין רוים (1492): „די איינצלנע האָבן געריטן אויף פּרעכטיקע פערד, אַלע גע־קליידט אין גאָלדבראָקאַט, אין צירונג פון גרויסן ווערט אויף

רער ברוסט, אויף די בערעטס און היט. דער פּרינץ האָט גע־טראָגן אַ שטאָף פון פּיאָלעטן סאַמעט, די האַלזקייט פון פּערל, און איידלשטיינער אין ווערט פון 6000 דוקאַטן, אַ גאַרטל מיט אַ שווערד פון גלייכן ווערט, דער גאַנצער צוים, באַזעצט מיט פּערל און איידלשטיינער אין ווערט פון 3000 דוקאַטן און דער גאַנצער געשפּאַן פון פערד באַגולט פון פאָרנט און פון הינטן."

די רענעסאַנס־קליידונג שטייגט העכער צו דער באַראָק־קליידונג און דידאַקטיקע פאַרפיינערט זיך צו ראָקאָקאָ. מיר ווייסן, למשל, אַז אין ענגלאַנד, אין 17־טן יאָרהונדערט, האָט די עלעגאַנטע קליידונג פון קאַוואַליר כמעט ווי געגאָלטן אַלס צייכן פון דאַזיקן שטאַנד. די הערשנדיקע מאָדע האָט דאַן געבראַכט מיט זיך אַ באַזונדערס אויסגעשפּראָכענע עלעגאַנץ: די הויכע רייטער־שטיוול ווערן אויסגעבעט מיט קאָסטבאַרן שטאָף און באַזעצט מיט שפּיצן. אויף דעם מאַנס קליידער באַשטייען צום גרעסטן טייל פון שווערע זיידנס־ און סאַמעט־שטאָפן. וואַן דעיק!

און סאַראַ לוקסוס עס האָט געהערשט! דער הערצאָג פון בוקינגהאַם האָט פאַרמאָגט (1625) 27 טייערע אַנצוגן פון סאַ־מעט, זיידנס, שפּיצן, פּערלען א. א. א., פון וועלכע יעדער איינער האָט געקאָסט אַרום 35.000 פראַנק. דער יום־טובדיקער אַנצוג, אין וועלכן ער איז געקומען אויף דער חתונה פון קאַרל I, האָט איינגעשלונגען אַ סומע פון 500.000 פר. (ווייס). אַן אַדלמאַן און זיין פרוי האָבן אין 17־טן יאָרהונדערט אין פראַנק־רייך אויסגעגעבן אַ דריטל פון זייער הכנסה אויף קליידער; אויף טואַלעטן און עקיפּאַזשן כמעט די העלפט: 5000 ל. פון 12.000.

אין 18־טן יאָרהונדערט איז נאָך דער קליידער־לוקסוס מער געשטיגן: ער איז פיינער, ראַפינירטער געוואָרן, דער דורכ־שניט־פּרייז פון אַ עלעגאַנטן הערנאַנצוג איז געווען 1200—1500 ל. ווער עס האָט אַביסל געהאַט דרך־ארץ צו זיך, האָט געהאַט 6 זומער־ און 6 ווינטער־אַנצוגן. מענערשע יום־טוב־קליי־

דער האָבן געקאָסט ביז 15.000 ל. פיינער גראָער שטאָף: 70–80 ל. אַן אייל. (באַרביע).

אויך דער לוקסוס אין פיינעם וועש — דערדאָזיקער ספּעציפיש-עראָטישער לוקסוס — האָט זיך ערשט איצט אַנטוויקלט אין זיין גאַנצער גרויס. דער ערלעכער מחבר פון „פּולקאָמען ענגלישן האַנדלסמאַן" איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דעם, וואָס דער געוויינלעכער „פראַנט" פון זיין צייט, „אונזער פיינערער דזשענטלמען", „דער געוויינלעכער פראַנט", טראָגט ליינען-העמדער צו 10 אָדער 12 שילינג אַן אייל און בייט זיי צוויי מאָל אַ טאָג! אין דעם עלטערזיידנס צייטן האָט מען זיך באַגנוגנט מיט האָלענדישן ליינען פון אַ העלפט פון דאָזיקן ווערט און מ'האָט דאָס העמד געביטן אפשר צוויי מאָל אין דער וואָך. דער פראַנט פון היינט, גיט צו בייזוויליק אונזער עדות, מוז זיין אַ סך שמוציקער אויפן קערפּער פאַר די אבות, דערריבער מוז ער אַזוי אָפט בייטן די וועש.

דאָס רעפּרעזענטאַטיווע, דאָס גלאַנצפולע איז דאָס אַריסטאָקראַטישע אין דער לוקסוס-אַנטוויקלונג: פּאָמפּעזע קליידונג, באַגילטע מלוכה-קאָטשן, אוניפאָרמירטע דינערשאַפט, וועלכע ווערן אָנגעשטעלט אין גרויסע מחנות: דידאָזיקע אויסערגעוויינלעך צאָלרייכע דינערשאַפט איז ווידער אַמאָל אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַריסטאָקראַטישן לוקסוס. זי איז דער איבערבלייב פון דער אַלטער סוויטע: אין איר טרעט אַרויס פאַר אונז די פּערסאָנאַלע נאַטור פון אַריסטאָקראַטישן לוקסוס, וועלכע מיר געפינען אין דער העכסטער מאָס ביים גאַנצן פריערדיקן לוקסוס. אונז איז באַקאַנט דאָס באַקלאָגן זיך פון אַ דאַם סמיט קעגן דאָזיקן „שלעכטן מנהג" פון זיינע צייטמענטשן, צו באַשעפטיקן אַזויפיל אומפּראָדוקטיווע „הענט", וועלכע וואָלטן דאָך אַלע אַזוי שיין געקענט שפּינען גאַרן.

די שילדערונגען, וועלכע מיר באַזיצן פון יענער צייט, באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון פּאַקט, וואָס האָבן געגעבן אַ גרונט אַדאַם סמיטן צו זיינע אָנקלאַגעס. דעפאָ, וועלכן עס האָט אויך געעקלט דידאָזיקע אַריסטאָקראַטישע פּאָמפּע, דער־

ציילט אונז, אַז גאַנץ געוויינלעכע לאָנדאָנער סוחרים האַלטן מינדעסטנס צוויי, אָפּט נאָך מער ווייבלעכע דינערינס, און אַ סך האַלטן נאָך אַ דינער, אָדער אַפילו צוויי, אין איין באַזונדערן פאַל האַלט אַ סוחרישע ווייב פינף דינסטמיידלעך און איין דינער. די בלאָע ליווריי֞ען פון דידאָזיקע קרעמערדינערס זענען געוואָרן אַזוי אָפּט, אַז מ׳רופט זיי די „סוחרישע ליווריי֞ען" און, אַז „די דזשענטלמענס" מיידן אויס דידאָזיקע פאַרב ביי זייערע דינערס. דערדאָזיקער גרויס-הערישער לוקסוס איז געוואָרן אַזוי אַלגעמיין, אַז ער שטייט ביי די געמיינע פאַרוועניוס אויפן סדר-היום; ווי שטאַרק האָט ער געמוזט זיין אַנטוויקלט ביי די קוואַלירן! מיר וועלן זיך נישט וווּנדערן, ווען מיר הערן וועגן אַן ענגלישן לאָרד, וועלכער האָט געהאַט 100 פערד-קנעכט.

און פונדעסטוועגן רופן אָפּטמאָל פאָרט אַרויס אונזער דערשטוינונג די ריזנציפערן פון די דינערס: דער דיוק דע נעווערס האַלט 146, די פאָנטשאַרטרען 113, דער דיוק דע שואַזעל — 400 (דערפון 54 אין ליוורייעס), מאַדאַם דע סעוויניע 30—40. פאַרשטייט זיך, אַז די געלט-זעק האָבן געשמאַק קאָפּירט דעמדאָזיקן הערן-לוקסוס: ביי אַ רייך-געוואָרענעם לאַנדשאַפטסמאַלער, אַ „מיססיסיפּיער" געפינען מיר 90 דינער, און מ ע ר ס י ע גיט אונז איבער אין גאַנץ אַלגעמיינע ווערטער: „אין אַ געוויסע הויז פון שטייער-מכסניק וועט איר געפינען 24 דינער אין ליוורייעס, נישט רעכענענדיק די קוכערס, געהילף-קוכערס און 6 דינסטמיידלעך פאַר דער מאַדאַם..."

פון איינעם אַ טיורקארעט דערציילט ער אונז, אַז ער פלעגט אַרומגערינגלט זיין פון 4 דינערס ביים טרינקען שאָקאָלאַדע.

* * *

צולעצט איז אָבער אויך א י נ ה אַ ל ט ל ע ך  ד אָ ס  ו ו ע ז ן  פ ו ן  ל ו ק ס ו ס פון דעמדאָזיקן גאַנצן פעריאָד אַריסטאָקראַטיש, און נישט נאָר אין דעם בעגאַטיוון זין, וואָס

ער איז נישט צוגענגלעך פאַר דער גרויסער מאַסע, וואָס ער איז באַשרענקט אויף אַ קליינעם קרייז אויסדערווײלטע; אויך פּאָזיטיוו אַריסטאָקראַטיש (ווי מ׳קען זיך אויסדריקן) איז דער לוקסוס פון יענע טעג דורך דער פאָרנעמקייט פון דער פאָרם, וועלכע ער נעמט אומעטום אָן — אַפילו ביים לעצטן גאוהדיקן געלט-זאַק, ווייל מ׳צווינגט אַרויף אויף אים דעם עול פון גוטן געשמאַק, וועלכער געפינט זיך תמיד נאָר ביי ווייניקע. יענער לוקסוס איז אָפּגעפיינט: תמיד אָריענטירט ריין עסטעטיש, ריין פאָרמעל. דער פעריאָד נעמט אַרום פיר סטיל-אַרטן: גאָטיק, רע־נעסאַנס, באַראָק און ראָקאָקאָ. אָבער דידאָזיקע אַלע סטילן זע־נען פאָרנעמע סטילן, הערנסטילן. קודם כל זענען זיי „סטילן״ און זיי אונטערשיידן זיך דורכדעם שאַרף פונם סטיל פון אונזער צייט, וואָס איז די סאַמע סטיללאָזיקייט און טראָגט דורכדעם דעם צייכן פון המונישקייט אויפן שטערן.

אינם ענגלאַנד פון 18-טן יאָרהונדערט רייסט זיך אַריין עפּעס ענלעכעס אויף אַ „בירגערלעכן״ סטיל. דאָ און דאָרט קלינגט שוין אַ פלעבעישער טאָן: מ ו ט ה ע ר וויל האָבן, אַז אין די פּאָרטרעטן פון ריינאָלדס און געינסבאָראָו קען מען אַנט־דעקן דעמדאָזיקן נייעם טאָן און אין דעם. גלויבט ער, ליגט דער אונטערשייד צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך; אָבער מיר, דאַקעגן, דאַכט זיך, אַז גראָד אין דידאָזיקע ביידע פּאָרטרעטיסטן קומט צום בולטסטן אויסדרוק די דורך און דורך אַריסטאָקראַטישע נאַטור פון יענער צייט. געוויס איז מר. סידראָן אויף געינסבאָ־ראָוס בילד פאָרגעשטעלט אין גאַסן-טואַלעט: „אַ גרויסן הוט אויפן קאָפּ, די מופטע אין דער האַנט, קיין שום פערל באַפּו־צונג, נאָר בלויז אַן איינפאַכע זיידענע באַנד אַרום האַלז״. גע־וויס, און פונדעסטוועגן! אַ גאַנצע וועלט טיילט זיי אָפּ פון יעדער דאַמע פון אונזער צייט און האָט זיי געוויס אָפּגעטיילט פון די פרויען פון די סיטי-מענטשן פון זייער צייט. איז דען דאָס בלאָע יינגל נישט קיין אמתער סימבאָל פון יענע לעצטע שעהן פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור? האָגאַרט יאָ: ביי אים קומט צום ערשטן מאָל (נאָך דעם קורצן האָלענדישן פלעבעיער־

עפּיזאָד) די „אומהעפלעכע, אומגעלומפּערטע, חיה" צום וואָרט. אָבער צו דער וועלט, וועלכע קומט אַליין אין באַטראַכט פאַר דער אַנטוויקלונג פון לוקסוס, האָט ער נאָך נישט געהערט.

* * *

און די זיי? מיר ווייסן, אַז די מעטרעסנווירטשאַפט איז באַזונדערס אין 18-טן יאָרהונדערט געוועזן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין דער גוטער געזעלשאַפט: ווו איז דער מענטש, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין מעטרעסעס? רופט אויס זייער נאַיוו אַ פילאָסאָף פון יענער צייט; דעריבער, ווען מיר הערן איצט וועגן דער פאַרשווענדונג פון דידאָזיקע זעלבע קרייזן, קענען מיר אָן קווענקלעניש מאַכן אַן אויספיר, אַז אַ גרויסער טייל פון דערדאָזיקער פאַרשווענדונג דאַרף פאַרשריבן ווערן אויף דער קאָנטע פון דער אומגעזעצלעכער ליבע און פאַרן רעשט טראָגן די שולד די געזעצלעכע פרויען.

וועגן אייניקע פון די גרויסע קורטיזאַנעס האָבן מיר ציפערמעסיקע באַווייזן פאַר זייער פאַרשווענדונגס-תאוה.

וועגן דער „לעבנסווירדיקער דעשאַן" זאָגט דער אַדוואָקאַט קארסיליע אין אַ פאַרטיידיקונגס-רעדע: „איר לוקסוס רופט אַרויס דערשטוינונג אין גאַנץ פאַריז. די גרובן פון גאָלקאָנדא זענען פאַר איר אויסגעשעפּט געוואָרן. דאָס געלט וואַקסט אַרויס אונטער אירע טריט".

אַ סך און גראַד די געליבטע פון די גרויסע פינאַנס-לייט (ווי צום ביישפּיל די מאַדאַם פּעטיטפּאַס און מאַדאַם דיופּרען, די מעטרעסעס פון שטיין-רייכן לאַ מאַססאָן) זענען געווען באַקאַנט דורך זייער „פּרעכן לוקסוס". און באמת: ריזיקע סומעס זענען דורכגערונען דורך זייערע הענטלעך. די געליבטע פון אַ צווייטן מאַגנאַט פון דער פינאַנס-וועלט, מעזאַן רוזש (רויטע הויז), אַ טענצערין פון דער גרויסע אָפּערע, פרעסט אַרויס פון איר געליבטן: 210.000 ל. אויף בנינים און איינריכטונגען, 150.000 ל. אויף צירונג, 50.000 טאָלער אויף בילדער און זיל-

בערגעשיר. דער יונגער שאָוועלען פאַלט אַריין צוליב דער טענצערין פּרל. מינאָס אין חובות אויף 1.600.140 ל. 19 ס. 11 ד., סט. דזשעמס, קאַסיר פון פלאָט, שענקט דער פּרל. דע באַוואוזן פאַר 1.500.000 ביז 1.800.000 ל. צירונג און אַנדערע ווערט-זאַכן און באַשטימט איר אַ יאָרלעכע רענטע פון 20,000 טאָלער. 10.000 ל. (2000 עקיוס) איז אַ „נאָרמאַלער" חודש-געהאַלט פאַר די „בעסערע" קורטיזאַנעס.

איך וויל אָבער נאָך דייטלעכער מאַכן דעם ענגן צוזאַמענהאַנג, וואָס באַשטייט צווישן דער לוקסוס-אַנטוויקלונג פון יענער צייט און דער הערשאַפט פון דער זי (צי זי איז געווען אַ חתונה-געהאַטע אָדער נישט, איז נישט וויכטיק, אַבי זי איז נאָר געווען אַ זי), ווי דאָס איז מעגלעך דורך אַלגעמיינע באַטראַכטונגען און דורך אָנווייזן אויף די פאַרשווענדונגען פון איינצלנע פאַוואָריטקעס,— איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף פּרטים און נאָכפאָלגן די לוקסוס-אַנטוויקלונג לויט אירע וויכטיקסטע אינהאַלטן; אויף אַזאַ אופן וועלן מיר געווינען אַ קלאָרערן איינבליק אין די פאַרשידנאַרטיקע לוקסוס-מעגלעכקייטן אונטער דעם אַלטן רעזשים און מיר קענען נאָך דייטלעכער דערקענען, ווי אַזוי פון די איינצלנע לוקסוס-הוצאות, אָדער בעסער געזאָגט פון די אָנגעזאַמלטע איינצלפאַלן פון דעם לוקסוס-לעבן ציען זיך פעדים צו די ערשטע אָרגאַניזמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אויפן געביט פון האַנדל און אינדוסטריע.

## IV. דער זיג פון דער זי

כ'האָב פריער אָנגעוויזן אויף די געמיינזאַמע שטריכן, וועלכע עס טראָגט אויף זיך דער גאַנצער לוקסוס פון דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. איצט וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, אַז דער לוקסוס האָט אין דידאָזיקע פינף ביז זעקס יאָרהונדערטן אויך דורכגעמאַכט פאַרשידענע ענדערונגען, און כ'וויל אויפווייזן, אויף ווי ווייט די פרויען (אַזוי ווי מיר האָבן

זיך באַקענט מיט זיי) טראָגן די שילד פאַר דידאַקטישע ענדערונ־גען. מיר באַטראַכטן קודם כל:

1. די אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון לוקסוס (פאַרשטייט זיך: פון לוקסוס אין דאָזיקן גאַנץ־באַשטימטן היסטאָרישן פעריאָד, ד. ה. פון 1200 ביז 1800, וועלכער איז בלויז איין־איינציקן מאָל געווען אין דער וועלט־געשיכטע. אַלע באַמיונגען צו בילדן אַלגעמיינע לוקסוס־עפּאָכן, ווי דאָס האָט, למשל, געפּרוווט ר א ש ע, זענען פאַרמשפּט אויף אומדערפאָלג: שוין אָפּגערעדט פון דער טאָלפּאַטשער טעאָריע, וועלכע רייסט זיך אַריין מיט דער שלעכטפאַרשטאַנענער „מאַ־טעריאַליסטישער געשיכטסאויפפאַסונג", אין אַזעלכע דעליקאַטע שייכותן, ווי דאָס זענען די דערשיינונגען פון לוקסוס).

איך אונטערשייד פאָלגנדע אַנטוויקלונגסטענדענצן פון לוקסוס:

א) טענדענץ צו פאַרהיימישונג. דער מיטלאַל־טערלעכער לוקסוס האָט מייסטנטיילס געטראָגן אַן עפנטלעכן כאַראַקטער, איצט נעמט ער אָן אַ פּריוואַטן; אָבער אויך אַלס פּריוואַטער איז ער מער געקומען צום אויסדרוק מחוץ דער שטוב, ווי אין דער שטוב; איצט ווערט ער אַלץ מער קאָנ־צענטריט אין שטוב, אין דער היימישקייט: די פרוי נעמט אים אַריין צו זיך.

פריער (נאָך אויך אין דער רענעסאַנס־צייט) — טורנירן, רעפּרעזענטאַנץ־לוקסוס, עפנטלעכע גאַסט־אויפנעמונגען, פייערלעכע פּראָצעסיעס: איצט — היים־לוקסוס. דורכדעם פאַרלירט דער לוקסוס זיין פעריאָדישן כאַראַקטער פון פריער, און ווערט — אַ כסדרדיקע דערשיינונג. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אויף ווי ווייט עס איז פאַרבונדן מיט דערדאָזיקער ענדערונג דער וווקס פון לוקסוס־באַדערפנישן.

ב) טענדענץ צו פאַרזאַכליכונג. מיר האָבן געזען, אַז דער לוקסוס פון באַהאַנדלטן פעריאָד טראָגט נאָך אַלץ אַ שטאַרק־פּערסאָנאַלן און במילא אַ קוואַנטיטאַטיוו־געריכטעטן כאַ־ראַקטער, און מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין דעם לאָזט זיך דערקענען זיין אַריסטאָקראַטישע אָפּשטאַמונג, ווייל דידאַקטישע

שטאַרקע שעצונג פון אַ צאָלרייכער דינערשאַפט איז אַן אײַבערבלײַבעניש פון דער אַלטער סוויטע. ס'איז אָבער קיין ספק נישטאָ, אַז זייט דעם מיטלאַלטער ווערט כסדר אַלץ שוואַכער דער פּערסאָנאַלער כאַראַקטערשטריך פון דער לוקסוס-אַנטוויקלונג. פריער האָט זיך דער לוקסוס מערסטנטייל אויסגעשעפּט אין צענויפרופן אַ סך געסט, אין באַקעסטיקן און באַלוסטיקן זיי בײַ פייערלעכקייטן, א. אַ. וו. איצט איז די צאָלרייכע דינערשאַפט בלויז אַ באַגלייטדערשיינונג פון דער אַלץ מער וואַקסנדיקער פאַרוועגדונג פון זאַכן צו לוקסוסצוועקן. אויך אין דער דאָזיקער פאַרזאַכליכונג, ווי איך רוף אָן דעמדאָזיקן פּראָצעס, איז די זי געווען פאַראינטערעסירט, ווײַל דאָס צענויפרופן אַ גרויסע געזעלשאַפט פאַרשאַפט איר ווינציקער פאַרגעניגן ווי די פּרעכטיקע קליידונג, די באַקוועמערע דירה, די טייערע צירונג. אויך דידאָזיקע ענדערונג איז עקאָנאָמיש אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט: אדאם סמיט וואָלט געזאָגט: מען גייט איבער פון „אומפּראָדוקטיוון" צום „פּראָדוקטיוון" לוקסוס, ווײַל יענער פּערסאָנאַלער לוקסוס באַשעפטיקט „אומפּראָדוקטיווע" הענט, אָבער דאַקעגן דער פאַרזאַכליכטער לוקסוס — „פּראָדוקטיווע" (אין קאַפּיטאַליסטישן זין: דאָס הייסט לוינאַרבעטער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג). און באמת, די פאַרזאַכליכונג פון דער לוקסוס-באַדערפעניש האָט געהאַט אַ גרונט-לייגנדיקע באַדײַטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.

זייט בײַ זייט מיט דערדאָזיקער פאַרזאַכליכונג פון לוקסוס גייט אָבער אויך די

ג) **טענדענץ צו פאַרזינלעכונג און פאַרפײנערונג**, וועלכע די זי פלעגט מיט אַ באַזונדערער ענערגיע.

אַלס טענדענץ צו פאַרזינלעכונג באַטראַכט איך יענע אַנטוויקלונג, וועלכע פירט דערצו, אַז דער לוקסוס דינט אַלץ ווייניקער וועלכע נישט איז אידעאַלע לעבנס-ווערטן (ווי, למשל, דער קונסט) און שטייט אַלץ מער אין רשות פון די נידעריקע אַנימאַלישע אינסטינקטן. עס קומט פאָר יענער פּראָצעס, וועלכן די ברידער גאָנקור באַצייכענען איין מאָל אַזוי: „די פּראָטע-

זשירונג פון דער קונסט נידערט אַראָפּ צו די בראָנז-סיזעלירערס, צו האָלץ-אויסשניידער, צו שטיקערס און צו נאָדל-אַרבעטערינס" א. א. וו. א. א. וו. זיי ווילן דערמיט באַצייכענען דעם אונטערשייד צווישן דער דיו-באררי-עפּאָכע און דער פּאָמפּאַדור-צייט. מיר דאַכט, אַז דידאָזיקע – ס׳איז איבעריק צו זאָגן: עקאָנאָמיש אויסערגעוויינלעך-וויכטיקע ענדערונג – כאַראַקטעריזירט גיכער דעם איבערגאַנג פון 17-טן צום 18-טן יאָרהונדערט, ד. ה. דעם נצחון פון ראָקאָקאָ איבערן באַראָק. אָבער דערדאָזיקער נצחון באַדייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי דעם ענטגילטיקן און פולשטענדיקן נצחון פון דער ז י. די הערשאַפט פון דאָזיקן דורך און דורך ווייבלעכן סטיל אויף אַלע געביטן פון דער קולטור איז שוין אַליין אַ גענוגנדיקער באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון דער דאָ פאַרטיידיקטער טעזע. און באמת, די זיגרייכע זי שטראַלט אונז אַנטקעגן פון אַלע שאַפונגען פון דער קונסט און פון דער קונסט-פּראָדוקציע פון יענער צייט: פון טריומאָ-שפּיגלען און ליאָנערן קישנס, תכלתדיק-זיידענע בעטן מיט ווייסע טיול-גאַרדינען, פון צאַרטבלויע קליידער, גרויזיידענע זאַקן און ראָזיקע זיידענע קליידער, פון קאָקעטישע, מיט שוואַנען-פּוך באַזעצטע פּעניוארס, פון שטרויספעדערן און בראַבאַנטער שפּיצן, אין אַלץ דאָס, וואָס אַ פאַטער האָט צוזאַמענגעדיכטעט אין אַ „סימפאָניע פון סאַלאָן", ווי עס דריקט זיך אויס מ ו ט ה ע ר. דערדאָזיקער אומפאַרגלייכלעכער שילדערער פון ראָקאָקאָ, ביי וועלכן כ׳האָב אויך גענומען די פריער-געבראַכטע ווערטער.

אין דעם ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט דער טענדענץ צו פאַרזינגלעכן דעם לוקסוס, געפינט זיך די טענדענץ צו זיין פאַרפיינערונג. פאַרפיינערן הייסט פאַרמערן די פאַרברויכטע סומע פון לעבעדיקער אַרבעט ביי דער אויסאַרבעטונג פון אַ פאַרברויך-געגנשטאַנד, ד. ה. דורכדרינגען, דורכזאַפּן דעם שטאָף מיט מער אַרבעט (אויף וויפל די פאַרפיינערונג באַשטייט נישט אין דער פאַרוואַנדלונג פון זעלטענע שטאָפן). דורכדעם ווערט באַזונדערס שטאַרק פאַרגרעסערט דער באַטעטיקונגס-רוים פאַר

דער קאפיטאליסטישער אינדוסטרי, אויך פאר דעם קאפיטא־ליסטישן האנדל (צושטעלונג פון אָרט־ווייטע שטאָפן!).

ד) טענדענץ צו צוזאמענדרענגען — אין דער צייט. סיי דורכדעם, וואָס אין א געגעבענער צייט ווערט אנטוויקלט א סך לוקסוס: עס ווערן באנוצט א סך געגנשטאנדן, עס ווערן געגעסן א סך געווירץ; סיי דורך דעם, וואָס פריערדיקע פעריאָדישע לוקסוס־פאַרשטעלונגען ווערן פאר־וואנדלט אין שטענדיקע איינריכטונגען: פון יאָר־פייערלעכקייטן ווערן רעגלמעסיק־צוריקקערנדיקע יום־טובים, פון פראָצעסיעס אין יובילעי־טעג ווערן טעגלעכע מאסקאראדן פון סעודות און געהייליקטע טעג און קווארטאל־זויפערייען ווערן אלטעגלעכע מיטאָגס און אָוונט־עסנס; סיי דורך דעם (און דאָס וויל איך באזונדערס שטארק אונטערשטרייכן), וואָס די „לוקסוס־זאכן" ווערן פארטיק געמאכט אין א קירצערער צייט, כדי וואָס שנעלער צו קענען דינען זייער באזיצער.

אין מיטלאלטער האָט געהערשט א כלל פון א לאנגער פראָדוקציע־צייט: יאָרן און יאָרצענדליקער האָט מען געארבעט אויף איין זאך, ביי איין ווערק: מען האָט זיך נישט געאיילט עס צו פארענדיקן. מען האָט דאָך געלעבט אזוי לאנג, וויל מען האָט געלעבט אין א געמיינשאפט: די קירכע, דער קלויס־טער, די שטאָט־געמיינדע, דער פאמיליען־שטאם, וועלן זיכער דערלעבן די פארענדיקונג, ווען דער איינצלנער מענטש, וועל־כער האָט די ארבעט באשטעלט, וועט שוין אפילו פון לאנג זיין פארפוילט. סארא סך דורות עס האָבן געבויט די סערטאָזא פון פאוויא! די מיילענדער פאמיליע סאקטשי האָט אין משך פון דריי יאָרהונדערטער. אין משך פון אכט דורות, געארבעט ביי די אינקריסטירונגען פון די אלטאר־פלאטן. יעדער דאָם, יעדער קלויסטער, יעדעס ראָטהויז, יעדע בורג פון מיטלאלטער איז אן עדות פון דערדאָזיקער איבערבריקונג פון לעבנסעלטער פון די איינצלנע מענטשן: זייער אויפבוי דויערט גאנצע דורות, וועלכע האָבן געגלויבט צו לעבן אייביק.

זינט דער יחיד האָט זיך ארויסגעריסן פון דער געמיינ־

שאפט, וואס לעבט אים איבער, ווערט זייַן לעבנסדויער די מאָס פון זיין געניסן. דער איינצלמענטש אַלס אַזעלכער, וויל וואס מער דורכלעבן און געניסן. אפילו אַ קעניג איז געוואָרן צו פיל ער אַליין: ער וויל נאָך אַליין וווינען אין שלאָס, וועלכן ער הויבט איצט אָן צו בויען. און איצט, ווען די הערשאַפט פון דערדאָזיקער וועלט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ז', איז ווידעראַמאָל פארשנעלערט געוואָרן דער טעמפּ, מיט וועלכן עס זענען געשאַפן געוואָרן די מיטלען אויף צו באפרידיקן די לוקסוס-באַדערפעגישן. די פרוי קען נישט ווארטן. אָבער דער פארליבטער מאַן אודאי און אַודאי נישט. סאַראַ ענדערונג אין דעם לעבנס-שניט:

מאַריאַ פון מעדיטשי האָט געלאָזט פארטיק מאכן דעם לוקסעמבורג-פאַלאַץ אין דער אומדערהערט קורצער צייט פון פינף יאָר.

ביים ווערסאַלער שלאָס האָט מען געארבעט טאָג ווי נאַכט: „פאר ווערסאַל זענען דאָ צוויי פארטיעס סטאָלאַרעס, פון וועלכע איינע אַרבעט בייטאָג און די צווייטע ביינאַכט", האָט אונז קאָלבערט אַליין דערציילט.

דער גראף פון אַרטוא האָט געלאָזט איבערבויען באַגאַטעל איינגאַנצן פונסניי, כדי דאָרט איינצואָרדנען פאר דער קעניגין אַ פאַרוויילונג, און ער באשעפטיקט טאָג ווי נאַכט 900 אַרבעטער: ווען די אַרבעט רוקט זיך נישט אַזוי שנעל פאָרויס, שיקט ער אַרויס זיינע וואך-זעלנער אויפן שליאך כדי צו פאר־כאפן שטיין- און וואַפנע-וועגענער.

אָבער דידאָזיקע אַלע ענדערונגען וועלן מיר נאָך זען פאר זיך אַ סך פלאַסטישער, ווען איך וועל איצט פּרובירן גענוי נאָכפאָלגן דעם לוקסוס אויף איינינקע פון די וויכטיק־סטע געביטן. דורכדעם וועלן מיר אויך באקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דער (פון עקאָנאָמישן שטאנדפונקט וויכטיקסטער) כמותדי־קער באדייטונג. וועלכע די פאַרענדערונגען האָבן געהאַט פאר דער פאָרמירונג פון לוקסוס.

## 2) דער לוקסוס אין דער היים

א) דער עסלוקסוס איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין איטאַליע אין משך פון 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט, בעת דאָרט איז אנטשטאַנען אַ „קאָך־קונסט” צוגלייך מיט די אַנדערע קונסט־צווייגן. פריער האָט נאָר געהערשט אַ פרעס־לוקסוס: איצט האָט מען פאַרפיינערט אויך דעמדאָזיקן געגוס און דער איכות האָט אויך דאָ פאַרנומען דעם אָרט פון דעם כּמות.

אויך דער עסלוקסוס האָט אַריבערגעוואַנדערט פון איטאַליע קיין פראַנקרייך, ווו ער באַקומט זיין ריכטיקע פּלעגע ערשט זייטן סוף 16־טן יאָרהונדערט. ס'איז כּמעט אוממעגלעך באַכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון עסלוקסוס אין אַ לאַנגער אָפּהאַנדלונג וועגן שפּייז־צוגרייטונגען, וואָס וועט זיך אָבער נישט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון דערדאָזיקער אונטערזוכונג. אָבער, ווי אין די פריערדיקע פאַלן וויל איך אויך דאָ שטעלן לכל הפּחות די איין פאָלגנדיקע פראַגע: האָבן מיר ווידער אַמאָל צו פאַרדאַנקען די פאַרפיינערונג פון דער קאָך־קונסט און במילא אויך די אַנטוויקלונג פון עסלוקסוס דער זי?

פּסיכאָלאָגיש־פיזיאָלאָגיש איז דאָס נאָך אַ „שטרייט־פראַגע”, ווי נאָנט עס זענען פאַרקרובהט צווישן זיך די קאָכקונסט און די ליבע־קונסט. עס איז דאָ אַ נייגונג צו שטעלן אין אַ געוויסן געגנזאַץ צווישן זיך די עראָטיק און די פיינשמעקעריי אין עסן, און דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער באַצייכנונג פון דעם מאַנס לעבנס־שטופעס: ליבע, כּבוד־גיריקייט און מיטאָג. שלעכטע נישט־עראָטיקער, ווי קאַנט, זענען געווען גרויסע נאַשערס. אָבער מיר דאַכט זיך פונדעסטוועגן, אַז אָן דער אַלגעמיינער פאַרפיינערונג און פאַרזינלעכונג פון אונזער געשמאַקלעבן, וועלכע מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם איינפלוס פון דער פרוי, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט דערגרייכט אַן העכערע אַנטוויקלונגס־שטופע אין דער עסקונסט. צי דען דאַרף מען נישט זוכן אין דער ליידנשאַפטלעכער נאַשעריי פון אַלטע בחורים אַ „פאַרדרענגונג” פון עראָטישן דראַנג? אַזוי, אַז די נאַשעריי ביים מאַן אַנט־

שפּרעכט אומגעפּער דער ליבע צו קעץ ביי אַלטע בתולות? אויך דאָס וואָלט געלוינט אויסצופאָרשן.

בלויז איין פּונקט איז שוין איצט היינט קלאָר: דאָס איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קאָנסום פון זיסקייטן און ווייבערהערשאַפט. מיר קענען דייטלעך זען די ליניע, וועלכע גרעניצט נאָך היינט אָפּ די צאָנע פון דער זי: דאָס איז דיזעלבע ליניע, וואָס שיידט אָפּ איינס פון דאָס צווייטע די לענדער מיט גוטע און שלעכטע קיכן און מעלשפּייזן: אין איטאַליע, אין עסטרייך, אין פראַנקרייך, אין פּוילן די אויסגעצייכנטע זיסקייטן, אין צפון־דייטשלאַנד דער פּלאַממערי, אין ענגלאַנד דער אַלבערט־קעקס.

דידאַזיקע פאַרבינדונג פון פעמיניזם (פון אַלטן סטיל) מיטן צוקער איז אָבער אין ווירטשאַפטס־געשיכטלעכן זין געוואָרן פון דער גרעסטער באַדייטונג: דערפאַר, ווייל אין דער פרי־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע האָט געהערשט די זי, איז דער צוקער אַזוי שנעל געוואָרן אַ באַליבט גענוס־מיטל, און נאָר דערפאַר, ווייל ס'איז געווען דער צוקער, האָבן די רייצמיטלען קאַקאַאָ, קאַווע און טיי אַזוי שנעל געפונען אין אייראָפּע אַן אַלגעמיינע פאַרשפּרייטונג. אָבער דער האַנדל מיט דידאָזיקע פיר אַרטיקלען און די פּראָדוקציע פון קאַקאַאָ, קאַווע און צוקער אין די איירעפּעישע קאָלאָניעס, ווי אויך די פאַראַרבעטונג פון קאַקאַאָ און די ראַפינירונג פון רויצוקער אין איירעפּע האָבן פאַרנומען זייער אַ גרויסן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.

דאָס, וואָס מיר ווייסן פון דער געשיכטע פון דידאָזיקע גענוסמיטלען און פון זייער איינבירגערונג אין איירעפּע, באַשטעטיקט דורכאויס די ריכטיקייט פון דידאָזיקע אַלגעמיינע אויספירן. אויף וויפל דידאָזיקע געשיכטע פאַלט צענויף מיט דער געשיכטע פון צוקער (און דאָס איז דער פאַל אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס), האָבן מיר גענויע ידיעות דורך דאָס בוך פון ע ד מ ו נ ד אָ. פאָן ליפּפּמאַן, וועלכן מיר האָבן אין וועזנטלעכן צו פאַרדאַנקען אויך די פאָלגנדיקע ידיעות.

דער צוקער ווערט צוערשט דערמאָנט אין 14־טן יאָרהונ.

אַלס באַליבט גענוסמיטל ווערט ער איינגעבירגערט אין איטאַליע אין 15-טן יאָרהונדערט. ביי היינטיקן טאָג, שרייבט פּ אַ נ ס י - ר אָ ל ל ו ס, איז נישטאָ קיין איין פייערלעכע סעודה, ביי וועלכער עס זאָל נישט פאַרברויכט ווערן קיין גרויסער קוואַנטום צוקער אין אַלערליי פאָרמען; פיגורן און גרופּעס, פויגלען און פּירפּיסיקע און די וווּנדער-שענסטע פרוכטן אין די נאַטירלעכסטע פאַרבן ווערן נאָכגעבילדעט פון צוקער, ראַבאַרבער, פּיגנאָליען, ציינאַמאָמען און אַנדערע געווירצן ווערן אין אים איינגעמאַכט און פאַרצוקערט צום ענטציקן פון דער מענטשהייט; אָן צוקער ווערט כמעט קיין שום זאַך נישט פאַרצערט, צוקער קומט אַריין אין געבעקס, צוקער אין ווייַן, אָנשטאָט וואַסער טרינקט מען צוקער-וואַסער, פלייש, פיש און אייער ריכט מען צו מיט צוקער, מיט איין וואָרט, זאַלץ ווערט נישט גענוצט מער פאַר צוקער!

קאַטארינאָ פון מעדיטשי טרעט אַרויס אַלס די פאַרמיטלערין, וועלכע פאַרשפּרייט דעם צוקערקאָנסום אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. צווישן אַנדערן זאָל די איטאַליענישע סוויטע פון דערדאָזיקער פירשטין צוערשט האָבן איינגעפירט דעם געברויך פון ליקערן אין פּאַריז, וועלכע זענען דאַן דורך די פראַנצויזן אַליין דערפירט געוואָרן צו אַ הויכער אַנטוויקלונג. איינע פון די באַליבטסטע מאַרקעס פון יענער צייט איז געווען דאָס ווענוס אייל, וועלכעס האָט זיך באַקומען פון אַלקאָהאָל, צוקער און זאַפּערן. אין זיין טראַקטאַט איבער דער לאַנדווירטשאַפט פאַרזיכערט אונז שוין ע ס ט י ע ן, אַז דער צוקערקאָנסום איז זייער פאַרשפּרייט. לאַ ברייער שאַנפּע, פראַנץ I ליייבדאָקטאָר, רופט שוין אָן (1560) דעם צוקער אַלס אַ גענוסמיטל פון ערשטן געברויך, פאַרשטייט זיך, אַז בלויז אין די העכערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט, ווייל ער גיט צו צו זיין מיינונג פאָלגנדיקע דערקלערונג: „ווייל לייט פון פיינער לעבנסאַרט פאַרצערן קיין שום זאַך נישט, וואָס איז נישט באַשאָטן מיט צוקער - פּולווער". אויך אין ענגלאַנד האָט מען שוין אין 16 יאָרהונדערט ביי יעדער פיינערן מאָלצייט באַטראַכט פאַר

אומבאַדינגט נויטווענדיק צוקערוואַרג, זשעלעס, מאַרמעלאַדע, פאַרצוקערטע ציטרינען, מאַראַנצן און אינגבער, ווי אויך פּאַ־לאַצן, שיפן און פיגורן פון צוקער.

זייט דעם אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט בירגערן זיך דאַן איין, מיט דער הילף פון צוקער, קאַקאַאָ, קאַווע און טיי: צווערשט אין דער פאַרנעמער געזעלשאַפט, באַזונדערס באַליבט ביי די הויפן. אַזוי, למשל, ווערט קאַווע אָנגענומען אין פראַנק־רייך ערשט דאַן, נאָכדעם, ווי לודוויק XIV האָט געטרונקען קאַווע ביים אויפנעמען די געזאַנדשאַפט פון סולטאַן מאַהאָמעד IV (1670) און דערנאָך זי איינגעפירט אין די הויפקרייזן. אַרום דידאָזיקע גענוסמיטלען גרופּירט זיך דאַן אין די עפנטלעכע קאַפעען אַ נייער גרויסשטאָטישער לוקסוס, וועגן וועלכן מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

ב) דער ווין־לוקסוס. די אַנטוויקלונג פון ווין־לוקסוס שטייט אין אַ ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנט־וויקלונג פון דער גרויסשטאָט, וועלכע מיר האָבן אויספירלעך אַרומגערעדט. זי איז עס געווען, וואָס האָט וועזנטלעך אַנט־וויקלט דעם לוקסוס פון וווינונגען און זייער איינריכטונג, ווי דאָס ווערט אַלץ מער און מער באַליבט זייט דעם רענעסאַנס, באַזונדערס אָבער זייט דעם סוף פון 17־טן יאָרהונדערט. זי האָט דאָס אַרויסגערופן פון איין זייט דורך דער איינשרענקונג פון לעבנם־שטח, וואָס האָט נויטווענדיק געמוזט איינטרעטן אין רעזולטאַט פון צוזאַמענדרענגען גרויסע מענטשנמאַסן אויף איין אָרט; און פון דער צווייטער — דורך דער איינשרענקונג פון פערסאָנאַל־געפאַרבטן לוקסוס, וואָס דאָס האָט אויך געמוזט געשען, ווי נאָר דער אַריסטאָקראַט האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט. דידאָזיקע אינערלעכע און אויסערלעכע באַשרענקונגען, וואָס די לעבנסהאַלטונג פון די רייכע לייט האָט געמוזט אַרויפ־לייגן אויף זיך אין דער שטאָט, האָט אָבער געפירט, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, צו דער אינטענסיווירונג פון לוקסוס, וועלכער, ווי מיר האָבן געזען, איז פון איין זייט פאַרזאַכלעכט, און פון דער צווייטער — פאַרפיינערט געוואָרן. דאָס, וואָס עס

האָט איבערגעלעבט דער עס-לוקסוס: די אויפשטייגונג דורך דער פאַרפולקאָמונג פון דער קאַכטעכניק, האָט אויך איבערגעלעבט דער ווײַן-לוקסוס אין דער גרויסשטאָט: דעם אָרט פון די ריזיקע, פוסטע בורגן האָבן פאַרנומען קלענערע, אָבער מיט אַ וואַקסנדיקער מענגע פון קאָסטבאַרע זאַכן אויסגעפילטע שטאָט-וווינונגען: דער שלאָס איז פאַרביטן געוואָרן דורכן פּאַלאַץ.

דערדאָזיקער, לאָמיר זאָגן, שטאָטישער ווײַן-שטייגער ווערט אָבער דאַן אַריבערגעטראָגן אויפן לאַנד: עס קומען אויף די מיט שטאָטישער עלעגאַנץ אויסגעריכטעטע לאַנד-הייזער: די „ווילעס", וועלכע זענען אַזוי אַרום (פונקט ווי אין אַלטערטום) דער אוממיטלבאַרער רעזולטאַט פון שטאָט-לעבן. דורכדעם דרינגט דער לוקסוס אַרײַן ביז אין די פאַרוואָרפנסטע טיילן פון לאַנד, וואָס איז אויך אין דאָזיקן פונקט אונטערגעוואָרפן דער גרויס-שטאָט און אירע לעבנסבאַדינגונגען.

ווען מיר לייענען די שילדערונגען פון שטאָט- און לאַנד-הייזער פון די רײַכע לײַט פון פראַנקרײַך און ענגלאַנד, למשל, וועלכע ס'האָבן אונז איבערגעלאָזן די צײַט-מענטשן ביים סוף 17-טן און אין 18-טן יאָרהונדערט, איז אונזער ערשטער געדאַנק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איבערטרײַבונגען, ביז מיר קומען צו דער איבערצײַגונג, דורך דער פאַרמערונג פון צאָלרײַכע, תמיד גלײַכע אורטיילן, אַז דער ווײַן-לוקסוס האָט אין יענער צײַט באמת געמוזט דערגרייכן אַזאַ שטופע, וואָס אַפילו פון שטאַנדפונקט פון אונזער פאַרשווענדערישער צײַט איז זי אומגעהייער. מיר דערמאָנען זיך דאַן אין די רעשטלעך פון די הערלעכע באַראָק- און ראָקאָקאָ-מעבל, וועלכע מיר זעען הײַנט בײַ די הענדלער מיט אַנטיקן, מיר דערמאָנען זיך די בילדער פון אײַנריכטונגס-געגנשטאַנדן פון יענער צײַט אין דער קונסט-געשיכטע און באַרעכענען, אַז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן איצט פאַר זיך אַלס אײַנצלשטיק: אויסגעמאָלט אָדער אין דער ווירקלעכקייט, אַז דאָס אַלץ איז אַמאָל געשטאַנען צוזאַמען און אויסגעפילט די חדרים פון די מאַרקיזן און פון די פינאַנס-באַראָנען פון אַלטן רעזשים. אָבער מיר דערמאָנען זיך אויך וועגן די

ריזנסומעס, וועלכע די טיורקארעטס, ווי מיר האָבן געזען, האָבן אויסגעגעבן אויף ווײַן־צוועקן.

* * *

ווער אָבער האָט אָנגעשפּאָרנט די מענער איינצושאַפן זיך אַזויפיל הערלעכע זאַכן? מיר דאַרפן נישט לאַנג פרעגן: די וווינונג, אין וועלכער ס'לעבט די פּאָרנעמע געזעלשאַפט פון אַלטן רעזשים, איז דאָס נעסט, וועלכעס עס האָט מיט פיל מי און פיל אויסגערעכנטקייט געבויט פאַר זיך די זי, כדי צוצובינדן צו זיך דעם ער: די געשיכטע פון די וווינונגס־איינריכטונגען ווייזט דאָס אונז מיט דער גרעסטער דייטלעכקייט.

אויב מ'רעדט שוין יאָ אַזויפיל וועגן דער ערָאָטיק פון דער מינעזינגער־צייט, ווו האָט זיך דען געזאָלט אָפּשפּילן דאָס ליבעס־לעבן? אין די וועלדער, ווייזט אויס. ווייל די בורגן זענען דאָך געוויס נישט געווען קיין אָרט צו פייערן ליבעס־באַגעגענישן. יעדנפאַלס האָט מען דאַן אונטער דעם וואָרט ליבעסלעבן געמוזט פאַרשטיין עפּעס גאַנץ אַנדערעס, ווי מיר פאַרשטייען דאָס היינט. אמת, גאָטיק און עראָטיק גראַמען זיך, אָבער זיי פּאַסן פּאָרט נישט צו אַנאַנדער. ניין: אויך אויפן דאָזיקן געביט האָט ערשט דער רענעסאַנס ווידער געשאַפן די אויסערלעכע באַדינגונגען פאַר דער פון גרונט אויפסניי געפּאָרמירטער לעבנספירונג.

אַלץ, וואָס מיר פאַרשטייען היינט אונטער אַן עלעגאַנטער און געמיטלעכער וווינונגס־איינריכטונג, ווערט צוערשט געשאַפן אין 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט אין איטאַליע: דורך דעם רענעסאַנס, וועלכער האָט זיך לויט זיין גאַנצן וועזן נאָך בעסער געקענט צופּאַסן צו די פּאָדערונגען פון טעגלעכן לעבן, ווי דאָס האָט באַוויזן דער „איינזייטיקער, אומפרייער" דעקאָראַטיווער סטיל פון דער גאָטיק: עס באַווייזן זיך ווייכע, עלאַסטישע בעטן; טייערע דיל־טעפּיכער גייען אַריין אין געברויך; „וועגן טואַלעט־מכשירים, וועלכע ווערן נאָך אין ערגעץ נישט

דערמאָנט, דערוויסן מיר זיך באַזונדערס ביי די נאָוועליסטן. די פּילקייט און צירלעכקייט פון דעם וויסצייג ווערט באַזונדערס אָפּט אונטערגעשטראָכן״... א. אַ. וו. פּרויען-אַרבעט! נאָכמער: קורטיזאַנען-אַרבעט! דאָס ערשטע וווּנהויז אין מאָדערנעם זין, אין וועלכן די פאַרשטענדניש פאַר קונסט און די געמיטלעכקייט זענען אין אַ גלייכער מאָס געווען היימיש, איז אפשר געווען די פּאַרנעזינאַ: דאָס לאַנד-הויז פון רייכן אַגאָסטינאָ טשידזשי געבויט פאַר דער מעטרעסע פון דאָזיקן פינאַנס-מאַן, די שיינע ווענעציאַנערין מאָראָזינאַ. סאַראַ חילוק עס איז נאָך אָבער צווישן דעם לוקסוס אין דאָזיקן היים פון אַ קורטיזאַנע קעגן דעם פּאַלאַץ פון פּאָל II, מיט וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון דער נייער אַרכיטעקטור אין רוים: „דער נייער דור האָט געהאַט אַ באַדערפעניש אין גראַציע און פריילעכער זינלעכקייט״ (גרעגאָראָוויוס), ווייל ער האָט זיך געפונען אין די הענט פון די פרויען. דאָרטן, אין רוים פון 16-טן יאָרהונדערט, ווערט געבוירן די מאָדערנע וווינונגס-איינריכטונג. וועגן פּאַלאַץ פון אַ צווייטער קורטיזאַנע, וועגן דער אונז שוין באַקאַנטער אימפּעריא, דערוויסן מיר זיך: „טעפּיכער, בילדער, וואַזעס און קליינינקייטן, געקליבענע ביכער, שיינע רענעסאַנס-מעבל פאַרשפּרייטן אין איר צימער אַזאַ גלאַנץ, אַז דער איידעלער שפּאַנישער באָטשאַפטער האָט דאָרט איינמאָל אַ שפּיי געטאָן אַ באַדינטן אין פּנים, ווייל ער האָט נישט געקענט געפינען קיין אַנדער אָרט פאַר דערדאָזיקער באַדערפעניש״.

די איינריכטונגען פון די גרויסע קורטיזאַנעס זענען אין יענער צייט געוואָרן פאָרבילדלעך פאַר די וווינונגס-איינריכטונגען בכלל און זיי זענען עס שוין געבליבן, ווי מיר וועלן נאָך זען, אין די ווייטערדיקע יאָרהונדערטן. אַזוי, למשל, האָט אין ווענעציע די וווינונג פון אַנדזשעלאַ צאַפּעטאַ געגאָלטן אַלס „זעענסווירדיקייט״: „אַנדזשעלאַ האָט געוווינט אין דעם באמת קעניגלעך-איינגעריכטעטן פּאַלאַצאָ לאָרעדאַן. פלאַנדרישע טעפּיכער, בראָקאַט, באַגולטעס לעדער האָבן באַדעקט די ווענט, אין איניקע זאַלן האָבן אַפילו די באַרימטסטע מאַלער געמאָלט

פּרעסקעס. אויף די דילן זענען געלעגן טערקישע טעפּיכער, אויף די טישן גאָלד-געשטיקטע סאַמעט-דעקעס, געשניצטע און מיט העלפאַנד-ביין אַרײַנגעלייגטע מעבל האָבן אויסגעפּילט די צאָלרייכע זאַלן, אייף די קרעדענץ-טישן זענען געשטאַנען זילבערנע כלים, מאַיאָליקן פון פאַענצאַ, קאַפּאַגדזשאָלאָ, אורבינאָ און די קאָסט-באַרסטע ווענעציאַנישע גלעזער. די באַזיצערין, וועלכע איז באַקאַנט געווען מיט איר גוטן געשמאַק, האָט פול געהאַט אין גאַנצן הויז בילדער, קאָסטבאַרע כלי-זין, שיין-געבונדענע ביכער, מאַנדאָלינעס און קאָסטבאַרע קליינקונסט-ווערק".

ס'קען זיין, אַז אין באַראָק האָט זיך דער סטיל געפּרוווט באַפרייען פון דעם אַלץ-באַהערשנדיקן איינפלוס פון דער פרוי. אָבער אַפילו אויף דעמדאָזיקן הערשערישן סטיל צווינגט זי אַרויף איר יאָך: ז י ש ע נ ק ט א י ם ד ע ם ש פּ י ג ל, וועגן וועלכן אַ באַגייסטערטער באַרד האָט ביי זיין ערשטער פאַר-ווענדונג אַלס צימערבאַצירונג געמאַכט פאָלגנדיקע ריכטיקע באַמערקונג אין פערזן:

„אין זייערע פאַרצויבערטע צימערן האָט דער שטאָף שוין קיין פּלאַץ נישט פאַר זיך; אין אַלע ווענט פון אַלע פיר זייטן זענען איינקרוסטירט שפּיגלען; יעדע זייט איז בלויז אַ שפּיגל. כדי צו זען אומעטום זייער חן, ווילן זיי אומעטום האָבן די פּערספּעקטיוו פון אַ שפּיגל".

אָדער זיי טראַכטן צו אַנדערע רייצמיטלען, כדי צו מאַכן געמיטלעך די וווינונגען און צו צושמידן צו זיי די מענער: זיי פּאַרפיומירן די צימערן און באַצירן זיי מיט בלומען. ס'איז פאַלש ווען מען שטעלט זיך פאָר דעם פּאַלע פון דער מאַדאַם דע ראַמבויע אַלס פּראָסטיק און שטייף. אַ באַזוכערין, די פּריינט-לעכע פריילן פון סקיודערי, וואַרפט אָן פאַר אונז פאָלגנדיקע שילדערונג פון אים:

„אַלץ איז ביי איר פּרעכטיק און אַפילו אייגנאַרטיק; די לאָמפּן זענען דאָרט אַנדערש, ווי אין אַנדערע ערטער. די צי-מערן זענען פול מיט טויזנט זעלטענע זאַכן... די לופט אין איר

פּאַלאַץ איז תּמיד פּאַרפּיומירט; פאַרשידענע פּראַכטיקע קערב, פול מיט בלומען, מאַכן אין איר צימער אַ כּסדרדיקן פרילינג".

און תּמיד איז די בעט דער טייערסטער געגנשטאַנד פון דער איינריכטונג: מאַדאַם דע מאָנטעספּאַן שענקט מאַדאַם דע מען אַ בעט פאַרן 40.000 ל. „און דריי אַנדערע, נאָך פּראַכטיקערע".

דער בעסטער באַווייז, צו וועלכער שטופע פון פולקאָמענקייט אַ צייט האָט אַנטוויקלט דעם וווינלוקסוס איז תּמיד די שטוב-איינריכטונג פון דער צו יענער צייט הערשנדיקער קעניג-מעטרעסע: אַלס העכסטער פּונקט פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג אין דער באַראָק-צייט איז אומצווייפלהאַפט ווערסאַל, כאָטש דאָ האָבן באַטירלעך געהאַט אַ האַנט אַ סך אַנדערע מאָטיוון אַ חוץ דער פרויענליבע, כּדי צו שאַפן דאָס שענסטע, וואָס איז ווען נישט איז אַרויס פון אונטער מענטשלעכע הענט. אָבער אַ הונדערט-פּראָצענטיקער רעזולטאַט פון פאַרליבטע קאַפּריזן זענען די פּריוואַט-פּאַלאַצלעך פון דער קעניגס-געליבטער, אין וועלכע עס האָבן זיך צעבליט אין משך פון באַראָק די וווּנדערלעכסטע קנאָספּן פון וווינלוקסוס. איך האָב דאָ אין אויג דעם פּאַלאַץ פון דער הערצאָגין פון פּאָרטסמאָוט (איינע פון קאַרל II לעצטע מעטרעסעס), וועגן וועלכן אַן עד–ראיה דערציילט אונז: „דאָס, וואָס האָט אַרויסגערופן מיין פאַרווּנדערונג איז געווען די שיינקייט און דער רייכטום פון דערדאָזיקער וווינונג, וועלכע איז מערערע מאָל צעשטערט און איבערגעבויט געוואָרן, כּדי צו באַפרידיקן די קאַפּריזן און די פאַרשווענדונגסלוסט פון דערדאָזיקער פרוי, בעת איר מאַיעסטעט די קעניגין גיט אויס אויף איר ווירטשאַפט נישט מער, ווי אַנדערע אַדעליקע דאַמען... דאָ האָב איך געזען די נייסטע אויסאַרבעטונגען פון דער פראַנצויזישער טעפּיך-וועבעריי, וואָס זייערע צייכנונגען, זייער פיינע אַרבעט און אומפאַרגלייכלעכע רעפּראָדוקציע-קראַפט שטייגט אַלץ איבער, וואָס איך האָב געזען... דערנאָך איז געקומען אַ קאַבינעט מיט יאַפּאַנישע לאַק-זאַכן, שירעמס, זייגערס, זילבערנע וואַזעס, טישלעך, עטאַזשערקעס, קאַמינבאַפּוצונגען, אַלץ

פון מאַסיוון זילבער אין אומגעצײלטע מאָסן און ענדלעך אײניקע אויסגעצײכנטע בילדער פון זײַן מאַיעסטעט.״

אַז דער ראָקאָקאָ, דערדאָזיקער גאַנץ עראָטישער סטיל, שעפּט זיך גאַנץ באַזונדערס אויס אין אויסבילדן דעם װױן-לוקסוס, איז אַ באַקאַנטע זאַך. דאָס לעצטע װאָרט, װאָס יענע צײַט האָט אונז צו זאָגן, הײסט ליוציען: דאָס נעסט, װעלכעס לודוויק XV האָט צוגעגרײט פאַר דער דיובאַררי, און װעגן װעלכן די ברידער גאָנקור רופן אויס:

„ליוציען! ס׳קען זיך דוכטן, אַז דאָס איז דער פּאַלאַץ פון אײנע פון יענע סװוערענע לעכערלעכקײטן, װעלכע עס װײַזן אונז די ביכער פון 18-טן יאָרהונדערט, װוּ אונטערגע-װאָרפן די קאַפּריזן פון אַ געליבטער אָדאַליסקע, הערשט דער אויסטערלישער פאַרגעניגן פון אַ סולטאַן אַ מאַריאַנעטקע״.

יעדער מאַן מיט אַ געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע, װעמען זײַנע מיטלען האָבן דאָס דערלויבט, האָט געשאַפן פאַר זײַן געליבטער אַזאַ מין ליוציען אין מיניאַטור: אַ טיפּישער פּאַלאַצל פון דאָזיקן מין איז „באַגאַטעל״ אין בולאָניער װעלדל, װעלכן די מאַרשאַלין פון עסטרע האָט אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט באַ-קומען אַלס געשענק פון איר מאַרשאַל און שפּאַנישן אַדלמאַן, און װעלכער איז דאַן אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון מאַדאַם דע מאָנקאַנסעי, און דאָ איז פאַרגעקומען איר ליבע מיטן פּוי-לישן קעניג סטאַניסלאַוו. די צאָלרײַכע הײמען פון די געװײנ-לעכע מעטרעסעס זענען געװען, װי באַקאַנט, די „קלײנע הײַזער״, אין װעלכע די קונסט האָט דערפירט די אײַנריכטונג צום העכסטן גראַד פון פאַרפײַנערונג און ראַפינירטקײט.

דער אומדערהערטער װוּקס פון װױן-לוקסוס אין 18-טן יאָרהונדערט איז דורך די צײַט-מענטשן אויפגענומען געװאָרן אַלס עפּעס אויסערגעװײנלעכס: „מען האָט צוגעגעבן דער צימער-אײַנריכטונג אַן איבערגעטריבענע און צום ערט נישט פּראָ-פּאָרציאָנעלע פּראַכט״, זאָגט מ ע ר ס י ע, װעלכער שליסט זײַן שילדערונג פון דער בנינים-פּראַכט אין זײַן צײַט מיט פּאָלגנ-

דיקע ווערטער: „די גרויסקייט פון דער נאציע געפינט זיך איינגאנצן אין דער אינערלעכקייט פון די הייזער".

אן אנדער בן-דור זאָגט זיך ארויס אויף פאָלגנדיקן אופן (און זיין מיינונג שטייט אין הסכם מיט מערסיעס): „די מעבל זענען געוואָרן דער גרעסטער לוקסוס-אָביעקט און די גרעסטע הוצאה. יעדע זעקס יאָר אָרדנט מען זיך איין פונסנייַ, כּדי צו געניסן פון אַלץ, וואָס די עלעגאנץ פון היינטיקן טאָג האָט צוגעטראכט שיינס".

אין ענגלאנד איז דער וווין-לוקסוס נאָך געווען שטארקער אנטוויקלט ווי אין פראנקרייך (כאָטש עס האָט אים אפשר גע- פעלט דער ריין פעמינינער שטעמפּל פון די פאריזער „קליינע הייזער"). א גוטער באאָבאכטער ווארפט אונז אָן פאָלגנדיק בילד פון די הייזער פון די רייכע ענגלענדער:

די פּראכט, מיט וועלכער די פאָרנעמע ענגלענדער צירן אויס זייערע צימערן, שטייגט אריבער אַלץ, וואָס מען זוכט אין דאָזיקן הינזיכט אין גאנץ אייראָפּע. די שטיגן זענען פּארדעקט מיט בונטע טאפּעטן, די שטיגן-פּאָרענטש... פון מאהאגאָני האָלץ, איז אויסגעשניצט מיט די פיינסטע פאָרמען, אויף וועלכע עס גלאנצן גרויסע קריסטאָלענע, מיט מעטאַלענע בלעטער באדעקטע לאָמפּן; אויף די שטיגן-אָפּזאצן — ביוסטן, בילדער און מע- דאליאָנען; לאקירטע און באגילדטע צימערן באצירט מיט קאָסט- בארע געמעלעכצן און קליינע סטאטועס-קאמינען, צוזאמענגע- שטעלט פון די זעלטנסטע מארמאָר-ארטן, מיט פּרעכטיקע קאר- ניזן פון הערלעכע פיגורן, וואזעס א.ד.גל.; די קוילן-קראטעס... פון העל-פּאָלירטן שטאָל, מיט פארצירונגען פון בראָנז... שלעסער אויף די טירן פון שטאָל מיט גאָלד, זייער קינסטלעריש אויס- געפירט; פוסטאפּעטן, וועלכע קאָסטן אָפּט אין איין זאל אייניקע הונדערט פונט שטערלינג... פענסטער-גארדינען פון טייערע, מזרח-אינדישע שטאָפן; אלערליי פּרעכטיקע זייגערס, אויף וועלכע עס איז פארשווענדט די גאנצע קונסט פון דער מעכאניק, א.א.וו".

י. וו. פאָן ארכענהאָלץ, ענגלאנד
און איטאליע 1 (1787), 170.

און וועגן די לאנדהייזער פון די רייכע לייט דערציילט אונז דער זעלבער פארטרויאונגסמאן ענלעכעס. די ריכטיקייט דערפון ווערט באשטעטיקט דורך צאלרייכע אנדערע באשרייבונגען.

* * *

לייענט מען זיך שטארק אריין אין דער ליטעראטור פון 18-טן יארהונדערט, וועלכע באהאנדלט דעם לוקסוסדיקן לעבנס-שטייגער פון די רייכע לייט; ווען מען זעט בילדער פון פאלאצן און וווינונגס-איינריכטונגען פון יענער צייט, ווען מען באטראכט די מאנומענטאלע פריוואט-בנינים אין די גאסן פון אלטן ווין, פון אלטן לאנדאן, פון אלטן פאריז, וועלכע שטאמען פון דער צייט פון פאר 1800, הויבט מען ערשט דאן אן צו שפירן די גרויסקייט און די מעכטיקייט פון דעמאלטיקן וווין-לוקסוס. אבער עס ווילט זיך זייער באקומען א באשטימטע ציפערמעסיקע פארשטעלונג וועגן זיין פארשפרייטונג, און דאס קומט אן זייער שווער.

כ'האב פאר זיך א זאמלונג בילדער פון בארימטע לאנד-וווינונגען פון דער ענגלישער נאביליטי און דזשענטרי, וועלכע איז אויסגעפירט געווארן אין יאר 1779 און צוזאמענגענומען געווארן אין צוויי דיקע בענדער. די זאמלונג נעמט ארום בילדער פון 84 שלעסער און זייער באשרייבונג. איך מוז זאגן, אז דאס בילד פון דידאזיקע 84 אדל-וווינערטער מאכט א גאנץ שטארקן איינדרוק, און, אז די ציפערן לאזן שוין ארויסטראגן א געוויסן אורטייל וועגן דער מאסע לוקסוס, וואס איז דארט צונויפגעזאמלט. בפרט, אז מען שטעלט זיך אפ אויף די באשרייבונגען פון די איינצלנע שלעסער. איך שטעל זיך אפ אלס ביישפיל אויפן שלאס פון אירל פון אקספארד (הויטאן אין נאר-פאלק): דער בנין איז אנגעהויבן געווארן אין יאר 1722 פון סער ראבערט וואלפאל און איז פארענדיקט געווארן אין יאר 1735. צוזאמען מיט די נעבן-געביידעס האט ער געהאט די לענג פון 500 פוס; דער מיטלבנין איז לאנג 165 פוס. די

הויפּט-חדרים זענען פאָלגנדיקע: דער סאַלאָן — 40 פוס לאַנג, 40 פוס הויך, 30 פוס ברייט; די טאַפּעטן פון וועלוועט געבלומט מיט רויזן; דער סופיט איז געמאָלט פון ק ע נ ט; דער קאַמין, ווי אויך די טישן, זענען פון שוואַרצן און געלן מאַרמאָר; דער גרויסער זאַל איז אַ צימער פון 40 קובישע פוס מיט אַ שטיינ-גאַלעריע אויף דריי זייטן; דער סופיט און דער פריז פון א ל-ט א ר י; דער אויפנאַם-צימער איז 30 פוס אויף 32, באַצירט מיט שניצערייען פון ג י ב ב א נ ס א. א. וו., א. א. וו.; ענדלעך ווערט נאָך אויפגעציילט אַ גאַלעריע: 71 פוס לאַנג, 21 פוס ברייט, 21 פוס הויך: די טאַפּעטן פון נאָרוויטשער דאַמאַסט.

וועגן דעם פאַרנעם פון דער בוי-טעטיקייט אין פאַריז גיט אונז אַביסל ידיעות מערסיע: אין די לעצטע יאָרצענדליקער, מיינט ער, זענען אויסגעבויט געוואָרן 600 פּאַלאַצן, „וואָס זייער אינערלעכקייט זעט אויס צו זיין די אַרבעט פון פעעס, ווייל די פאַנטאַזיע קען שוין נישט איבערשטייגן אַזאַ מין ראַפינירטן לוקסוס". די דריי שטאַנדן, וועלכע האָבן אין זיין צייט געשמידט זייער גליק אין פאַריז, זענען די באַנקירן, די נאָטאַריוסן און די בוי-אונטערנעמער. גאַנצע נייע קוואַרטאַלן זענען אויפגעקומען מיט בלויז פּרעכטיקע פּאַלאַצן.

אויך דידאָזיקע ידיעות גיבן אונז אַ שטיץ-פּונקט, ווען מיר נעמען אויך דאָ אין אַכט דעם לוקסוס, מיט וועלכן עס זענען געבויט געוואָרן, ווי מיר האָבן געזען, די איינצלנע הייזער און עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן די וווינונגען.

## 3. דער לוקסוס אין דער שטאָט

די גרויסשטאָט האָט געשטאַרקט די נייגונג צו לוקסוס: צוליב סיבות, אויף וועלכע כ'האָב שוין אָנגעוויזן; די ווירק-זאַמקייט פון דידאָזיקע סיבות באַשטעטיקן אונז בפירוש די בעסטע באַאָבאַכטער פון יענער צייט, ווי מ אָ נ ט ע ס ק י ע אין פראַנקרייך, מ א נ ד ע ו י ל אין ענגלאַנד, און זי ווירקט אַזוי אַרום אויף דער פאַרמערונג פון די לוקסוס-באַדערפעניש. ווי אַזוי די גרויסשטאָט מיט אירע לוקסוס-פאָדערונגען האָט דאַן

אָנגעהויבן צו באַאיינפלוסן די פּראָווינץ-לייט אין זייערע לעבנס-געוווינהייטן, זיי צוצוגעוווינען צו לוקסוס-הוצאות, „אַרויפצו-שרויפן" זייער לעבנס-ניוואָ, ווייזט אונז בולט אַ לאַנדאַדלמאַן פיער דע קאַדעט, דורך פאָלגנדיקער דערציילונג, וועלכע ער האָט פאַרשריבן אין זיין הוצאה-הכנסה-בוך.

„מיין זיידן האָט זיך פאַרוואָלט פאָרן קיין פּאַריז און אין משך פון אַ יאָר האָט ער אויסגעגעבן 14.000 ל., און זיין פּאָטער פלעגט דעריבער זאָגן, אַז די פּאָר ברילן, וועלכע ער האָט אים געבראַכט אַלס מתנה, קאָסטן אים 14.000 ל. עס איז שוין געווען אַ קאָטש אין הויז און פיר ווייסע פערד; מיין זיידע איז צוריקגעקומען פון פּאַריז מיט אַ גרויסער ליבע צו פערד... ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון פּאַריז אַ דינער יועגן וועלכן זיין פּאָטער פלעגט זאָגן אין שפּאַס, אַז ער וואַנט נישט אים בעטן אַ טרונק, ווייל ער גייט אָנגעטאָן בעסער פאַר אים".

אָבער אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון לוקסוס באַקומט די גרויסשטאָט קודם כל דורכדעם, וואָס זי שאַפט גאַנץ נייע מעגלעכקייטן פון פריידיקער און פּרעכטיקער לעבנס-פירונג און דורכדעם — נייע לוקסוס-פאָרמען. די פייערונ-גען, וועלכע די הויף-לייט פלעגן ביז דאַן פייערן אַליין אין פירשטלעכן שלאָס, האָט זי איבערגעטראָגן אויף ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע שאַפן פאַר זיך אייגענע פּלעצער, ווו זיי קענען רעגלמעסיק זיך פאַרנעמען מיט זייערע פאַרוויי-לונגען. ווען דער פירשט פון מאָנאַקאָ איז סוף 18-טן יאָרהונ-דערט נאָכן טויט פון דעם ביי אים פאַרשטאָרבענעם הערצאָג פון יאָרק געקומען קיין ענגלאַנד אויף דער איינלאַדונג פון קעניג און דערזען אָוונט-צייט די מאַסן פייערן אויף די גאַסן און אין די געשעפט-פענסטערס, וואָס זענען אָפן געווען ביז צען אַ זייגער, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז די גאַנצע באַלויכטונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אים: אין דאָזיקן אַנעקדאָט שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַ וווּנדערשיינעם אופן די ראַדיקאַלע ענדערונג, וועלכע האָט זיך צו יענער צייט ערשט געהאַט אָנגעהויבן: דעם

אָרט פון דער שטרענג פּריוואַטער לוקסוס-אַנטוויקלונג פאַרנעמט אַ מין קאָלעקטיווע לוקסוס-געשטאַלטונג. עס הויבט זיך אָן די פאַרגעמיינשאַפטלעכונג פון דער לעבנספירונג, וועלכע איז באמת אייגנטימלעך ערשט פאַרן פאָלגנדיקן פעריאָד: דאָ באַקענען מיר זיך דערמיט אויבנאויפיק און מיר שטעלן פעסט, אַז דידאָזיקע באַדייטונגספולע ווירקונג פון דער גרויסשטאָט — און דעריבער ווערט זי דערמאָנט אויפן דאָזיקן אָרט — קומט דערוייל צום אויסדרוק בלויז אין די גרעניצן פון די לוקסוס-באַדערפעניש, און אַז בלויז די אויבערשטע שפּיצן פון דער געזעלשאַפט ווערן באַרירט פון דערדאָזיקער נייער דערשיינונג. אין דערדאָזיקער אַנטשטייאונג פון אַ גרויסשטאָטישן לוקסוס נעמט ווידער אַמאָל אַן אויסערגעוויינלעך גרויסן אַנטייל — די ז י.

דאָ קומט דער עיקר אין באַטראַכט פאָלגנדיקס:

1. ד י ט ע אַ ט ע ר ס, קודם כל די עלעגאַנטע אָפּערע-הייזער, וועלכע זענען צוערשט געבויט געוואָרן מיט גרויס פּראַכט אין איטאַליע און דאַן געפונען פאַר זיך אַ פּלאַץ אויך אין די איבעריקע גרויסשטעט פון אייראָפּע: אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון טעאַטער-בוי מאַכט דאָס אין יאָר 1737 אויסגעבויטע טעאַטער ס. קאַרלאָ אין נעאַפּאָל. אין פּאַריז עקזיסטירן זייט 1673: די אָפּערע, אונטערן נאָמען „קעניגלעכע אַקאַדעמיע פון מוזיק", וועלכע גיט אירע פאָרשטעלונגען זייט מאָליערס טויט אין פּאַלע ראָיאַל; די „קאָמעדי פראַנסעז", וועלכע עפנט אויף איר נייַ הויז אין דער גאַס ס. זשערמען דע פּרע דעם 18-טן אַפּריל 1689; און די „קאָמעדי איטאַליען", וועלכע שפּילט אין האָטעל דע בורגאָן (מיט אַ הפסקה פון 1697 ביז 1716).

אין דער ערשטער צייט זענען דאָס נאָר הויף-טעאַטערס, צו וועלכע עס האָבן אַ צוטריט, אַחוץ דעם הויף אַליין, בלויז אַן אייגעלאַדענער עולם: ביסלעכווייז ווערן זיי געעפנט פאַר יעדן איינעם, וועלכער באַצאָלט זיין איינטריט-געלט. אָבער אויך דאַן זענען נאָך די בעסערע טעאַטערס אַ לאַנגע צייט דער ראַנדעווו פּלאַץ פון די העכערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וועלכע

באַקומען דאָ אַ נייע געלעגנהייט צו פלירטעווען און צו אַנט־
וויקלען זייערע פוצן.

פון פּאַריז אורטיילט קאַפּאַן: די קעניגלעכע אַקאַדעמיע
פון מוזיק און טאַנץ, אָדער די אָפּערע, איז נישט עפּעס אַנדערש
ווי אַן „עפנטלעך הויז פאַר אַדללייט".

2. די עפנטלעכע מוזיק־זאַלן און באַל־הייזער
(וואָלטן מיר היינט געזאָגט), וועלכע זענען צוערשט (ווייזט
אויס) איינגעאָרדנט געוואָרן מיטן גרעסטן לוקסוס אין לאָנדאָן,
און זענען צוליב זייער עלעגאַנץ באַוווּנדערט געוואָרן פון אַלע
לאָנדאָנער און באַזונדערס פון די פרעמדע.

פון פאַנטעאָן, דעם גרעסטן און וויכטיקסטן פון דידאָזיקע
בנינים גיט אונז דעפּאָ אַ פאָלגנדיקע באַשרייבונג:

„עס דאַרף אויך נישט פאַרגעסן ווערן דער פאַנטעאָן, וואָס
לויט זיין געשמאַק, פּראַכט און נייקייט פון דער מאָלעריי און
באַפּוצונג שטייט ער העכער פאַר יעדער זאַך פון דעם מין אין
אייראָפּע. זיין הויפּט־זאַל איז באמת פּרעכטיק. אויך די אַרומיקע
זאַלן זענען פיין באַצירט מיט אַלץ, וואָס די פאַנטאַזיע פון מאָ־
דערנעם לוקסוס קען זיך נאָר פאָרשטעלן!". אין דאָזיקן פּאַנ־
טעאָן פלעגט רעגלמעסיק יעדע פערצן טעג געגעבן ווערן אַ
קאָנצערט, „נאָך וועלכן ס'פלעגט פאָרקומען אַ באַל, צו וועלכן
עס ווערט צוגעלאָזן יעדער איינער", גיט דעפּאָ צו, ווייל דידאָ־
זיקע איינריכטונג איז געוויס געווען ניי אין זיין צייט, „וועל־
כער שאַפט זיך איין די נויטיקע איינטריטס־קאַרטן". לעבן די
טעאַטערס און קאָנצערט־זאַלן געפינען זיך

3. די פיינע רעסטאָראַנען, די שענקען: אין
18־טן יאָרהונדערט אויך אַ מין ספּעציאַליטעט פון לאָנדאָן, וועלכן
די פּאַריזער צום ביישפּיל האָבן מקנא געווען צוליב דידאָזיקע
איינריכטונגען.

פון די לאָנדאָנער שענקען וואַרפט אונז אָן אַרכענ־
האָלץ פאָלגנדיקע רייצפולע שילדערונג: „אין דידאָזיקע שענ־
קען עסט מען אָוונטברויט לויטן פאַרלאַנג נאָך אין צימערן,
וווּ עס געפינט זיך אַ גרויסע אָדער אַ קליינע געזעלשאַפט, מיט

אָדער אָן פרויען. אָבער דידאָזיקע מוז מען אַליין מיטברענגען, אויך זענען דאָ נישט אין דער מאָדע קיין נאַכט-אכסניות, ווייל דידאָזיקע געהערן בלויז צו די באַגניאָס מנהגים". די באַגניאָס, ווידער אַמאָל אַ לאָנדאָנער „זעענסווירדיקייט", זענען אייגנטלעך געווען בעדער; „אָבער איר אמתע באַשטימונג באַשטייט אין דעם, צו פאַרשאַפן פאַרגעניגנס פערזאָנען פוןביידע מינים. די-דאָזיקע הייזער זענען פּרעכטיק, אָפט אַפילו פירשטלעך אויסגעמעבלירט. אַלץ, וואָס קען נאָר רייצן די חושים, איז אָדער דאָ, אָדער עס ווערט פאַרשאַפט" (דורך דער פאַרמיטלונג פון אָבערקעלנער). „די ענגלענדער בלייבן ערנסט אויך אין זייערע פאַרוויילונגען, דעריבער ווערן אויך די געשעפטן פון אַזאַ מין הויז געפירט מיט אַזאַ ערנסטקייט און אַנשטענדיקייט, וועלכע ס'איז זיך ממש שווער פאָרצושטעלן".

אין די פאָרנעמע רעסטאָראַנען און אין די מיט זיי פאַרבונדענע ספּעציעלע סאַלאָנען, איז דער לוקסוס געווען אַזוי גרויס, „אַז ער באַרעכטיקט אין אַ געוויסער מאָס דעם גלייכוואָרט פון באַרימטן באָמארשע, וועלכער איז, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער באַקאַנטשאַפט מיט די פאַריזער פּרעס-וואקכאנאליעס, אַזוי דערשטוינט געוואָרן איבער דער לאָנדאָנער עס-תאווה, אַז ער האָט פאַרזיכערט, דאָס אין די באַגניאָס און לאָנדאָנער שענקען ווערט אין איין ווינטער-אָוונט מער אויפגעפרעסן, וויפל עס איז נויטיק אויף אויסצוהאַלטן די זיבן פאַרייניקטע פּראָווינצן אין משך פון זעקס חדשים". (אַרכענהאָלץ).

אַגב, פעלן אויך נישט אין דעם פאַריז פון 18-טן יאָרהונדערט קיין פיינע רעסטאָראַנען: די עלעגאַנטסטע זענען געווען פון פאַלע ראָיאַל, באָוויליע, הורע אָדער דער „ענגלישער שענק". די לאַגע אין „פאַלע ראָיאַל", דעם טרעפפונקט פון דער „לעבעוועלט", לאָזט מאַכן אַן אויספיר וועגן זיין כאַראַקטער.

4: אויך די האָטעלן זענען ביז סוף 18-טן יאָרהונדערט לוקסוס-האָטעלן; זייער צאָל איז דעריבער באַשרענקט.

אין לאָנדאָן איז געווען באַרימט דער סאַוואָי-האָטעל, וועלכער איז געשטאַנען אויפן זעלבן פלאַץ, ווו עס געפינט זיך

הייסט דער באַקאַנטער האָטעל מיטן זעלבן נאָמען. וואָס אַזוינס עס איז געווען אַזאַ מין האָטעל אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט, ווייזט אונז נאָך היינט דער „האָטעל דע רעזערוואָר" אין ווערסאַל. דאָס עלטסטע לוקסוס-האָטעל אין אייראָפּע איז געווען דער זייט סיקסטוס IV עקזיסטירנדיקער „גאַסטהויף צום בער" (Locanda dell'orso) אין רוים.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן אָרט, ווו די וואַקסנדיקע גרויסשטאָט האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אַנטוויקלען אַ עפנטלעכן, פאַר אַלע צוטריטלעכן לוקסוס, דאָס איז געווען דאָס אָרט, ווו די עלעגאַנטע וועלט, לייען: די דאַמענוועלט און באַזונדערס ווידער — די האַלב-וועלט פלעגט איינקויפן זייערע לוקסוס-סחורות; מיר מוזן דעריבער דערמאָנען

5. ד י ק ר אָ מ ע ן, אויף וועלכע מ'לייגט אַלץ מער און מער אַכט זייט דער מיט פון 18-טן יאָרהונדערט, וועלכע מ'הויבט אָן אויסצופּוצן זייט יענער צייט: אַ פאַקט, אויף וועלכן אַזעלכע אָרנטלעכע מענטשן ווי ד אַ נ י על ד ע פ אָ האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין זיין „פאָלקאָמענעם האַנדלסמאַן" ווידמעט ער אַ ספּעציעלן קאַפּיטל דעמדאָזיקן סקאַנדאַליעזן פאַקט פון „עלעגאַנטע קראָמען", וועלכן אַ שפּעטערדיקע פאַרגונפּטיקע וועלט וועט גאָרנישט האַלטן פאַר מעגלעך. דעריבער וויל ער געבן אַלס באַווייז בין ווי ווייט עס דערגרייכט די נאַרישקייט פון זיינע צייט-חברים, אַ באַשרייבונג פון פּאַשטעטן-בעקעריי (מיר וואָלטן געזאָגט: קאָנדיטאָריי) און איר איינריכטונג, וועלכע האָט געקאָסט 300 פ"ש: אַננאָ דאָמיני 1710: „לאָמיר דאָס יאָר גוט איינקריצן אין זכרון".

„די איינריכטונג פון אַ צוקערגעבעקס-בעקעריי" איז אין לאָנדאָן דעמאָלט באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע טיילן:

1. איין רוק-פענסטער, אינגאַנצן פון שפּיגלגלאָז, 12 אויף 16 צאָל די גרויס;

2. אַלע דורכגענג אויסגעפלאַסטערט מיט גלאַזירטע קאַכלעס;

אין הינטערצימער אַ פּאַנעל פון גלאַזירטע קאַכלעס מיט לאַנד-שאַפטס- און פיגורן-מאַלעריי;

3. צוויי גרויסע טרומאָ-שפּיגלען און אַ קאמין-שפּיגל אין קראָם, אַ זייער גרויסער טרומאָ-שפּיגל — זיבן פוס הויך — אין הינטער-צימער;

4. צוויי גרויסע קאנדעליאַברעס, איינער אין קראָם, איינער אין הינטער-צימער;

5. דריי גרויסע גלאָזלאַמטערנס אין קראָם און 8 קלענערע;

6. 25 וואַנטלייכטערס, מיט אַ פּאָר גרויסע זילבערנע לייכטער אין הינטערצימער: פּרייז 25 פ״ש;

7. זעקס פיינע גרויסע, זילבערנע פּרעזענטירטעלער פאַר צוקערגעבעקס;

8. צוועלף גרויסע טיש-טאַצן, פון זיי דריי פון זילבער, כדי ביי פייערלעכקייטן אַרויפצולייגן אויף זיי קליינע טאָרטן;

9. מאַלעריי פון סופיט, באַגילדונג פון די לאַמטערנעס, פון די פענסטערראַמען און די שניצערייען: 55 פ״ש.

דאָס אַלץ צוזאַמען מיט אייניקע דעקאָראַציע-כלים, אַ חוץ די קליינע טעלער און די כינעזישע שאָלן און טעפּלעך, קאָסט, ווי איך האָב זיך דערוווּסט פון אַ זיכערער קוועלע, די אויבנדערמאָנטע 300 פ״ש.

ווער עס האָט געבילדעט אַ באַזונדערס וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון דער קונדשאַפט אין דידאָזיקע קראמען, קענען מיר זיך לייכט פאָרשטעלן – נעמענדיק אין באַטראַכט דעם צוזאַמענשטעל פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט: דאָס זענען געווען דיזעלבע לייט, וועלכע האָבן, ווי מיר הערן, אויך באַזוכט די טעאַטערס: „ווען אין לאָנדאָן וואָלט מעגלעך געווען אַ צניעות-קאָמיסיע, ווי זי איז פריער געווען אין ווין, וואָלט זי דידאָזיקע שטאָט אויסגערייניקט פון מענטשן... אומצייליקע דערנעי-רונגס-צווייגן, וועלכע אַ העלפט איינוווינער האָבן צו פאַרדאַנקען זייער פרנסה, אַפילו זייער עקזיסטענץ, וואָלטן אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן און לאָנדאָן וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויסטע. אויב מען וויל מער באַווייזן, טאָ זאָל מען פרעגן אין

די טויזנטער קרעמלעך אין דער סיטי, ווער עס זענען די מיינסטע קויפער און די בעסטע קונדן. דער פאַרדינסט פון אַ נאַכט ביי דעמדאָזיקן צאָלרייכן מענטשנקלאַס ווערט גלייך אויף צומאָרגנס געבראַכט צו די קרעמערס, ווייל דידאָזיקע אומגליקלעכע זענען פאַר זיך אַליין גאַרנישט אויסברענגעריש, אדרבה, זיי דאַרן און סקווארן, כדי אַלץ צו פאַרוועכדן אויף פוצערייען. אָן זיי וואָלטן די טעאַטערס פוסט געוועזן".

ערגעץ-ווו האָבן דאָך געמוזט בלייבן די 50 מיליאָן פראַנק, וועלכע זענען יערלעך געפלאָסן, לויט מערסיעס מיינונג, אין שויס פון די ווענוס-פריסטערינס.

* * *

מיט איין וואָרט, מיר דאַכט זיך, אַז גאָדאַר ד'אָקור, דער באַקאַנטער גענעראַל-פאַכטער, האָט געטראָפן אין פינטל ווען ער ענדיקט די ווידמונג צו זיינע „מעמואר טירק" (צו מאַדאַם דיוטע, די גרויסע אַרטיסטן-קורטיזאנע) מיט פאָלגנדיקע ווערטער, וועלכע געפינען זיך אויך מיט רעכט צום סוף פון דאָזיקן טראַקטאַט:

„יאָ, מיינע קליינע פריילנס: איר זענט דער אמתער לוקסוס, וועלכער איז אַ לעבנס-באַדינגונג פאַר יעדער גרויסער מלוכה; איר זענט די רייצנדיקע לאָקונג, וועלכע ציט צו צו איר די פרעמדע און זייערע געווינעס; 20 באַשיידענע בירגערינס האָבן פאַר די מלוכה-פינאַנסן ווייניקער ווערט ווי איין-איינציקע פון אייך".

# דאָס פינפטע קאַפּיטל:

## די געבורט פון קאַפּיטאַליזם פון דעם לוקסוס

### I. די ריכטיקע און פאַלשע פּראָבלעמשטעלונג

די פּראָבלעם, וועלכע איך וויל דאָ פאַנאַנדער: וועלכע באַדייטונג עס האָט דער לוקסוס פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, די פראַגע, צי דער לוקסוס איז אימשטאַנד צו נוצן דעם קאַפּיטאַליזם און מיט וואָס, האָט זייער שטאַרק באַשעפטיקט די עקאָנאָמיסטן פון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט, סיי די פּראַקטיקער, סיי די טעאָרעטיקער. דאָס איז אין אַ געוויסן זין געווען די קערנפראַגע, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט אַלע אַנדערע ווירטשאַפט-פּאָליטישע פראַגן, ווי הייגט, למשל, די פראַגע: אַגראַר- אָדער אינדוסטרי-מלוכה? אמת, מ'האָט נאָך דאַן נישט גערעדט וועגן קאַפּיטאַליזם, נאָר מ'האָט דאָס אָנגערופן: אינדוסטרי אָדער מאַנופאַקטורן אָדער רייכטום אָדער ווי נאָך דאָרטן. אָבער וועגן דער זאַך גופא האָט געהערשט אַן אייגנשטימיקייט: מ'האָט איינגעזען, אַז דער לוקסוס אַנטוויקלט די-יעניקע ווירטשאַפטס-פאָרמען, וועלכע האָבן דאַן אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן, ד. ה. די קאַפּיטאַליסטישע, און דעריבער זענען אַלע פריינט פון עקאָנאָמישן „פּראָגרעס" אויך געווען הייסע אָנהענגער

פון לוקסוס. העכסטנס האָבן זיי מורא געהאַט, אַז אַ גרויסער לוקסוס-קאָנסום וועט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג, אָבער זיי האָבן זיך געטרייסט, ווי אַ ד אַ ם ס מ י ט, מיט דער איבערצייגונג, אַז ס'וועלן זיך שוין געפינען גענוג שפּאָרזאַמע לייט, וואָס וועלן זיכערן די נויטיקע רעפּראָדוקציע און אַקומוליאַציע פון קאַפּיטאַל.

די רעגירונגען האָבן געפירט זייער פּאָליטיק אין אַ לוקסוס-פריינטלעכן גייסט.

אין משך פון 17-טן יאָרהונדערט פאַרשווינדן אין די לענ-דער מיט אַ שנעל פּראָגרעסירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג די פאַרשוועדונג-פאַרבאָטן; די לעצטע „קליידער-אָרדנונג", וועלכע אַנטהאַלט אָבער אויך פאַרבאָטן פון באַשטימטע לוקסוס-הוצאות, פון באַשטימטע נאַשערייען א. אַ. וו., ווערט אין ענגלאַנד אַנולירט אין יאָר 1621; אין פראַנקרייך דאַטירט דער לעצטער עדיקט וועגן עס-לוקסוס פון יאָר 1629; 1644 און 1672 איז נאָך פאַרבאָטן געוועזן די צו גרויסע פאַרוועדונג פון איידעלע מעטאַלן צו לוקסוס-צוועקן (דער עיקר צוליב פינאַנס-פּאָליטישע טעמים); 1656 באַגעגענען מיר נאָך אַ פאַרבאָט פון די(קאסטאר-) היט איבער 50 ל., און 1708 ווערט אין פראַנקרייך פאַרעפנט-לעכט די לעצטע קליידער-אָרדנונג. זינט דאַן זענען אויך די רעגירנדיקע קרייזן איבערצייגט אין דער „נויטווענדיקייט" פון די לוקסוס-הוצאות (אין די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטרי) און די פירנדיקע גייסטער אין דער ליטעראַטור האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון לוקסוס (ביז עס האָט זיך דאַן שפּעטער אָנגעהויבן די קעגן-באַוועגונג פון די זשאַן-זשאַ-קיסטן). קודם כל האָבן דידאָזיקע אַלע געשעצט אין לוקסוס זיין מארק-בילדנדיקע קראַפט.

„ס'איז נויטיק", מיינט מאַנטעסקיע, „עס זאָל עקזיסטירן אַ לוקסוס (אַ נאַטאַבענע אין די מאָנאַרכיען!). אויב די רייכע וועלן נישט פאַרשווענדן קיין סך, וועלן די אָרעמע שטאַרבן פאַר הונגער".

אייניקע זייער פיינע באַמערקונגען וועגן דער באַדייטונג

פון לוקסוס פאַר דער (פרי·) קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג געפינען מיר אין דער צווייטער שריפט פון גייסטרייכן א ב ב ע ק ו אַ י ע וועגן דעם מיט „האַנדל באַשעפטיקטן אַדל": „דער לוקסוס פאַרמאָגט אין זיך די אייגנשאַפט פון פייער, וואָס וואַרעמט און וואָס קען אָפּברענען. אויב ער פרעסט אויף די לוקסוסדיקע הייזער, האַלט ער אונטער אונזער אינדוסטרי, אויב ער פאַרשלינגט די הכנסות פון אַ פאַרשווענדער, שפּייזט ער אונזערע אַרבעטער. אויב ער פאַרמינערט די כוחות פון אַ קליינעם הייפל, פאַרמערט ער אָבער די געזעלשאַפטלעכע מיטלען. פאַרניכטעט אונזערע ליאָנער שטאָפן, אונזערע פּוץ-זאַכן, אונזערע שטריקערייען, אונזערע שפּיצן, אונזערע שפּיגלען, אונזער בּיזשוטעריע, אונזערע קאָטשן, די עלעגאַנץ פון אונזער מעבל, די פיינקייט פון אונזערע טישן, און כ'זע ווי מיליאָנען העגט ווערן פּלוצלונג פאַראַליזירט; און כ'הער אַזויפיל שטימען, וואָס בעטן ברויט"...

פון דער רייכער פראַנצויזישער „לוקסוס-ליטעראַטור" טיילט זיך בולט אויס פון צווישן די לוקסוס-פריינטלעכע ביכער די „טעאָריע וועגן לוקסוס, אָדער אַן אָפּהאַנדלונג אין וועלכער עס ווערט אונטערגענומען אַ פּרווו צו דערווייזן, אַז דער לוקסוס איז נישט נאָר אַ נוצלעכער הילפס-מקור, נאָר אויך אַן אומבאַדינגט נויטווענדיקער פאַרן וווילשטאַנד פון די מלוכות". 2 בענדער, 1771. אַלס מאָטאָ האָט זי וואָלטערס אויסדרוק אין „מאָנדען": „דער איבערפלוס איז זייער אַ נויטיקע זאַך". דער מחבר איז דער קלוגער ייד פּינטאָ.

דידאָזיקע זעלבע אויפפאַסונג, אַז דער „לוקסוס" איז טאַקע אַ „בייז", אַ שלעכטע מידה, אָבער ער ברענגט נוצן דעם כלל דורך אונטערשטיצן די אינדוסטרי, איז געווען פאַרשפּרייט אויך אין ענגלאַנד: „פאַרשווענדונג איז אַ שלעכטע מידה, וואָס איז שעדלעך פאַרן מענטשן, אָבער נישט פאַרן האַנדל". אַפילו ד. יום, נישט געקוקט אויף זיין שטאַרק „עטישער" באַאַרבונג, קומט צום אויספיר: „גוטער" לוקסוס איז גוט, „שלעכטער" לוקסוס איז טאַקע אַ שלעכטע מידה, אָבער ער איז נאָך פאָרט בעסער פאַר פוילקייט, וועלכע וועט, וואַרשיינלעך, פאַרנעמען זיין אָרט, ווען

ער וועט באזייטיקט ווערן. צו א אמתער סאָציאַל-פילאָזאָפישער סיסטעם איז דידאַזיקע אויפפאסונג אויסגעבילדעט געוואָרן דורך בערנארד מאנדעוויל אין זיין בין-משל. די פערזון, אין וועלכע ער באזינגט דעם „לוקסוס", זאָגן פאָלגנדיקס:

„דער וואָרצל פון שלעכטס, די קארגשאפט, דידאָזיקע פארשאָלטענע, פארהאסטע שלעכטע מידה, איז געווען א קנעכט צו דער נאָבעלער זינד, וואָס הייסט פארשווענדונג; אין דער צייט, וואָס דער לוקסוס האָט באשעפטיקט א מיליאָן אָרימע, און דער עקלהאפטער שטאָלץ נאָך א מיליאָן; אפילו קנאה אליין און די גאווה האָבן באגינסטיקט די אינדוסטרי; זייער טייערע משוגעת, די קאפריזן אין עסן, מעבל און קליידונג, די-דאָזיקע משונהדיק-לעכערלעכע שלעכטע מידה, איז געוואָרן דער אמתער ראָד, וואָס באוועגט דעם האנדל."

באזונדערס באַלערנדיק זענען די קאַפּיטלען, וועלכע דעפאָ האָט געווידמעט דער באהאנדלונג פון דערדאָזיקער פּראָבלעם אין זיין „פולקאָמענעם ענגלישן האנדלסמאן." אונזער בראַווער סעקטאנט פירט דאָ אויס פאַר אונז זייער א קאָמישן אייערטאנץ; אייגנטלעך האסט ער דעם לוקסוס און באוואונדערט יענע קוואקערס, וואָס האנדלען אפילו מיט די הבל-הבלים-זאכן, אָבער זיי גופא בלייבן ווייט דערפון; אָבער אַלס לויבזינגער פון האנדל קען ער זיך פאָרט נישט אנטשליסן צו פארמשפטן דעם לוקסוס-דיקן לעבנסשטייגער, ווייל ער זעט איין — און דאָס איז פאַר אונז דאָס וויכטיקסטע, — אז ער איז דער מקור פון וואקסנדיקן רייכטום: „די אויסערגעוויינלעכע גאווה פון דער היינטיקער תקופה נערט דעם האנדל און במילא אויך דעם אָרימאן." דעפאָ גיט אונז א סך אויפקלערונגען וועגן דער אמתער שייכות צווישן לוקסוס און קאפיטאליזם, וועגן וועלכער כ'וועל נאָך דערציילן דעם לייענער אויף אן אנדער אָרט.

אויך צווישן די דייטשע שריפטשטעלער איז די לוקסוס-פראגע א סך ארומגערעדט געוואָרן — און זיי האָבן דערקענט זיין באדייטונג פאַר דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג; אזוי, למשל, מיינט שרעדער: „איך וואָלט בעסער געוואָלט, אז די

פראַכט אין לאַנד זאָל זיין נאָך גרעסער... ווייל די פראַכט פון די רייכע דערנערט פיל האַנטווערקער און אָרימע..."

מען האָט געקענט האָפן, אַז ווען מ'איז אין אונזער צייט צוגעטראָטן אויסצופאָרשן די אַנטשטייאונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, האָט מען זיך באַנוצט מיט דידאָזיקע באַאָבאַכטונגען פון קלוגע און געלערנטע מענער.

אָבער מ'האָט דאָס נישט געטאָן. אמת, מ'האָט וועגן לוקסוס אַ סך גערעדט און וועגן דער באַדייטונג פון מאַרק פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטרי האט מען אַ סך טעאָרעטיזירט; אָבער וועגן די באַציאונגען צווישן לוקסוס און מאַרק האָט מען גאָרנישט געהאַט, וואָס צו זאָגן. און ס'איז קלאָר פאַרוואָס: סיי אין דער לוקסוס־פראַגע סיי אין דער מאַרק־פראַגע איז מען אַרויף אויף אַ בלינדער ליניע.

קעגן לוקסוס־פראָבלעם איז מען אַרויסגעטראָטן מיטן גאַנצן עטישן פאַטאָס פון בראַוון און באַשיידענעם בירגער און מען האָט אים אומגעניגנדיק באַהאַנדלט מיט דער הילף פון מאָראַליזירנדיקע באַטראַכטונגען. אַפילו ר אָ ש ע ס שטודיען, וואָס זענען אפשר דאָס בעסטע, וואָס איז אין אונזער צייט געשריבן געוואָרן איבערן לוקסוס, ענדיקן זיך, אין גרונט גענומען, מיט עטישע סענטימענטן: וואָס עס איז גוטער און שלעכטער לוקסוס. און ווערק, ווי באָדרילאַרס „געשיכטע פון לוקסוס" זענען נישט מער, ווי מאַטעריאַל־זאַמלונגען.

אין דער לערע וועגן מאַרק און זיין באַדייטונג פאַר דער אַנטשטייאונג פון קאַפּיטאַל האָט זיך זייט מ אַ ר ק ס ן איינגעבירגערט די אומגליקלעכע אידייע: דער קאַפּיטאַליזם איז דער עיקר באַגינסטיקט געוואָרן דורך דער געאָגראַפישער אויסשפרייטונג פון די אָפּזאַץ־באַציאונגען, באַזונדערס דורך דער אַנטדעקונג פון די קאָלאָניעס אין 16־טן יאָרהונדערט. אָדער, ווי דערדאָזיקער געדאַנק איז מאָדעלירט געוואָרן אין דער מער טעלעאָלאָגיש אָריענטירטער אויפפאַסונג פון דער היסטאָרישער שולע פון דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, אָן וועלכער ס'האָבן זיך דערנאָך אָנגעשלאָסן כמעט אַלע ווירטשאַפט־„היסטאָריקער": די רוימלעכע

אויסשפּרייטונג פון אָפּזאַץ, דער „ווייטער אָפּזאַץ“, דער „עקספּאָרט“ האָבן „נויטיק“ געמאַכט די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. דידאָזיקע מיינונג האָט אין לעצטן דור געפונען אַ שטאַרקע שטיצע אין דער טעאָריע פון קאַרל ביוכער, פון דאָזיקן אויסגעצייכנטן פאָרשער און באמת פּראָדוקטיוון דענקער: האַנטווערק=קונדנפּראָדוקציע; קאַפּיטאַליזם=פּראָדוקציע פאַר אַן אומבאַקאַנטן אָפּנעמער-קרייז; האַנטווערק=לאָקאַלער אָפּזאַץ; קאַפּיטאַליזם=אינטערלאָקאַלער אָפּזאַץ.

דידאָזיקע ריכטונג, וועלכע האָט באַהערשט די געדאַנקען פון אַלע ווירטשאַפטס-היסטאָריקער, האַלט איך פאַר שעדלעך אין דער העכסטער מאָס, ווייל אין איר, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, איז די פאָרשונג אַרויף אויף אַ בלינדער ליניע. מ'האָט באַכגעשפּירט אויף אַ גאַנץ פאַלשן אָרט די מאָטיוון פאַר דעם איבערגאַנג צו דעם קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפטס-סדר. די קונדנפּראָדוקציע און דער ווייטער אָפּזאַץ-מאַרק באַצייכנען נישט אין דער קלענסטער מאָס אַפילו דעם קעגנזאַץ צווישן האַנטווערק און קאַפּיטאַליזם, ווען מיר שפּירן נאָך זייערע אָפּזאַץ-באַדינגונגען. עס איז דאָ קאַפּיטאַליזם ביי דער פּרעציזסטער קונדנפּראָדוקציע (מאסשניידעריי) און יאָרהונדערטן לאַנג האָבן עקזיסטירט צאָלרייכע מלאכות אין דעם מינדסטן קאַפּיטאַליסטישן ניואַנס, וואָס זייער אָפּזאַץ-געביט איז געווען דער גאַנצער באַווינטער ערדקוגל.

די פאָלגנדיקע באַטראַכטונגען זענען אויסן צו געבן זייער צושטייער, כדי אַרויפצופירן דעם וואַגאָן אויף דער ריכטיקער ליניע. זיי נעמען אויף דעם פאָדים אויף יענעם אָרט, ווו די דענקער פון 18-טן יאָרהונדערט האָבן אים אָפּגעלאָזן; זיי ווילן גרעסטנטיילס פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן דעם לוקסוס פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג ביז צום סוף פון דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, דערביי ווערן זיי געפירט דורכן פאָלגנדיקן גרונט-געדאַנק.

דער לוקסוס האָט אויף זייער פאַרשידענע אופנים מיטגעהאָלפן ביי דער אַנטשטייאונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם; ער האָט צום

בײשפּיל געשפּילט אַ עיקרדיקע ראָל בײם פאַרוואַנדלען דעם פעאדאלן רײכטום אין אַ בירגערלעכן (פאַרשולדיקונג!). דאָ אָבער וועט בלויז גענומען ווערן אין אַכט זײַן מאַרק־בילדנ־דיקע קראַפט, וועלכע מ׳קען זיך אין אַלגעמײן פאָרשטעלן אומגעפער אַזוי:

כּדי די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג זאָל זײַן לעבנס־פעיק, דאַרף זי האָבן, ווי מיר ווײסן, אַ מינימום־אָפּזאַץ פון טויש־ווערטן. די הויך פון דאָזיקן אָפּזאַץ איז אָפּהענגיק פון צוויי פאַרשידענע אומשטאַנדן: פון דער אָפּטקײט פון דעם אַר־טיקלען־אומזאַץ און פון דער הויך פון טוישוווערט פון די פאַר־קויפטע אַרטיקלען.

די הויך פון טוישוווערט פון די פאַרקויפטע אַרטיקלען ווערט פון איר זײט אויך באַשטימט דורך צוויי פאַקטאָרן: דורך דער הויך פון טוישוווערט פון אײנצלנעם געברויכס־אַרטיקל און דורך דער צאָל פון די געברויכס־אַרטיקלען.

אַזוי אַרום קען דער מינימום־אָפּזאַץ דערגרײכט ווערן אָדער דורך דעם אָפּזאַץ פון הויכווערטיקע אָדער דורך דעם אָפּזאַץ פון אַ סך אַרטיקלען: אײנצלאָפּזאַץ — מאַסנאָפּזאַץ.

די הויכווערטיקײט פון א געברויכס־אַרטיקל קען אנטשטײן אויף צוויי פאַרשידענע אופנים: דורך פאַרבינדונג אָדער דורך פאַרפײנערונג. ווי מיר האָבן געזען, קען די פאַרפײנערונג אָנ־נעמען פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען. די פאַרבינדונג קומט פאָר בײ די יעניקע אַרטיקלען, וועלכע מ׳קען אָנרופן: צוזאַמענגעזעצטע אָדער קאָמפּלעקסע; ווי, למשל, לאָקאָמאָטיוון, שיפן, שפּיטאָלן. דאָ האנדלט זיך וועגן א גרויסער מאַסע געוויינלעכע געברויכס־אַרטיקלען, וועלכע ווערן אָבער פאַרבונדן צו אַן אײנהײט און דורך זײער סומירונג גיבן זײ צו דערדאָזיקער אײנהײט אַ גרויסן ווערט. דער אָפּזאַץ פון אַזעלכע געברויכס־אַרטיקלען איז (גענוי גענומען) מאַסנאָפּזאַץ אין דער פאָרם פון אײנצלאָפּזאַץ.

גראָב־באַדאַרף און פײַן־באַדאַרף גײען זײט בײ זײט אין דער געשיכטע פון די אײראָפּעישע פעלקער, זינט מיר קענען זײ; בײדע האָבן צוערשט א באַשײדענעם פאָרנעם, אַזוי אַז

ביידע האָבן אַ לאַנגע צייט געקאָנט באַפרידיקט ווערן אין די ראַמען פון דער האַנטווערק-פויערישער אָדער דער פּאַנשטשי-נע - ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. און בדרך כלל פלעגט די דעקונג פון גראָבבאַדאַרף פּאַרקומען אין די גרעניצן פון דאָרף אָדער פון פּריצישן הויף אָדער פון שטאָט (און איר קרייז), ד. ה. ער האָט באַזירט אויף לאָקאַלע ווירטשאַפטלעכע יסודות, בעת דער פיינבאַדאַרף איז געדעקט געוואָרן דורך האַנטווערקער, וועלכע האָבן פון תמיד אָן געאַרבעט פאַר אַן אינטערלאָקאַלן אָדער אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק (אויף וויפל דער פיין-באַדאַרף איז נישט באַפרידיקט געוואָרן דורך דער פּראָדוקציע אין די פּריצישע הויפן אין זעלבסט-ווירטשאַפטלעכער פאָרם, אָדער עס האָט נישט געזאָרגט פאַר אים דער ווייט-האַנדל אויף אַראָפּ-צובריינגען די הויכווערטיקע געברויכס-אַרטיקלען).

אין משך פון מיטלאַלטער און פון די ווייטערדיקע יאָר-הונדערטער איז די אַנטוויקלונג אַוועק אין אַזאַ ריכטונג, אַז דער גראָבבאַדאַרף בלייבט כמעט אומפאַרענדערט, ד. ה. ער קומט דערוייל גאָרנישט אין באַטראַכט פאַרן קאַפּיטאַליזם: דער באַדאַרף אין געברויכס-געגנשטאַנדן פאַר דער גרויסער באַפעלקערונגס-מאַסע, ווי אויך דער באַדאַרף אין אַרבעטסמיטלען (כלים, ווערקצייג, מאַשינען) ווערט ביז צום סוף פון דער פּרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע (אַ חוץ צוויי יוצאי-מן-הכּללס, וועגן וועלכע עס וועט גלייך זיין די רייד) באַפרידיקט אין דער זעלבסט-ווירטשאַפט אָדער דורך דער האַנטווערקעריי. די סיבה פון דערדאָזיקער דערשיינונג איז קלאָר: אַזוי ווי די באַפעלקערונג האָט זיך נישט פאַרמערט, און אויך נישט שטאַרק געדיכטער געוואָרן אין באַשטימטע צענטרען, אַזוי ווי די טראַנספּאָרט-פעיקייט פון די סחורות האָבן זיך נישט פאַרשטאַרקט, איז נישט אַנטשטאַנען קיין מאַסנבאַדאַרף אויף אינדיווידועלע געברויכס-אַרטיקלען; אַזוי ווי די טעכניק פון דער געגנשטאַנד-פּראָדוקציע און פון דעם געגנשטאַנד-טראַנספּאָרט האָט זיך נישט ראַדיקאַל געענדערט, איז נישט אויפגעקומען קיין באַדערפעניש אין צוזאַמענגעזעצטע געגנשטאַנדן, ד. ה. אַז ס'איז אויך קיין מאַרק נישט געווען

פאַר קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, אָדער פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישן סחורות-אָפּזאַץ.

די אויסנאַמען, וועגן וועלכע כ'האָב גערעדט, אין וועלכע עס איז שוין פאַרן אָנהויב פון דער הויך-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, ד. ה. פאַרן סוף 18-טן יאָרהונדערט, אַנטשטאַנען אַ מאַסנאָפּזאַץ פון אַ סך מינדערווערטיקע אָדער אַן אָפּזאַץ פון צוזאַמענגעזעצטע געברויכסאַרטיקלען, זענען: 1. די קאָלאָניעס, וועלכע האָבן אַזוי אַרום געוויס אויך געבראַכט אַ צושטייער פאַר דער אַנטוויקלונג פון מאַרק פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, און קודם כל 2. די מאָדערנע אַרמייען. די אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פון די אַרמיי-באַדערפענישן פאַר דער אויסבילדונג פון קאַפּיטאַליזם ווייז איך אויף אין צווייטן באַנד פון די דאָזיקע „שטודיען". דאָ גייט מיר בלויז אין דעם, קודם כל צו באַלויכטן די צווייטע זייט פון פּראָבלעם; עס גייט מיר אין דעם, אויפצוווייזן וועלכן אויסערגעוויינלעך גרויסן אָנטייל עס האָט געהאַט די אַנטוויקלונג פון לוקסוס, ד. ה. די אַנטשטייאונג פון אַ לוקסוס-באַדאַרף, פאַר דער אַנטשטייאונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם.

ווען איך זאָג: איך וויל דערווייזן די באַדייטונג, וועלכע דער וואַקסנדיקער לוקסוס-קאָנסום האָט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, הייסט עס נאַטירלעך ביי דער הייַנטיקער ווייסנשאַפטלעכער מאָדע: דעם היסטאָריש-עמפּירישן באַווייז פאַר די באַציאונגען צווישן די ביידע דערשיינונגס-קאָמפּלעקסן. דאָס איז אָבער נישט אַזוי איינפאַך און ביים ערשטן פּרווו קען דאָס אַפילו אויך זייער אומפּולקאָמען געלינגען. די הויפּט-אַרבעט צו דערווייזן די איינצלנע פּרטים וועט אויספאַלן אויפן גורל פון דער נאָענטסטער גענעראַציע פון די ווירטשאַפטס-היסטאָריקער, ביי מיין אַרבעטס-מעטאָד קען דאָס גאָר אַנדערש נישט זיין.

באַזונדערס וועט אונזער אויפגאַבע באַשוועט דורך דעם נאַכלעסיקן אופן, אויף וועלכן מ'האָט ביז איצט געוויינלעך איבערגעגעבן ווירטשאַפטלעכע פאַקטן: עס ווערט גערעדט וועגן „ווירטשאַפטלעכער אויפלעבונג", „אויסשפּרייטונג פון דער

פּראָדוקציע", „פאַרברייטערונג פון אָפּזאַצגעביט" און דאָסגלייכן קון מען הויבט נישט אָן צו וויסן: צי איז האַנטווערק אָדער קאַפּיטאַליזם די ווירטשאַפטס-פאָרם, ד. ה. מ׳ווייסט בכלל גאָרנישט. מער ווי דאָס, וואָס כ׳האָב אין די פאָלגנדיקע זייטלעך געבראַכט וועגן די באַציאונגען צווישן לוקסוס און קאַפּיטאַליזם, וועט דעריבער ביי היינטיקן טאָג אוממעגלעך זיין צו זאָגן וועגן דערדאָזיקער פּראָבלעם, זיך ריכטנדיק לויטן געדרוקטן מאַטעריאַל.

## II. דער לוקסוס און דער האַנדל

### 1. דער גרויסהאַנדל

עס איז נישט אומוואַרשיינלעך, אַז דער סחורות-האַנדל האָט אָנגענומען קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען פריער פאַר דער סחורות-פּראָדוקציע. איך האָב אַפילו שווערוועגנדיקע ספקות קעגן דער מיינונג, אַז אין דער צייט פון מיטלאַלטער זענען די גרויסע הייזער פון די איטאַליענישע אָדער דרום-פראַנצויזישע אָדער שפּאַנישע אָדער דרום-דייטשע שטעט געקומען צו זייער עשירות דעריקר דורך דעם סחורות-האַנדל. איך בין גיכער אין דער מיינונג, אַז ביים אַרויסהויבן יענע ווייניקע גרויס-געשעפטן פון דער מאַסע קליינע הענדלער האָבן געשפּילט אַ גרעסערע ראָל אַנדערע מאָמענטן, אָבער כ׳וויל פונדעסטוועגן נישט אויסשליסן די מעגלעכקייט, אַז אויך ריינע סחורות-פאַרקויף-הייזער האָבן זיך אַנטוויקלט צו קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אָבער אויב אַזוי? — און דאָס אינטערעסירט אונז דאָ טאַקע — איז גאַנץ זיכער, אַז געבראַכט צו זייער גרויסקייט האָט זיי דער האַנדל מיט לוקסוס-אַרטיקלען.

יעדער אַרט האַנדל פון מער אָדער ווייניקער גרעסערן פאַרנעם, ביי וועלכן עס קען קומען אין באַטראַכט אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט געהאַט אַלס זיין מיטלפּונקט אין משך פון מיטלאַלטער איטאַליע, און ער באַשטייט אַזוי-אַרום אָדער אין אַרויספירן איטאַליענישע סחורות (אָדער אין אַריינפירן די רוי-שטאָפן און האַלב-פאַבריקאַטן, וועלכע זענען נויטיק פאַר זייער פּראָדוקציע) אָדער אין אַראָפּברענגען און פאַרטיילן סחורות, וועלכע דער אָריענט האָט געליפערט.

איטאַליענס אימפּאָרט פון די צפון-לענדער איז דער עיקר באַשטאַנען פון וואָל (פאַר דער פלאָרענטינער לוקסוס-אינדוסטרי, וועגן וועלכער מיר וועלן זיך נאָך דערוויסן גענויערע פּרטים), פון פעלצוואַרג און פיינע ליינענצייג. דער גרעסטער טייל פון איטאַליענישן עקספּאָרט איז וואַרשיינלעך באַצאָלט געוואָרן מיט מזומן (מיט די הכנסות פון די דייטשע זילבערמינעס).

דאַקעגן האָט איטאַליע אַרויסגעפירט אויפן צפון: זיידנס און זיידענע סחורות; די פיינסטע טוכן; פיינסטע גלאָזוואַרג; באַוול און באַוול-סחורות, וועלכע האָבן (ווי מיר וועלן דאָס נאָך שפּעטער זען) ביז אין דער נייער צייט געגאָלטן דורכאויס אַלס לוקסוס-אַרטיקלען; ווייַן; כּלי-זין.

אויך אַלע סחורות, וועלכע מען האָט געפירט איבער איטאַליע אָדער קיין איטאַליע פון אָריענט, האָבן געדינט דער לוקסוס-באַדערפניש פון די רייכע, ווען מען נעמט אַרויס פון דאָזיקן כּלל די סחורות, וועלכע די קירכע האָט אָפּגענומען, ווי: קטרת, למשל, כאָטש אויך דאָ, נאַטירלעך, האָבן מיר צו טאָן מיט אַ לוקסוס-הוצאה, וועלכע איז מעגלעך געוואָרן דורך דער פאַרמעגן-קאָנצענטראַציע. אויך דעם געברויך פון אויסלענדישע מעדיקאַמענטן אין די יאָרהונדערטן פון מיטלאַלטער און אַפילו פון דער נייערער צייט ביז צו אונזער מענטשנפריינטלעכער מאַסנפאַרזאָרגערישער עפּאָכע רעכן איך צו צום לוקסוס-געברויך, ווייל דאָס פאָלק און דער בירגער האָבן זיך נאָך קורירט מיט די קרייטעכצער, וועלכע ס'האָבן זיי צוגעשטעלט דער וואַלד און דאָס פעלד פון זייער היימלאַנד.

פאָלגנדיקע סחורות־רשימה שטעלט ווילהעלם הייד צענויף פאַרן אָריענט־האַנדל (איך טייל איין די געגנשטאַנדן לויטן געברויך־צוועק):

1. מעדיקאמענטן, וועלכע האָבן אויך געדינט אַלס געווירצן צו די שפייזן: אַלאָע, אַלאָע־האָלץ (וואָס פלעגט אויך גענוצט ווערן אַלס פּאַרפום אָדער אַלס מאַטעריאַל ביי פיינערע שראַנק־אַרבעטן), באַלזאַם, קאַסטוס, גאַלאַנגאַ, גאַלעפּל, איינגבער, קאַמפער, קאַרדאַמאָם, לאַודאַנום, מאַננאַ, מומיאַ, מיראָבאַלאַנען, ראַבאַרבער, זאַפראַן (אויך פאַרבשטאָף), סקאַמאָניום, טראַגאַנט (אויך פאַרבשטאָף), טוטיאַ, צעדוואַר.

2. געווירצן א. אַ. וו.: קודם כּל פעפער: אָבער פעפער גילט ביז אין דער נייער צייט אַריין, יעדנפאַלס דאָס גאַנצע מיטלאַלטער, אַלס לוקסוס־געגנשטאַנד, וועלכער ווערט בלויז באַנוצט אין די רייכע קיכן און וועלכן די קיסרים שענקען זיך איינער דעם צווייטן; געווירץ־נעגעלעך: זיי זענען געוועזן פון צוויי ביז דריימאָל טייערער פאַר פעפער; מוסקאַטניס; צימרינג; צוקער, וועלכעס האָט אויך ביז אין 19־טן יאָרהונדערט געגאָלטן אַלס דעליקאַטעס.

3. פּאַרפומען, רויכערשטאָפן: בענזאָע, מאַסטיקוס, מאָשוס, סאַנדאַל־האָלץ, ווייַרויך, אַמבראַ, פון וועלכער מ'האָט אויך אויסגעשניצט אַלערליי געגנשטאַנדן.

4. פאַרבשטאָפן: אַלאַון, בראַזיליאַנישעס האָלץ, פאַרברויט, אינדיגאָ, קערמעס, לאַקקאַ, אַלץ שטאָפן פאַר איידל־באַפאַרבונג; מאַסטיקס (פאַר גלאַזירונגען).

5. רוישטאָפן פאַר געוועבן: זיידע און דער פיינסטער עגיפּטישער פלאַקס.

6. צירונג־געגנשטאַנדן: איידל־שטיינער, קאָ־ראַלן, פּערל, עלפנביין, פאַרצעלאַי, גלאָז, גאָלד־ און זילבערפעדים.

7. באַקלייד־שטאָפן: זיידנגעוועב, בראָקאַט, סאַמעט און די פיינסטע שטאָפן פון ליינען, וואָל אָדער באַוול, ווי באָקקאַסינאָ, בוקעראַם, קאַמלאָט, וועלכע האָבן אַלע אויסגעזען,

ווי זיידנשטאָפן און זענען געווען אויך אַזוי טייער, ווי די־דאָזיקע.

דידאָזיקע שטאָפן זענען טיילווייז געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע פונם אָריענט, און טיילווייז אויך פון איטאַליע אויפן אָריענט ווי אויך אין די אייראָפּעישע מלוכות.

ווי טייער עס האָבן געמוזט זיין די סחורות, מיט וועלכע מ׳האָט געהאַנדלט אין מיטלאַלטער, קענען מיר אומגעפער זען פון די צאָל־רעזולטאַטן, צום ביישפּיל ביי דעם צאָלאַמט אין קאָמאָ. לויט שולטעס אויסרעכנונגען האָט זיך דער ווערט פון די סחורות, וועלכע מ׳האָט אין 15־טן יאָרהונדערט אַריבער־געפירט איבערן גאָטטהאַרד, געוואַקלט צווישן 320.000 און 518.000 פ״ש, פון וועלכע 53 סאָל. זענען גלייך געווען צו איין מאַילענדער גאָלדגולדן. דער געוויכט פון דידאָזיקע סחורות זאָל האָבן געווען אומגעווער 25.000 צענטנער, אַזוי, אַז דער ווערט פון אַ צענטנער האָט אויסגעמאַכט אומגעפער 50 פל., פון אַ פונט ½ פל. (אַרום פיר מאַרק אויף היינטיקער וואַליוטע).

אויך נאָך די גרויסע אַנטדעקונגען פון 15־טן יאָרהונדערט האָט זיך זייער ווייניק געענדערט אין דעם אינהאַלט פון האַנדלס־פאַרקער, ווייל ביז אין 19־טן יאָרהונדערט אַריין זענען צווישן מזרח און מערב און צווישן אַמעריקע און אייראָפּע דער עיקר אויסגעטוישט געוואָרן הויכווערטיקע לוקסוס־אַרטיקלען. זיי זענען בלויז געוואַקסן אין כמות און צו די אַלטע אַרטיקלען זענען צוגעקומען עטלעכע נייע; קודם כל די פיר גרויסע גענוסמיטלען: טאַבאַק, קאַווע, טיי און קאַקאַאָ, וועלכע קומען אָבער אַרויף (אפשר מיט דער אויסנאַמע פון טאַבאַק) ביז צום סוף פון דער פרי־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע בלויז אויפן טיש פון די רייכע, און מיר מוזן זיי דעריבער אויך צורעכענען צו די לוקסוס־אַרטיקלען.

פאָלגנדיקע ציפער גיבן אַן אומגעפער ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער קאָנסום־פאַרשפּרייטונג פון די וויכטיקסטע גענוסמיטלען אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן.

די מזרח-אינדישע קאָמפּאַניע האָט אריינגעפירט טיי קיין ענגלאַנד :

| | | |
|---|---|---|
| 1668 | 100 | פונט |
| 1710 | 1.420 | צענט. |
| 1721 | 8.168 | „ |
| 1761 | 26.192 | „ |
| 1784 | 86.083 | „ |

ווען מיר נעמען אָן, אַז די העלפט דערפון איז פאַרבליבן און פאַרצערט געוואָרן אין ענגלאַנד, באַקומען מיר (די באַפעלקערונג איז לויט פינאַנצאָנס אויסרעכנונגען באַשטאַנען אין יאָר 1700 פון 5, 1750 קיילעכדיקע 6, 1800 פון 9,187 מיליאָנען) אַ פאַרברויך אויף יעדע קאָפּ פון דער באַפעלקערונג

| | | |
|---|---|---|
| 1700 | אויף רונד | 0.01 |
| 1730 | | 0,08 |
| 1760 | | 0,2 |
| 1784 | | 0,5 |

בעת אין 1900 איז אין פאַראייניקטן קעניגרייך פאַרצערט געוואָרן 270 מיליאָנען פונט טיי, ד. ה. רונד 6½ פונט אויף אַ קאָפּ, 30—35 פונט אויף אַ פאַמיליע. דאָס בילד ווערט נאָך דייטלעכער, ווען מיר מאַכן פאָלגנדיקע באַרעכענונג; אַ טיי-פאַרברויך, וועלכער איז היינט דורכשניטלעך פאַר יעדער ענגלישער פאַמיליע, האָבן זיך געקענט דערלויבן :

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1668 | | 3 | פאַמיליעס |
| 1710 | ארום | 2000 | „ |
| 1730 | „ | 12.000 | „ |
| 1760 | „ | 40.000 | „ |
| 1780 | „ | 140.000 | „ |

אייראָפּאַס קאַווע-פֿאַרברויך האָט (לויט אַל. פֿאָן הומבאָלדט!) אַרום יאָר 1800 אויסגעמאַכט בערך 1.400.000 צנט.; אייראָפּאַס באַפעלקערונג איז באַשטאַנען (לויט בעלאָך) אַרום דערזעלבער צייט פון אומגעפער 120.000.000, אַזוי אַרום איז שוין דאַן אויסגעקומען אומגעפער צו 1 פונט קאַווע אַ יאָר אויף יעדן לעבעדיקן אייראָפּעער; מ'קען זאָגן, אַז דערמיט האָט דאָסדאָזיקע גענוסמיטל אָנגעהויבן ווערן אַ מאַסן-געברויך-אַרטיקל. אין יאָר 1910 האָט יעדער רייכסדייטשער קאָנסומירט אַרום 6 פונט אַ יאָר.

צוקער איז דאַמאָלס (אויך לויט הומבאָלדט) פֿאַרברויכט געוואָרן אין אייראָפּע 4.500.000 צענטנער, 3–4 פונט אויף יעדע קאָפּ פון דער באַפעלקערונג; היינט מאַכט אויס אין דייטשלאַנד דער דורכשניטפאַרצער אויף יעדע קאָפּ פון דער באַפעלקערונג 38 פונט. אַז דער צוקער איז נאָך אין 18-טן יאָרהונדערט נישט געווען קיין אַלגעמיין-באַנוצטער זיסמיטל איז צו זען פון פּלאַץ וועלכן דער האָניק האָט נאָך דאַן פֿאַרנומען. אין דייטשלאַנד האָט מען אים נאָך אַרום 1750 גערן באַנוצט צום פֿאַרזיסן, ביים איינמאַכן פרוכט און אַלס צומיש ביים ביר-ברויען. מ'דאַרף אָננעמען, אַז אין די רייכע מערב-אייראָפּעישע לענדער האָט דער צוקער אויפגעהערט צו זיין אַן אויסגעשפּראָכענער קאָנסום-אַרטיקל פון די רייכע אין דער מיט פון 18-טן יאָרהונדערט, אָבער אין איבעריקן אייראָפּע אפשר ערשט אין 19-טן יאָרהונדערט.

אַ לוקסוסאַרטיקל איז אויך פֿאַרבליבן אַ געגנשטאַנד פון אינדישן אימפּאָרט, וועלכער האָט אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט אויסגעמאַכט אַ זייער וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון דאָזיקן האַנדל און היינט ווערט עס געטראָגן פון יעדער פּאָסט-סעקרעטאַרס פרוי: ד ע ר ס י ט ץ, אָדער ריכטיקער: די אינדישע באַוולשטאָפן, ווי אויך אַנדערע סאָרטן באַוולנע סחורות, וועלכע אַזיע האָט געשיקט קיין אייראָפּע. סוף 17-טן און אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט איז דער אינדישער באַוול אַריין אין דער מאָדע ביי די רייכע קרייזן און געדראָט מיט קאָנקורענץ די היימישע פּראָדוצענטן. אַזוי ווי די-יעניקע, וועלכע האָבן שטאַרק מורא פֿאַר

דערדאָזיקער קאָנקורענץ זענען געווען די פאַבריקאַנטן פון פיינע טיכער און זיידענע שטאָפן, באַשטעטיקט דאָס די ריכטיקייט פון אונזער מיינונג, אַז די קויפער זענען געווען די רייכע קלאַסן. דאָסזעלבע לערנען אונז די קאַמפן, וועלכע די מלוכה (אין פראַנקרייך צום ביישפיל) האָט געפירט קעגן די אינדישע באַוול-סחורות (וועלכע זענען סאנקציאָנירט געווען דורך דער מאַדאַם פאָמפאַדור, אָבער ערשט אין טריאַנאָן האָבן זיי איבערגעלעבט זייער אמתע מאדע-בליצייט!): זייט 1700 האָט זי פ אַ ר ב אָ ט ן זייער געברויך. אָבער די פאַרבאָטן האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געהאַט קיין דערפאָלג: מיר זעען, ווי די עלעגאַנטע דאַמען קליידן זיך אין אינדישן סיטץ, ווען זיי פאָרן אַוועק פון פאַריז אין זייערע לאַנד-גיטער. מיר דערוויסן זיך וועגן פאָלגנדיקע פיינע עפיזאָדן:

די פרוי מאַרשאַלין דע ווילאַרס האָט אַריינגעשמוגלט אינדישע שטאָפן. דעם 17-טן יולי 1715 דערשיינט די פרוי מאַרקיזין דע נעזל גאַנץ עפנטלעך אין טיולעריען-גאָרטן מיט אַ „שטובן-קלייד אויסגענייט מיט זיידענע בלומען אין אינדישן פאַסאָן אויף אַ שטאָף פון זעלבן לאַנד”. אַן אַלגעמיינע פאַרוווּנדערונג און אויפגעבראַכטקייט ביי דער קליידער-פאָליציי: דער פאָליציי-פרעזידענט איילט צום הער מאַרקיז און מאַכט אים פאָרוואָרפן. דערדאָזיקער זאָגט צו, אַז ער וועט ווירקן אויף זיין פרוי, אַז אין דער צוקונפט און אַז. וו. (וועגן דעם רעזולטאַט פון דער פאַמיליען-סצענע, וועלכע איז צוליב דעם אַרויסגעקומען, דערציילט אונז, ליידער, דער אַמטלעכער דאָקומענט קיין וואָרט נישט.)

איצט, נאָך דידאָזיקע פאָרבאַמערקונגען, וועלן מיר זיין אימשטאַנד זיך צו מאַכן אַ ריכטיק בילד וועגן דעם מ ע ב ר-ל י מ ד י ק ן א י מ פ אָ ר ט ק י י ן א י י ר אָ פ ע אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט, ווען מיר באַקענען זיך מיט די אימפאָרט-סטאַטיסטיקעס פון יענער צייט; אומעטום דאָסזעלבע בילד: אין ענגלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרייך. די אינדישע קאָמפאַניעס ברענגען 1. געווירצן, 2. מעדיקאַמענטן, 3. פאַרבשטאָפן,

4. זיידנס און זיידענע שטאָפן, 5. באוול און באוולנע שטאָפן, 6. איידלשטיינער, פּאָרצעלאַי א. א. וו. און דאַן 7. קאַווע, טאַבאַק, צוקער, טיי, קאַקאַאָ. ס׳איז גענוג, ווען איך טייל מיט איין איינציקע אזא פּריינפּיר-סכעמע.

דער אימפּאָרט קיין פראַנקרייך פון מזרח-אינדיען האָט באטראָפן אין יאָר 1776:

| | |
|---|---|
| קאַווע | 3.248.000 פר. |
| פּעפּער און צימערונג | 2.449.000 „ |
| מוסלינען | 12.000.000 „ |
| אינדישע ליינען | 10.183.000 „ |
| פּאָרצעלאַי | 200.000 „ |
| זיידנס | 1.382.000 „ |
| טיי | 3.399.000 „ |
| פּאַרשידנס, ווי זיידנשטאָפן, מושעלן, שפּאַנישע ראָר, סעליטרע | 3.380.000 „ |
| | 36.241.000 פר. |

דידאָזיקע סחורות זענען באַצאָלט געוואָרן אָדער מיטן געלט פון די אַמעריקאַנישע זילבער- און גאָלד-מינען (די הויפּט-מאַסע) אָדער מיט היימישע פּראָדוקטן, דער עיקר טעקסטיל-סחורות. צווישן דידאָזיקע האָבן זיך שוין געוויס געפונען מינ-דערוועדטיקע מאַסן-אַרטיקלען אויף צו באַקליידן די נעגערס און די מאַלאַיער, ווי אויך די מיטלשיכטן אין די פון אייראָ-פּעערן באַזעצטע קאָלאָניעס, ווי למשל פון צפון-אַמעריקע (ווייל דאָס פּראָדוצירן געווערבלעכע פּראָדוקטן איז אין זיי גרעסטנ-טיילס געווען פאַרבאָטן), אָבער פאַר דער אַלגעמיינער אָפּשאַ-צונג פון מעבר-לים-האַנדל אין יענער צייט האָט דאָס קיין באַ-דייטונג נישט: דערדאָזיקער בלייבט, נישט געקוקט אויף דעם, אַ קינד פון לוקסוס-קאָנסום, ער בלייבט אַן אויסשליסלעכע פּריוואַט - אָנגעלעגנהייט פון די רייכע לייט, וועמעס לוקסוס-פאַרשווענדונגען ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ, ווייל אויב די אַריינגעפירטע סחורות, ווי מיר האָבן דאָס געזען, זענען

געוועזן לוקסוס-אַרטיקלען, איז גלייכגילטיק, פון וואָסער אַרט עס זענען די אַרויסגעפירטע: זיי זענען נאָר די צופעליקע פאָרם פון באַצאָלונג. דער גאַנצער האַנדל וואָלט נישט עקזיסטירט אָן דעם אַריינפיר פון די לוקסוס-אַרטיקלען: ווייל אָן זיי וואָלטן די מענטשן פון יענעם זייט ים נישט געקענט קויפן די אייראָ-פּעישע סחורות. (און אויסנאַם דערפון זענען נאָר די לענדער מיט איידלמעטאַלן: לויט די האַנדלס-סטאַטיסטישע ידיעות, וועלכע עס גיט אָן אַלעקסאַנדר פאָן הומבאלדט, האָט מעקסיקע אין יאָר 1802 אַריינגעפירט פון שפּאַניען פאַר 20.390.859 פּיאַסטער סחורות, דאַקעגן האָט זי נאָר אַרויסגעפירט פאַר 8.416.930 פּיאַסטער; דעם רעשט האָט זי באַצאָלט מיט איר זילבער).

דאָ מוז דערמאָנט ווערן נאָך אַ זייער וויכטיקער צווייג פון אינטערנאַציאָנאַלן מעבר-לים-האַנדל, וועגן וועלכן מיר ווייסן, אַז ער איז געפירט געוואָרן כמעט בלויז אין קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען: דער קנעכטהאַנדל. אמת, זיינע געגנשטאַנדן זענען אַליין נישט געוועזן קיין לוקסוס-אַרטיקלען (און אפשר יאָ?), אָבער זיי האָבן דאָך געדינט אוממיטלבאַר דערצו, צו שאַפן לוקסוס-אַרטיקלען, ווי מיר וועלן דאָס נאָך זען גענויער.

וועגן דעם פאַרנעם פון קנעכט-האַנדל באַזיצן מיר אַ סך, צום טייל זייער סתּירותדיקע ידיעות. די באַקאַנטסטע און אפשר באַגלויבטסטע רעכנונג, וועלכע בוקסטאָן גיט אָן, איז פאָלגנדע:

יאָר-יערלעך זענען פון אַפריקע אַוועקגעשלעפּט געוואָרן

דורך דעם קריסטלעכן קנעכט-האַנדל אַרום 400.000 נעגער
" " מאַכמעדאַנישן " " 100.000 "

500.000 נעגער

פון די 400.000 אָביעקטן פון קריסטלעכן קנעכטהאַנדל קומען אום ביים פאַנגען, בעתן טראַנספּאָרט און אין ערשטן יאָר 280.000, אַזוי, אַז נאָר 120.000 קנעכט קענען אויסגענוצט

ווערן. נעמענדיק אין באַטראַכט דעם אַלגעמיינעם באַדאַרף אין קנעכט אין אָנהויב פון 18־טן יאָרהונדערט, איז דערדאָזיקער ציפער נישט צו הויך און ער ווערט באַשטעטיקט אין זיין ריכ־טיקייט דורך די נישט לאַנג צוריק באַקאַנט־געוואָרענע אַמטלעכע ציפערן. אַזוי, למשל, דערוויסן מיר זיך, אַז אין די פראַנצויזישע אַנטילען זענען אין משך פון די יאָרן 1780—1789 דורכשניטלעך אַריינגעפירט געוואָרן צו 30—35.000 נעגערס אַ יאָר. נעמען מיר אָן, אַז די אַלגעמיינע צאָל קנעכט, וועלכע זענען דעמאָלט גע־האַלטן געוואָרן אין די פראַנצויזישע אַנטילען, האָט באַטראָפן 240—260.000, האָט אַזוי אַרום דער יאָר־יערלעכער צופיר אויס־געמאַכט ⅛ — ⅐. אַזוי ווי אינגאַנצן זענען אָבער געווען 6—7 מיליאָן קנעכט, איז דער יערלעכער צוזאַץ פון 120—150.000 קנעכט גיכער צו ווינציק, איידער צו פיל.

אָבער עס איז גאָרנישט וויכטיק צו באַזיצן גענויע ציפערן וועגן דער באַהאַנדלטער קנעכט־סחורה. פאַר אונזער צוועק איז פולשטענדיק גענוג די פעסטשטעלונג, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ סך צענטויזנטער אַ יאָר און אין משך פון גאַנצן פע־ריאָד, אין וועלכן דער קנעכטהאַנדל איז אָנגעגאַנגען, וועגן מיל־יאָנען מענטשן, וועלכע (און דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס אונז אינטערעסירט דאָ) האָבן געגעבן אַ געלעגנהייט צו גוטע געשעפטן.

וועגן דער פאַרשפרייטונג פונם קנעכט־האַנדל אין משך פון מיטלאַלטער פעלן אונז לגמרי זיכערע ידיעות. אַז עס האָט זיך שוין אָבער אויך דאַן געהאַנדלט וועגן גרויסע מענטשנמאַסן, קענען מיר זיך אָנשטויסן פון די שילדערונגען פון אַראַבישן קנעכט־האַנדל, ווי אויך פון צופעליקע ידיעות, וואָס זייערע ציפערן טראָגן אויף זיך, אמת, אַוואַנטוריסטישע שטריכן. אַזוי, למשל, הערן מיר, אַז אין 1310 האָט דער סיציליִשער פלאָט אין דער טיפסטער שלום־צייט באַפאַלן דעם אינזל גערבא ביי דעם טונעזישן ברעג, און, אַז ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט זענען גענומען געוואָרן אַלס שקלאַפן 12.000 ווייבער און קינדער; אַז אין 1355 האָט אַ גענועזער אַדמיראַל אָן אַ שום סיבה געמאַכט

אַן איבערפֿאַל אויף טריפּאָליס און אויסגערויבט און דערביי־ פֿאַרקנעכט צענדליגער טויזנטער קריסטן. אויף דער אויסלאַנדישער וועקגעשלעפּט אַלס קנעכט 7000 מענער, פרויען און קינדער.

די נאַציעס, וועלכע האָבן נאָך דער ריי נאָך געשפּילט די הויפּט-ראָלע ביים קנעכט-האַנדל (דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די אַנדערע נאַציעס האָבן דערין קיין חלק נישט געהאַט) זענען געווען די יידן, די ווענעציאַנער, די גענועזער, די פּאָרטוגעזער, די פראַנצויזן און די ענגלענדער. די־דאָזיקע לעצטע פיר נאַציעס האָבן נאָך דער ריי נאָך געהאַלטן דעם מאָנאָפּאָל פון נעגער-האַנדל אין זייערע הענט. די באַטייליקונג פון די פאַרשידענע הענדלערשאַפטן אין קנעכטהאַנדל בעת זיין בלי-תקופה קען מען זען פון פאָלגנדיקע ציפערן:

אין יאָר 1769 זענען פון אַפריקאַס ברעגן (פון קאַפּ בלאַנקאָ ביז צום קאָנגאָ-טייך) אַוועקגעשלעפּט געוואָרן דורך

| | | |
|---|---|---|
| גרויסבריטאַניע | 53.100 | נעגערס |
| פראַנקרייך | 23.520 | " |
| האָלאַנד | 11.300 | " |
| בריטיש-אַמעריקע | 6.300 | " |
| פּאָרטוגאַל | 1.700 | " |
| דענעמאַרק | 1.200 | " |

לויט בריאַן עדוואַרדס זענען אין יאָר 1791 אויף די אַפריקאַנישע ברעגעס געווען 40 אייראָפּעישע פאַקטאָריען פאַרן קנעכטהאַנדל, צווישן זיי 14 ענגלישע, 3 פראַנצויזישע, 15 האָלענדישע, 4 פּאָרטוגעזישע, 4 דענישע. אָבער אַרויסגעפירט געוואָרן זענען אין יענעם יאָר

| | | | |
|---|---|---|---|
| דורך | די בריטן | 38.000 | נעגערס |
| " | " פראַנצויזן | 20.000 | " |
| " | " פּאָרטוגעזן | 10.000 | " |
| " | " האָלענדער | 4.000 | " |
| " | " דענער | 2.000 | |

ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז אין משך פון גאַנצן 18-טן יאָרהונדערט, ד. ה. אין דער וויכטיקסטער עפּאָכע, איז גרויס־

בריטאַניע געווען דער מיטלפּונקט פון קנעכטהאַנדל, און אין גרויסבריטאַניען גופא איז ווידער דער מיטלפּונקט געווען ליווערפּול: פון 192 ענגלישע שקלאַפן-שיפן זענען אין יאָר 1771 אַרויסגעפאָרן: פון ליווערפּול 107, פון לאָנדאָן 58, פון בריסטאָל 23, פון לאַנקאַסטער 4. פּאָסטלעטוייט האָט אונז איבערגעליפערט אַ רשימה פון אַלע שקלאַפן-שיפן, וועלכע האָבן געהערט צו ליווערפּולער סוחרים: צו יענער צייט זענען דאָס געווען 88 שיפן פון 60, ביז 550 טאָן יעדע, מיט מייסטנס צו 400—3 קנעכט אַלס לאַדונג. דער קנעכט-האַנדל האָט זיך אין ליווערפּול שנעל אַנטוויקלט; 1729 האָט די סוחרישאַפט פון דערדאָזיקער שטאָט געהאַט אַ שיפל פון 30 טאָן, וועלכע האָט געפירט דעמדאָזיקן האַנדל. בעת אין 1751 זענען שוין אַרויסגעפאָרן פון מערסיי צו דעם קנעכט-ברעג 53 שיפן מיט אַ לאַדונג-פעיקייט פון 5334 טאָן.

דער מעבר-לים-האַנדל, באַזונדערס דער קאָלאָניאַלער, איז אָבער אין 17 און 18 יאָרהונדערט אָן שום ספק געווען דאָס פעלד, אויף וועלכן עס האָט זיך דער עיקר אַנטוויקלט דער קאָמערציעלער קאַפּיטאַליזם. לגבי אים פאַרלירט זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער אייראָפּעישער האַנדל און נאָך מער דער אינטערלאָקאַלער האַנדל אין די איינצלנע לענדער. אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין: אויך אין אים האָבן זיך דאָ און דאָרט געמוזט אויסבילדן קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען, און דעריבער איז וויכטיק צו וויסן, אַז אויך דערדאָזיקער האַנדל אין אייראָפּאַס גרענעצן איז דער עיקר געווען אַ האַנדל מיט לוקסוס-סחורות. אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער און קאַפּיטאַליסטיש-געפירטער האַנדל, וואָס איז נישט געווען קיין האַנדל מיט לוקסוסאַרטיקלען, איז געפירט געוואָרן, אויף וויפל איך זע איין, בלויז מיט צוויי אַרטיקלען: תבואה און קופער, אַ האַנדל וועלכער איז אין ביידע פאַלן אַרויסגערופן געוואָרן דורך די באַדערפענישן פון די מאָדערנע אַרמייען, ווי כ'וועל אויפווייזן אין צווייטן באַנד פון דידאָזיקע שטודיען.

וועלכע סחורות עס זענען אין 17-טן און 18-טן יאָרהונ-

דערט געגאַנגען פון איין אייראָפּעישן לאַנד אין צווייטן „דערוויסן מיר זיך (אַלס איין ביישפּיל פון אַ סך) פון אַ רשימה פון די סחורות, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון פראַנקרייך קיין האָלאַנד; דידאָזיקע רשימה איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1658 דורך דער פּאַריזער האַנדלס-קאַמער און וועלכע דער גוט-אינפאָרמירטער מחבר פון דער Batavia illustrata האַלט נאָך פאַר גילטיק אין אַ סך פּונקטן אויך פאַר זיין צייט (אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט), כאָטש אינצווישן, ווי מיר וועלן דאָס נאָך זען, האָט זיך אין האָלאַנד אַנטוויקלט אַ נאַציאָנאַלע לוקסוס-אינדוסטריע. דערדאָזיקער פּראָצעס איז טיפּיש אין יענע יאָרהונדערטער פון דעם זיך קרעפטיקנדיקן קאַפּיטאַליזם: איין לאַנד נאָכן צווייטן פּראָדוצירט אַליין די אַרטיקלען, וועלכע עס האָט פריער אַריינגעפירט פון דעם קאַפּיטאַליסטיש-פּאָרגעשריטענערעם לאַנד אויפן וועג פון האַנדל: פריער איז איטאַליע, דערנאָך — פראַנקרייך דאָס פירנדיקע אינדוסטרי-לאַנד, ביז עס קומען צו ענגלאַנד, האָלאַנד, דייטשלאַנד א. א. וו.

די רשימה, וועגן וועלכער כ'האָב נאָרוואָס גערעדט, איז פאָלגנדיקע:

פראַנקרייך פירט אַריין קיין האָלאַנד (נישט נאָר פאַרן קאָנסום אין האָלאַנד גופא, נאָר אויך צום ווייטערדיקן עקספּאָרט):

| | | |
|---|---|---|
| 1) | סאַמעט, פּליושן, סאַטין, גאָלד- און זילבער-שטאָפן, טאַפט און אַנדערע זילבערשטאָפן פון טור און ליאָן פאַר מער אַלס | 6.000.000 פר. |
| 2) | בענדער, זיידענע און געדרייטע טאַשמעס, קנעפּ און שנורן, וועלכע ווערן געמאַכט אין פּאַריז, רואַן און אין די שכנותדיקע שטעט פאַר | 2.000.000 „ |
| 3) | זיידענע היט און אַנדערע סאָרטן היט, גע-מאַכט אין פּאַריז און רואַן פאַר | 1.500.000 „ |
| 4) | פעדערן, גאַרטלען, שירעמס, מאַסקעס, קאָפּ-באַפּוצונגען, שפּיגלען, גאָלדענע ראַמען, זייגערס און אַלערליי קלייניקייטן, וואָס די | |

| | | |
|---|---|---|
| פראַנצויזן רופן אָן „ביזשו" (שפּילצייג) פאַר | 2.000.000 | פר. |
| 5) הענטשקעס, געמאַכט אין פּאַריז, קלערמאָנט, וואַנדאָם און רואַן פאַר | 1.500.000 | „ |
| 6) וואָלגאַרן, געשפּונען אין דער פּיקאַרדיע פאַר | 500.000 | „ |
| 7) אַלערליי סאָרטן פּאַפּיר, געמאַכט אין פּואַטו, שאַמפּאַן, לימוזען, אָווערן און נאָרמאַנדיע פאַר | 2.000.000 | „ |
| 8) ביי-נאָדלען און אַנדערע נאָדלען און עלפּביין-שוואַרץ-האָלץ, בוקסבוים- און ביין-קאַמען, אויסגעפּאַרטיקט אין פּאַריז און נאָרמאַנדיע פאַר | 500.000 | „ |
| 9) גאַלאַנטעריי-סחורות פון אייזן און שטאָל, געמאַכט אין אָווערן פאַר | 500.000 | „ |
| 10) זעגלען-טוך פון נאָרמאַנדיע און בריטאַניען פאַר מער ווי | 5.000.000 | „ |
| 11) אַלערליי צימעראייַנריכטונגען: בעטן, מאַטראַצן, געשלאָגענע דעקן, לאַקנס, א. א. וו. פאַר מער ווי | 5.000.000 | „ |
| 12) פאַרשידענע וויינען פאַר מער ווי | 9.000.000 | „ |
| 13) בראַנדי, עסיק פאַר מער ווי | 2.000.000 | „ |
| 14) זאַפערן, זייף, האָניק, מאַנדלען, אַליוון, פלוימען און אַנדערע פרוכטן פאַר | 2.000.000 | „ |

39.500.000 פר.

ווי מיר זעען, אַלץ לוקסוס-סחורות אויסער דעם № 10 און אפשר אויך דעם № 13, ווייל דער בראַנדי האָט אפשר געקענט גיין פאַר דעם שיף-עולם אָדער פאַר די זעלנער.

לויט דער שאַצונג, וועלכע ס'האָט אויפגעשטעלט מאָראָ דע זשאָנעס, איז אַ סך מער ווי די העלפט פון ווערט פון פראַנצויזישן אימפּאָרט אין דער צייט פון לודוויק XIV באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע אַרטיקלען, וועלכע ס'האָבן געליפערט איטאַליע, ענגלאַנד און די נידערלאַנדן: זיידנסחורות, פיינע טיכער,

טאפעטן, באטיסט, שפיצן, פיינע אייזן- און שטאָל-סחורות און גאלאנטעריי סחורות.

## 2. דער לאחדים-האנדל.

טיפער, דויערהאפטער און אויסשליסלעכער, ווי דעם גרויס-האנדל האט דער לוקסוס באאיינפלוסט אין זיין אנטוויקלונג דעם קליין-האנדל. אויב אין דער פריקאפיטאליסטישער תקופה לאָזן זיך נאָך אנציילן אייניקע וויכטיקע גרויסהאנדלס- צווייגן, וועלכע זענען געווען קאפיטאליסטיש און האָבן זיך פונדעסטוועגן נישט פארנומען מיט לוקסוס-סחורות (דער קופערהאנדל אין 16-טן, דער תבואה-האנדל אין 17-טן יאָרהונדערט), וועט זיך אָבער, בין איך זיכער, נישט לאָזן אויפזוכן קיין איין-איינציקעס אפילו נאָר קאפיטאליסטיש-געפארבטעס לאחדים-געשעפט אין דעם 19-טן יאָרהונדערט, וועלכעס זאָל נישט פארקויפן קיין לוקסוס-ארטיקלען. פארקערט אָבער קענען מיר גאנץ דייטלעך זען, ווי דער לוקסוס-באדארף און די נויטווענדיקייט אָדער די גיריקייט פון הענדלער אים צו באפרידיקן, רייסן ארויס דעם הענדלער גראָד אין יענע יאָרצענדליקער, אין וועלכע די נייגונג צו א פארשווענדערישער לעבנס-פירונג שטייגט פלוצלונג אויף מיט א גרויסע כוואליע צווישן די פארמעגלעכע מענטשן (אין די יאָר-צענדליקער ארום דאָס יאָר 1700, ווען דאָס בראזיליאנישע גאָלד האָט גענומען אָנפילן די קעשענעס פון די פאריזער און לאָנדאָנער ספעקוליאנטן), פון זיינע האנטווערקערישע געוווינ-הייטן און טרייבן אים ארויף אויפן וועג פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג, כדי צו קענען באפרידיקן דעם לוקסוס-באדארף פון רייכן מאן.

מיר וואָלטן אפשר נישט געקענט אזוי קלאָר אָנטאפן דעם אינערלעכן קויזאלן צוזאמענהאנג צווישן לוקסוס-אנטוויקלונג און קאפיטאליסטישן לאחדים-האנדל, ווען א גליקלעכער צופאל זאָל אונז נישט האָבן איבערגעליפערט אזא באגלויבטן און גע-נויען מקור, וואָס נאָר אין די זעלטנסטע פאלן, ליידער, האָבן מיר אזעלכע, א מקור, לויט וועלכן מיר קענען גענוי נאָכפאָלגן

ביז אין די קלענסטע אײנצלהײטן, די װאַנדלונגען, װעלכע דער ענגלישער האַנדל מיט זײדנסחורות האָט דורכגעמאַכט אין דער צײט פֿון דער רעסטאַװראַציע ביז אין די 1730־ער יאָרן. די קװעלע איז די דערצײלונג, װעלכע דער גוט־אינפֿאָרמירטער מחבר פֿון „ענגלישן האַנדלסמאַן" מאַכט לױט זײנע אײגענע דערפֿאַרונגען װעגן די געשעענישן; דאָס װיל זאָגן — אַ מאַן, װעלכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן װעגן זיך מיט באַרעכטיקטן זעלבסטגעפֿיל, אַז קײנער אין זײן צײט איז נישט געװען מער באַרופֿן — סײ לױט די יאָרן און סײ לױט זײן דערפֿאַרונג — מיטצוטײלן װעגן דאָזיקן עפּיזאָד.

דער הענדלער מיט זײדנסחורות, דער „מערסער" דער „מערסיע", איז אָבער זיכער דער טיפּישער פֿאָרשטײער פֿון האַנדל מיט לוקסוס־סחורות אין יענע יאָרהונדערטער פֿון גרױסרופּערישן רײכטום. דאָ הערשט עס אומבאַגרעניצט די ליידי. דער גאַנצער האַנדל איז צוגעשניטן לױט אירע באַדערפֿעניש. מיט די טײערסטע זאַכן פֿון לוקסוס־באַדאַרף װערט דאָ געהאַנדלט, װײל דער מסחר מיט זײדנסחורות נעמט נאַטירלעך אַרום אַלע גאָלד־ און זילבער־שטאָפֿן, בראָקאַטן, סאַמעט און אױך שפּיצן.

דער הענדלער מיט זײדנסחורות פֿון אַלטן סטיל, װעלכן מיר באַגעגענען נאָך אין לאָנדאָן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די ייִנגערע סטיואַרטס, און װעלכער בילדעט נאָך אױך דעם כּלל אַ פּאָר יאָרצענדליקער שפּעטער (איך שטעל מיר פֿאָר, אַז די גרעסטע ענדערונגען האָבן זיך ערשט אָנגעהױבן אַרום סוף 17־טן יאָרהונדערט) איז געװען גראָסיסט און דעטאַליסט אין אײן פּערזאָן; מיט אַנדערע װערטער: עס זענען נאָך נישט געװען קײן זעלבסטשטענדיקע דעטאַל־הענדלער מיט זײדנסחורות; די, װעלכע פֿלעגן אױפֿקױפֿן די שטאָפֿן בײם פּראָדוצירער, פֿלעגן זײ אױך פֿאַרקױפֿן אױפֿן אײל צו די קונדן. דאָס פֿלעגן טאָן אַפֿילו גאַנץ גרױסע האַנדלסמאַגנאַטן אין אַלע פֿריערע צײטן. אַזױ זעען מיר, למשל, די פֿוגגער, װעלכע שנײדן זײדנס און סאַמעט אױפֿן אײל אַפֿילו דאַן, װען זײ שטײען שױן כּמעט אין זעניט פֿון זײער מאַכט און זײער רײכטום: זאָל זײן,

אז דאָס זענען געווען די קעניגלעכע הויפּפּאַרוואַלטערס, וועמען זיי האָבן געליפערט „גאָלדען טוך" צו 36 פל. די אייל, אָדער פלאָרענטינער און מײַלענדער דאַמאַסט צו 8 ביז 10 פל. די אייל אָדער זײַדנסאַמעט צו פיר פל. די אייל. אַלץ איינס! קעניג־לעכע סוחרים, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט קופּער און קיסרים, הער אַרנאָלד אָדער הער פרידלענדער פּאָולד וועלן דאָך היינט אַפילו אונזער קייסער נישט וועלן פאַרקויפן אַ פּאָר מעטער באַנד.

אונזערע לאַנדאָנער מערסערס צו דער צייט פון דער גרויסער שרפה און נאָך צוואַנציק יאָר שפּעטער, זענען אַלע געזעסן אין דער סיטי, ווו זיי זענען שוין מסתמא געזעסן זייט די פּלאַנטאַגאַנעטס, אין דער ענגער, פינסטערער פאַטער־נאָסטער ראָו, וועלכע איז געבויט געוואָרן דירעקט פאַר זיי, און זיי האָבן דאָרט געהאַלטן זייערע שטאָפן אין הויכע, טונקעלע גע־וועלבן, וועלכע זענען באַלויכטן געווען פון אַ קאַרג אָריינ־פליסנדיקן אויבער־שיין. זייערע לאַגערס זענען געווען אומגע־הייער גרויס. און זיי פלעגן זיי פאַרקויפן, ווי זייערע אור־על־טערן האָבן זיי שוין געוויס אויך פאַרקויפט אין דער צייט פון די פּלאַנטאַגאַנעטס. די בעסטע קונדשאַפט פלעגט זיי דאָ אויפ־זוכן אין דער ענגער פאַטער־נאָסטער ראָו: דער הויף אין דער ערשטער ריי. די קאָטשן פלעגן שטיין אין צוויי רייעס: אויף איין זייט פלעגן זיי צופאָרן, פון דער צווייטער — אָפּפאָרן, אַזוי איז געווען פאַרגעשריבן, ווײַל די גאַס איז געווען צו ענג אויף אויסצוקערעווען זיך: די מערסערס האָבן אַליין אָנגעדונגען צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּהיטן די אָרדנונג. אַזעלכע געוועלבער, ווו עס זענען געזעסן די גרויס־סוחרים, זענען געווען אַרום 50. די איבעריקע זענען געווען די טראַ־באַנטן פון דאָזיקן שטאָלצן האַנדל; די טאַשמע־לייט אינמיטן פון דער איוו־ליין; די קנאָפּ־געוועלבער צום סוף גאַס ביי דער טשיפּזייד; די גאָרן־געוועלבער און פראַנז־געוועלבער אין דער נאָנט אויף בלאָו־בלעדער גאַס.

דאָס האָט זיך אָבער אַלץ געענדערט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פרײַלעכע צייט. (אונזער עדות לאָזט זיך אנשטויסן

אויף דער גענויער באַשטימונג פון דער צייט, וועלכע ער
מיינט; ער זאָגט: „דאָ זענען זיי געזעסן, די אַלטע גרויסמער-
סערס, אַרום צוואַנציק יאָר נאָך דער שרפה, און אַפילו אין
דער צייט... ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פריילעכע צייט";
היות די שרפה איז געווען אין 1666 איז דאָס שוין געווען די
רעגירונגס-צייט פון קאַרל II, פאַר וועלכער עס פאַסט גאַנץ
געוויס די באַצייכענונג פון אַ פריילעכער צייט). דאַמאָלט איז
שנעל אָנגעוואַקסן אַן אומגעהויערע צאָל דעטאַל-מערסערס;
אַזוי ווי די פּאַטער-נאָסטער ראָו איז געוואָרן צו ענג, האָבן זיי
זיך גענומען באַזעצן אין לאָנדאָנס פּעריפעריע: אין אָלדגייט,
לאָמבאַרד-גאַס און קאָווענט-גאַרדן, וועלכער האָט באַלד באַקומען
אַ נאָמען. היות דאָ זענען די גאַסן געווען ברייטער, האָט די
קונדשאַפט, וועלכע איז געקומען בלויז אין קאָטשן, ליבער גע-
קויפט אין די נייע קראָמען, אויך דער הויף איז מער נישט
געקומען אין דער סיטי; פּאַטער-נאָסטער ראָו איז פאַרוויסט גע-
וואָרן און ווייניקער ווי אין צוויי יאָר זענען די אַלטע מער-
סערס געצוואונגען געווען צו שליסן זייערע געוועלבער און נאָכ-
צוגיין דעם שטראָם פון דער קונדשאַפט: פּונקט ווי אויפן ים,
מיינט דער מחבר, ווו די פישער שווימען נאָך די פיש, ווען
די לעצטע בייטן זייער רו-אָרט. (זענען די נייע מערסערס,
וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן רעוואָלוציאָניזירט דעם אַלטן האַנדל
מיט זיידנסחורות, געווען ייִדן, וועלכע זענען געקומען קיין
לאָנדאָן מיט קאַרל II-טנס פרוי אָדער מיט דעם אָראַניער?
אַנדערש קען עס גאָרנישט זיין). נאָך צען יאָר — און קאָווענט-
גאַרדן איז פאַרלאָזן געוואָרן: די מערסערס האָבן געזוכט אַן
אַנדער פּלאַץ, ווי דאָס בינען-פאָלק, און האָבן זיך
ענדלעך באַזעצט אין לאַד-גייט-היל, ווו זיי זענען געבליבן אויף
אַ לאַנגע צייט. די צאָל פון די זיידנגעשעפטן, וועלכע האָבן
אין 1663 באַטראָפן פון 50 ביז 60, איז אינצווישן אויסגעוואַקסן
אויף 300 אָדער 400.

אין דערזעלבער צייט, ווען די מערסער האָבן פאַרלאָזן
זייער זיץ-אָרט, אויף וועלכן זיי זענען געזעסן יאָרהונדערטער-

לאַנג און זיך פאַרשפּרייט איבער ווייטע טיילן פון לאַנדאָן, האָבן זיך אויך אַ סך אַנדערע הענדלער (און האַנטווערקער) אָפּגעריסן פון זייערע אַלטע גאַסן, מיט וועלכע זיי זענען פאַרבונדן געווען אין משך פון גאַנצן מיטלאַלטער. אַנדערע פון זיי, למשל, די הענדלער מיט ליינען, אויך אַן אויסגעשפּראָכענער לוקסוס־אַרטיקל, האָבן זיך אויך דערשטוינלעך שנעל פאַרמערט. די פיינע לייב־וועש, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען אויף אַן אַנדער אָרט, איז צו יענער צייט געוואָרן אַ לוקסוס פון רייכן מאַן און פון זיין ז י.

דידאָזיקע דערציילונג לערנט אונז פאָלגנדיקס: אַז די געשעפטן פון לוקסוס-אַרטיקלען האָבן זיך צוליב דעם שנעל וואַקסנדיקן נאָכפרעג אין אַ קורצער צייט שטאַרק פאַרמערט און פאַרלאָזן זייער אַלטן זיץ־אָרט. דורכדעם איז אָבער דורכ־געבראָכן געוואָרן די טיר, דורך וועלכער דער מאָדערנער סוחרישער גייסט האָט געקענט אַריינדרינגען אין די שטילע רוימען פון דעטאַל-האַנדל; דורכדעם איז די פאַרוואַנדלונג פון די מיטלאַל־טערלעכע דעטאַל־געשעפטן אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען געוואָרן בלויז אַ פראַגע פון צייט. ווייל מיט דידאָזיקע פאַר־ענדערונגען: כּסדרדיקע און פלוצימדיקע פאַרמערונג און אָרט־ענדערונג איז דער דעטאַל-געשעפט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן באָדן פון עקאָנאָמישער Ratio, איז געשאַפן געוואָרן די נויט־ווענדיקייט אויפצונעמען דעם קאָנקורענץ־קאַמף מיט די שכנים, צוצוטראַכטן און אָנצווענדן די צוועקמעסיקסטע מעטאָדן, כּדי צוצוציען די קונדן. און דאָס טאַקע האָט באַטייט דעם אַריינ־מאַרש פון קאַפּיטאַליסטישן גייסט. דעם וועג, ווי אַזוי דערדאָ־זיקער וואָרצלט זיך איין אין משך פון נאָנטסטן יאָרהונדערט אין די לוקסוס־געשעפטן פון די גרויסשטעט (און נאָר אין דידאָזיקע), קענען מיר גענוי פאַרפאָלגן, ווען מיר ווייסן ריכטיק אויסצו־טייטשן די וויניקע ידיעות, וועלכע מיר באַזיצן גראָד פון יענער צייט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דעטאַל־האַנדל.

דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאָלגנדיקן יאָרהונדערט,

נאָכדעם ווי די אַלטע מערסערס פון פאטער־נאסטער ראָו האָבן אויסגעוואַנדערט, קען פאַרמולירט ווערן אַזוי:

1) דער דעטאַל־האַנדל און דער אנגרא־האנדל האָבן זיך דיפערענצירט. פון יענע 300—400 מערסערס האָט נאָר אַ קלענער טייל געקענט זיין גראסיסטן.

2) די קראָם־אייגנטימער האָבן אָנגעהויבן עלעגאַנטער איינצוריכטן זייערע געשעפטן, כדי צוצוציען די קונדשאַפט און די פיינע לייט, וועלכע האָבן געבילדעט די קונדשאַפט, אנגענעם צו מאַכן דעם זיין דאָרטן. עס ווערט אויס־דריקלעך באַשטעטיקט, אַז דידאָזיקע פאַרפיינערונג פון דער געשעפט־איינריכטונג האָט זיך אָנגעהויבן ביי די „טאָי־מען" ד. ה. ביי די גאַלאַנטעריי־הענדלער, ווי מיר וועלן היינט זאָגן, אָבער דערביי מוזן מיר אין זינען האָבן לוקסוס־גאַלאַנטעריי־סחורות פון העכסטער ראַפינירטקייט, קליינקייטן א. אַ. וו. אין די „טאָיס" האָט זיך אין אַ געוויסן זין פאַרקערפערט דער קולמינאַציע־פונקט פון לוקסוס פון יענער צייט. אויף פראַנצויזיש הייסן דידאָזיקע טייערע קליינקייטן „ביזשו", וואָס האָט דאַמאָלסט באַטייט נישט נאָר צירונג אין ענגערן זין, נאָר שפּילערייען, קליינקייטן פון טייערן מעטאַל און פון טייערער אַרבעט בכלל. אין דידאָזיקע קראָמען פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן די עלעגאַנטע וועלט, קודם כל די הערן־וועלט, וועלכע מאַכן דאָ זייערע קניות פאַר זייערע געליבטע. ווייל דאָ האָט מען געקויפט „לייכטזיניקע קליינקייטן", וועלכע מ'שענקט די אָנשטענדיקע פרויען, וועלכע נעמען נישט קיין געלט, אָבער גאָלדענע קליינקייטן יאָ, ווייל זיי האָבן אַן אָנשטענדיקן אויסזען", מיינט מערסיע, וועלכער באַשרייבט אונז דעם „פּטי דיונקערק", דעם לוקסוס־געשעפט, וואָס איז געווען אין דער מאָדע אין זיין צייט, אין וועלכן עס שטופן זיך אין די ערשטע טעג פון יאָר די „קליינע הארן", אַזוי אַז מ'מוז אויפשטעלן אַ וואַך. „נישטאָ עפּעס גלענצנדערס פאַרן דאָזיקן געשעפט", וועלכן וואָלטער האָט באַערט מיט זיין באַזוך ביי זיין לעצטן ווילן אין פּאַריז: „ער האָט גע־שמייכלט איבער דידאָזיקע אַלע שאַפונגען פון לוקסוס; ער האָט

באַמערקט, גלויב איך, אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן דידאַזיקע שימערירנדיקע שפּילצייג און זיין סטיל", גיט מערסיע צו.

3. די פאָרם פון מאָדערנעם דעטאַל־געשעפט, דאָס באַ־דאַרף־אַרטיקל־געשעפט, ווי איך האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן, אין וועלכן די סחורות זענען צוזאַמענגעשטעלט לויטן באַדאַרף־צוועק, הויבט זיך אָן אַרויסצובילדן פון דעם אַלטן בראַנזשע־געשעפט. אין אַ געוויסן זין האַלט זיך שוין, דער טאָי־מען, דער צירונג־סוחר, אין דאָזיקן נייעם פּרינציפּ; אויך אין דעם פּאַראַנען זיין פון צודאַטן צום ווייבלעכן טואַלעט געפינען מיר שוין די ערשטע שפּורן צו אַ נייער גרופּירונג פון די סחורות אין געשעפט. אויבנאויפיק ווייזט אויס, אַז אויך דער מערסער האַלט ביים ווערן אַ באַקליידונגס־געשעפט: „דער מערסער האַנדלט מיט זיידנס, סאַמעט, בראָקאַטן און מיט אַן אומצאָליקער מאַסע טייערע קליייניקייטן, וואָס געהערן צו דער באַצירונג פון שיינעם מין". אָבער דער ערשטער, עכטער באַדאַרף־אַרטיקל־גע־שעפט איז, לויט מיין מיינונג, דאָס וווינונג־איינריכטונגס־געשעפט, אין וועלכן עס געפינט זיך שוין אַלץ (פאַרשטייט זיך, אז נאָר פון בעסטער קוואַליטעט), וואָס עס איז נויטיק אויף אויסצופּוצן אַ דירה. טיילווייז זענען עס, ווייזט אויס, געווען די טאַפּעצי־רער, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַזעלכע מעבל־איינ־ריכטונגס־געשעפטן, אין וועלכע מ'האָט געקענט געפינען טישן, קאָמאָדעס, אַלערליי קונסט־סטאָלעריי, שפּיגלען, ליוסטרעס, א. א. וו. זייט ביי זייט מיט בעטן און קישנס, פאָרהאַנגען און וואַנט־טאַפּעטן, וועלכע זיי האָבן אַליין אויסגעאַרבעט. טיילווייז זענען עס געווען בלויז הענדלער מיט דידאָזיקע זאַכן, וועלכע זיי האָבן אָבער אויך פאַרייניקט אין איין קראָם. זיי פאַרקויפן: בילדער, גראַוויורעס, קאַנדעלאַברעס, ליוסטרעס, פיגורן פון בראָנז, מאַרמאָר, האָלץ און פון אַנדערע שטאָפן. טיש־זייגערס און קעשענע־זייגערס, בופעטן, שרענק, שופלאָדן, טישן, טישע־לעך פון האָלץ און באַגולטע, מאַרמאָרטישן און אַנדערע סחורות און קוריאָזיטעטן, וואָס דינען אויסצופּוצן אַ דירה.

אין לאָנדאָן געפינען מיר אין דערזעלבער צייט גאַנץ

ענלעכע געשעפטן. דאָ זענען דאָס די לוקסוס-מעבל-סטאָליאַרעס, וועלכע האַלטן צום פאַרקויפן אין אייגן קראָם אַלערליי איינריכטונגס-געגנשטאַנדן, פון וועלכע זיי האָבן אַלע אויסגעאַרבעט בלויז אַ טייל: אַנדערע פון דידאָזיקע קראָמען זענען אַזוי רייך איינגעריכטעט, אַז זיי זעען גיכער אויס ווי פּאַלאַצן, און זייער אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל איז אומגעהויער גרויס. לעבן די דאָזיקע זענען אָבער אויך דאָ איינריכטונגס-מאַגאַזינען פון די טאַפּעצירער, פּונקט ווי אין פּאַריז: געוויסע פון זיי זענען גרויסע קראָם-אייגנטימער, וועלכע האָבן תמיד אויפן לאַגער אַ גרויסן סכום פאַרטיקע סחורה צום פאַרקויף.

4. די פאַרזאַכלעכונג פון דער פאַרהעלטעניש צווישן דעם סוחר און דער קונדשאַפט, וועלכע צייכנט אויס קודם כל די גאַנצע שפּעטערדיקע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, האָט איר אָנהויב אין דידאָזיקע גרויסע לוקסוס-געשעפטן: דער „פּטי דונקערק" איז לויט מיין וויסן דאָס ערשטע דעטאַל-געשעפט, אין וועלכן עס זענען איינגעפירט געוואָרן פעסטע פּרייזן.

5. אין דידאָזיקע גרויסע לוקסוס-קראָמען: מיט דעם האָב איך באַרירט דעם לעצטן און וויכטיקסטן פּונקט. ס'איז קלאָר, אַז אין דער מאָס, אין וועלכער עס זענען אָנגעווענדט געוואָרן די אַלע אויסגערעכנטע געשעפט-פּרינציפּן, האָט זיך אויך געמוזט פאַרגרעסערן די קאַפּיטאַליסטישע באַזיס, אויף וועלכער דידאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע געשעפטן האָבן זיך געבויט.

באַזונדערס ווערט אונז מיטגעטיילט וועגן די זיידנוואַרג-געשעפטן, אַז זיי זענען צום טייל געוועזן זייער גרויס. פון איין פּאַריזער דעטאַל-געשעפט (גאַלפּען) דערוויסן מיר זיך פון אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט, אַז אין איין-איינציקן טאָג איז אין אים פאַרקויפט געוואָרן שטאָף פאַר 80.000 ליוור. דער „פּולקאָמענער ענגלישער האַנדלסמאַן" דערציילט אונז 1727 פון אַ מערסער, וועלכער באַשעפטיקט אין זיין קראָם אַ גרויסע צאָל אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. איינע אַ דאַמע, וועלכע ער באַדינט, און וועלכע האַלט זיך בכיון אויף ביי אים צוויי שעה נישט

קויפנדיק גאָרנישט, לייגט ער פאַר סחורה אומגעפער פאַר 3000 פ"ש אַ צווייטן מערסער האָט ער געקענט, וועלכער האָט געמאַכט אַן אומזאַץ פון 40.000 פ"ש אַ יאָר. דער קאַפּיטאַל, מיט וועלכן מ'האָט אינמיטן 18-טן יאָרהונדערט געקענט אויפ-עפענען אַ זיידנוואַרג-געשעפט, ווערט געשאַצט פון איין אינ-פאָרמאַטאָר אויף 2000—500 פ"ש, פון אַ צווייטן אויף 1000—10.000 פ"ש: „10.000 פ"ש, ווען זיי ווערן נישט גוט אויסגענוצט, מאַכן אויס בלויז אַ קליינע פיגור אין דערדאָזיקער בראַנזשע".

די ביכער, פון וועלכע כ'נעם אַרויס דידאָזיקע ידיעות, זענען צוויי אינטערעסאַנטע און וויכטיקע קוועלן, כדי פעסט-צושטעלן דעם גראַד פון קאַפּיטאַל-קאָנצענטראַציע אין די איינצלנע רעטאַל-האַנדלס-בראַנזשעס אין לאָנדאָן אינמיטן 18-טן יאָר-הונדערט.

אין דידאָזיקע שריפטן זענען אַלפאַבעטיש אויפגעציילט אַלע לאָנדאָנער מלאכות און ביי יעדער איינער (אַלס שטיץ-פונקט פאַר דעמיעניקן לערניינגל, אָדער פאַר די עלטערן פון לערניינגל, וועלכער וויל זיך צוקלייבן אַ באַרוף) איז אָנגעגעבן די מינימום-סומע, וועלכע איז נויטיק אויף איינאָרדנען זיך אין איר.

דאָ קענען מיר געפינען אַ באַשטעטיקונג פאַר דער ריכ-טיקייט פון דער מיינונג, וועלכע ווערט דאָ אַרויסגעזאָגט: דאָס זענען כמעט אַלץ לוקסוס-געשעפטן, וועלכע שטעלן גרויסע פאָ-דערונגען: ד. ה. זיי פאָדערן איבער 500 פ"ש אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל. דאָס זענען די פאָלגנדיקע צווייגן:

| | |
|---|---|
| בוכהענדלער | 5000—500 פ"ש |
| פאָרצעלאַי-קראָמען | 2000—500 " |
| דראָגיסט | 2000—500 " |
| קאָלאָניאַל-סחורות | 2000—500 " |
| טאַשמע-געשעפט | 2000—500 " |
| וועב-סחורות (קודם כל זיידענע טריקאָטן) | 5000—500 " |
| בלומען- און קוסטעס-האַנדל | 1000—500 " |
| באַוול-הענדלער Thread man (פאָדים?) | 1000—500 " |
| גאַלאַנטעריי-הענדלער | 2000 " |

הענדלער, וועלכע מ'קען נישט באַטראַכטן אַלס סוחרים מיט לוקסוס-סחורות, ווייניקסטנס נישט דירעקט (כאָטש אויך זיי האָבן סוף-כל-סוף געלעבט פון די רייכע לייט פון דער שטאָט) און נישט אויסשליסלעך, און דאַרפן האָבן אַן אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל מער ווי 500 פ"ש, זענען נאָר די קוילן-, אייזן-, און האָלץ-הענדלער.

די איבערוויגנדיקע באַדייטונג פון האַנדל מיט לוקסוס-סחורות קען מען אויך זען פון דעם פאַקט, וואָס קאָמפּאַניע-געשעפטן זענען פּראַקטיצירט געוואָרן ביי די זיידנס-הענדלער, די ליינען-הענדלער און ביי די גאָלדשמידן-באַנקירן.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אויך (און דווקא) אין דעטאַל-האַנדל דרינגט אַריין דער קאַפּיטאַליזם דורך דער פאַרברייטערונג פון לוקסוס. די סיבות פון דעם ליגן אויף דער האַנט; זיי זענען שוין שטיל-שווייגנדיק איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער פריער-דיקער שילדערונג. איך שטעל זיי דאָ נאָכאַמאָל צוזאַמען:

1. דער כאַראַקטער פון די סחורות טרייבט צו קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרגאַניזאַציע; זיי זענען די הויכווערטיקסטע און זענען געקומען צום פריסטן אין גרעסערע קוואַנטומס אין האַנדל;

2. דער כאַראַקטער פון דער קונדשאַפט העלפט מיט דער-דאָזיקער אַנטוויקלונג צום קאַפּיטאַליזם; זי שטעלט די העכסטע פאָדערונגען בנוגע עלעגאַנץ און העפלעכקייט, און (אַ גרונד, וואָס איז, ווייזט אויס, אין יענע גליקלעכע צייטן געווען זייער וואָגיק, ווייל אַלע ראַטגעבער אין האַנדלס-זאַכן שטעלן זיך אויף אים אָפּ) דידאָזיקע פאָרנעמע קונדשאַפט באַצאָלט קיינמאָל נישט מיט מזומנים אָדער בכלל נישט; דער סוחר, וועלכער האַנדלט מיט לוקסוס-סחורות, מוז אַזוי-אַרום—ווען מ'נעמט אָן, אַז די איבעריקע אומשטענדן זענען גלייך—תמיד האָבן אַ גרעסערן קאַפּיטאַל אין זיין רשות, ווייל זיין אומזאַץ (צוליב דעם באָרג-סיסטעם) איז אַ לאַנגזאַמערער.

## III. דער לוקסוס און די לאַנדווירטשאַפט

### 1. אין איי ראָ פּ ע

אוממיטלבאַר איז דער קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט געשטיצט געוואָרן דורכדעם, אויף וויפל דער באָדן, וואָס איז פריער באַאַרבעט געוואָרן דורך פויערים, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שעפּסן-פּאַשע, כדי צו באַפרידיקן דעם וואַקסנדיקן באַדאַרף אין וואָל. דאָס איז פאָרגעקומען בעתן מיטלאַלטער און שפּעטער אין דרום-איטאַליע, שפּאַניע און ענגלאַנד. די אויסשפרייטונג פון דער פריצישער שאָף-ווירטשאַפט אויפן חשבון פון דער אַלטער פויערים-ווירטשאַפט זאָל האָבן פאָרגעקומען אין ענגלאַנד אונטער דער הערשאַפט פון די טיודאָרס אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם און אַזוי שנעל, אַז זי האָט ביי טאָמאַס מאָרוס אַרויסגעריסן די מימרא, אַז שאָף פרעסן אויף דעם מענטשן. איך גלויב אָבער, אַז מען איבערשעצט די דאַמאָלט שוין „פאַרשמעלערטע", ד. ה. אין שאָף-פּאַשע פאַרוואַנדלטע באָדן-שטחים; יעדנפאַלס האָט די באַוועגונג אין דער ריכטונג צו אַ קאַפּיטאַליסטישן גרויס-באַטריב אין דער לאַנדווירטשאַפט עקזיסטירט און ביזן 18-טן יאָרהונדערט האָט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט. און דידאָזיקע באַוועגונג האָט פאַר דער אַנטשטייונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אַ צווייפאַכע באַדייטונג: אויף וויפל זי שאַפט אַליין פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און אויף וויפל זי אונטערשטיצט די אויסבילדונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטרי דורך פאַרמינערן דעם נאַרונגס-שטח פאַר זעלבשטענדיקע קליינע לאַנדווירטן.

און ווידעראַמאָל איז דידאָזיקע גאַנצע באַוועגונג אַ ווערק פון לוקסוס, ווייל די וואָלן, וועלכע מ'האָט פראָדוצירט אין די ניי-געשאַפענע שאָף-ווירטשאַפטן, האָבן געליפערט דעם מאַטעריאַל פאַר די פיינסטע געוועבן, וועלכע די הויך-אַנטוויקלטע לוקסוס-

וועבעריי אין פלאנדערן, בראבאנט און פלאָרענץ האָט פּראָדו־ צירט פאַרן קאָנסום פון די רייכסטע, ווי דאָס וועט נאָך געוויזן ווערן אין משך פון דער ווייטערער שילדערונג.

חוצדעם איז די השפעה פון לוקסוס אויף דער לאַנדווירט־ שאַפט פון דער אַרט, אַז דורך אים ווערט די פּראָדוקציע פאַר־ בעסערט און פאַרפיינערט; און דאָס הויבט פון זייער זייט די גערעטענישן און במילא דעם ווערט פון באָדן און שטויסט די איינגנטימער, אויב נישט צו איינאָרדנען קאַפּיטאַליסטישע גוט־ ווירטשאַפטן, טאָ לכל הפחות דורכצודרינגען די לאַנדווירטשאַפט מיטן קאַפּיטאַליסטישן גייסט, וועלכער רייסט דאַן אויף די אַלטע פאָרמען פון דער פעאָדאַלער לאַנדווירטשאַפט און מאַכט ווידער אומדירעקט פריי דעם וועג פאַר דער אַלגעמיינער קאַפּיטאַ־ ליסטישער אַנטוויקלונג (ווי איך האָב דאָס פּרובירט שילדערן אין מיין „מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם״).

די מיינסטע טעכנישע און עקאָנאָמישע איבערקערענישן, וועלכע מיר באַגעגענען אין דער אייראָפּעישער לאַנדווירטשאַפט, זענען ביז אין ניינצנטן יאָרהונדערט אַריין אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם וואַקסנדיקן לוקסוס־באַדאַרף פון דער רייכער באַפעל־ קערונג. לגבי דעמדאָזיקן איינפלוס פונם לוקסוס־באַדאַרף אויף דער לאַנדווירטשאַפט, ווערט אָן ספק פאַררוקט אין שאָטן דער איינפלוס פון מאַסנבאַדאַרף (ד. ה. די נאָכפראַגע אויף תבואה), דערדאָזיקער מאַסנבאַדאַרף קומט צום אויסדרוק אויף אַ רעוואָ־ ליוציאָנערן אופן בלויז אויף איין שטעלע, ווי דאָס ווערט אויפגעוויזן אין 2־טן באַנד פון דידאָזיקע שטודיען, ווו עס טרעטן פלוצלונג אַרויס זייט דעם 16־טן יאָרהונדערט די אַרמייען מיט זייערע גרויסע פאָדערונגען. ווען נישט דאָס, וואָלט די תבואה־פּראָדוקציע פאַר דער לאַנגזאַם־אַנוואַקסנדיקער שטאָטישער באַפעלקערונג זיך אָפּגעשפּילט אין די ראַמען פון דער מיטל־ אַלטערלעך־פעאָדאַלער לאַנדווירטשאַפט. וועט מען מיר אָבער וועלן אָפּפרעגן און באַהויפּטן: דער גרויסער תבואה־קאָנסום פון די וועלטשטעט ווי לאָנדאָן, פּאַריז, אַמסטערדאַם, מאַילאַנד, ווענעציע איז דאָס געווען, וואָס האָט דער לאַנדווירטשאַפט גע־

געבן אַ שטאַרקערן שטויס, וועל איך זיך רעוואַנשירן מיט דער אָנווייזונג, אַז דידאָזיקע שטעט אַליין זענען אין זייער גאַנצקייט אַ קינד פון לוקסוס. אָבער איך גלויב, אַז מיר נויטיקן זיך נישט אין אַזעלכע קאָנסטרוקציעס, כדי צו פאַרשרייבן אויפן חשבון פון לוקסוס די אַלע פאַרענדערונגען, וועלכע די לאַנדווירטשאַפט מאַכט דורך ביז אין 18-טן יאָרהונדערט אַריין.

דער שנעלער וווּקס פון די איטאַליענישע קאָמונען בעת די לעצטע צייטן פון מיטלאַלטער האָט געבראַכט דערצו, אַז כמעט אין גאַנץ איטאַליע האָט די לאַנדווירטשאַפט אָנגענומען מאָדערנע פאָרמען: „די שפע קאַפּיטאַלן האָט געגעבן דעם לאַנד די מעגלעכקייט בררייט צו אַנטוויקלען די אַרבעטן אויף צו באַוואַסערן, אויסטריקענען, באַמיסטיקן די ערד, ווי אויך אַלע אַנדערע אַמעליאַראַציע־אַרבעטן. דעם רייכטום, וואָס דרינגט אַריין אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָט געבראַכט צו דער פאַרגרעסערונג און פאַרבעסערונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער בלי־צושטאַנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטרי האָט געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר אַ גרויסער פאַרשפּרייטונג פון פאַרשידענע געוויקסן, וואָס ווערן באַנוצט אין דער אינדוסטרי". אַזוי רעזומירט דעם רעזולטאַט פון זיינע שטודיען איינער פון די בעסטע קענער פון דער געשיכטע פון דער איטאַליענישער לאַנדווירטשאַפט (בערטאַגנאָלי). און אַז אויף די פעלדער און אין די וויינגערטנער פון דאַמאָלטיקן איטאַליען האָט געווייעט אַ קאַפּיטאַליסטישער גייסט, וועגן דעם קלערט אונז אויף דער שטודיום פון די מיינסטע שטאָט־רעכטן, וועלכע באַהאַנדלען כמעט תמיד אויך די לאַנדווירטשאַפט; זיי באַשטרעבן צו שיצן דעם אייגנטימער קעגן די שווינדלערייען און דער פוילקייט פון די פאכטערס אָדער קאָלאָנען, אויסצובילדן דעם אינסטיטוט פון די פעלדהיטער (סאַלטאַרי), צו באַשטראָפן די פעלד־גנבות א. אַ. וו.

ענלעכע פּראָצעסן ווי אין איטאַליע שפּילן זיך אָפּ אין משך פון מיטלאַלטער אויך אין דער בעלגישער לאַנדווירטשאַפט, דאָ און דאָרט באַטירלעך אויך אין דער דייטשישער, פראַנצויזישער און ענגלישער לאַנדווירטשאַפט, אָבער אין דידאָזיקע

לעגדער איז די השפּעה פון דער שטאָטישער קאַפּיטאַליסטי־
שער אַנטוויקלונג געווען צו ווייניק דויערהאַפט, כּדי אַרויסצו־
רופן אַן איבעראַנדערשונג פון די אַגראַרישע צושטאַנדן שוין
בעת דעם מיטלאַלטער.

דאַקעגן פאַלט אויס די איינציקע בלי-תּקופה פון דער
קאַפּיטאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט אין שפּאַניען אין 16-טן
יאָרהונדערט: זי איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם שנעל און
אינטענסיוו אָנגעוואַקסענעם באַדאַרף באַזונדערס פון די פלוצ־
לונג רייך-געוואָרענע קאָנקוויסטאַדאָרס אָבער אויך פון די
האַנדלס- און געלט-מענער פון די שפּאַנישע שטעט. אין דרום
פון לאַנד האָט די וויין-אינדוסטריע אָנגענומען גרויסע דימענסיעס.
קאַדיקס און סעווילאַ אַליין האָבן אַרויסגעפירט קיין אַמע־
ריקע 140.000 צענטנער וויין. „דאַמאָלסט איז עס געשען, אַז די
גרויסע הערן פון סעווילאַס סוחרימטום האָבן געוואָלט צוגעבן
זייערע געשעפטן נאָך אַ גלענצענדערן אויפשווונג דורכדעם,
וואָס זיי האָבן אַריינגענומען אין דער אייגענער האַנט די קול־
טור פון דעם באַגערטסטן אַרטיקל. היות זיי האָבן געהאַט אין
זייער רשות קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלן, האָבן זיי נאָר געדאַרפט
וועלן, און ווי באַרירט פון אַ צויבערשטעקעלע, האָט זיך דער
טאָל פון גוואַדאלקוויוויר ביז אַרויף צו דער סיעראַ מאָרענאַ
באַדעקט מיט כוואַליעדיקע תּבואה-פעלדער, מיט פּרעכטיקע
אויבס- און אייל-גערטנער און מיט ווייַנגערטנער, וואָס זייער
גערעטעניש אַליין האָט אויסגעפילט גאַנצע שיף-לאָדונגען".

די קאָרטעס קלאָגן זיך אין 16-טן יאָרהונדערט, אַז דער
וויין, וואָס איז רענטאַבלער, נעמט צו ביים ברויט דעם באָדן.
מען האָט דעריבער געזוכט מיטלען כּדי נישט דערלאָזן, אַז
דאָס תּבואה-לאַנד זאָל פּאַרמינערט ווערן דורכן וויין.

באַזונדערס דייטלעך לאָזן זיך אָבער נאָכפאָלגן די צו־
זאַמענהאַנגען צווישן דער „הויבונג פון דער לאַנדווירטשאַפט"
און דעם וואַקסנדיקן לוקסוס-באַדאַרף אין ענגלאַנד אין משך
פון 17-טן און באַזונדערס בעת דעם 18-טן יאָרהונדערט. דאָ
איז די לאַנדווירטשאַפט זיכער רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן דורך

דער וואַקסנדיקער באַדײַטונג פון לאָנדאָן אַלס לוקסוס-קאָנסום-צענטר.

שוין די שריפטשטעלער, וועלכע באַקענען אונז מיט דעם דאָרפישן ענגלאַנד אין לעצטן פערטל פון 18-טן יאָרהונדערט, אַרטור יאָנג, די באַאַרבעטער פון דעפאָ, וועלכער איז אין 1788 דערשינען אין דער אַכטער אויפלאַגע, און אויך עדען, לאָזן אונז איבער דעם איינדרוק, אַז אויף וויפל ענגלאַנדס לאַנדווירטשאַפט גייט מיט בייע וועגן, האָט זי דאָס צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך לאָנדאָן, און אויך אין די גראפשאַפט-באַריכטן, וועלכע זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אַרום סוף 18-טן יאָרהונדערט לויט דער איניציאַטיוו פון „באָרד אוו טרייד“, דערשיינט די הויפּטשטאָט אַלס אַ צענטראַל-זון, פון וועלכער אַלע פּראָווינצן באַקומען זייער ליכט. אומעטום, ווו עס ווערט פּראָדוצירט פאַר לאָנדאָן, פּראָגרעסירט די לאַנדווירטשאַפט: עס האָבן זיך געבילדעט טעאָרעטיש-רעגלמעסיקע אינטענסיטעט-קרייזן אַרום „דער שטאָט“. די גראפשאַפטן עסעקס („דאָס גאַנצע לאַנד זעט אויס, ווי אַ גאָרטן“), סוסעקס, קענט, שורע, הערפאָרט, נאָרפאָלק, שופּאָלק זענען די פאַוואָריזירטע, אין וועלכע עס ווערן גאַנץ באַזונדערס גערימט די „פאַרבעסערונגען פון דער לאַנדווירטשאַפט“. טרעפט אָן אַ רייזנדער אַביסל ווייטער פון לאָנדאָן אינטענסיווע לאַנדווירטשאַפט איז ער דערשטוינט, וואָס ער געפינט עפּעס ענלעכעס „אַזוי ווייט פון לאָנדאָן“, און ער ווערט, פאַרקערט, אויפגעבראַכט, ווען אַ לאַנד-שטח, וואָס ליגט נאָענט פון שטאָט ציט נישט אַרויס קיין נוצן פון זיין גוטער לאַגע און באַוועגט זיך ווייטער אין די אַלטע וועגן פון דער עקסטענסיווער לאַנדווירטשאַפט.

די פּרייזן פון די מיינסטע אַגראַר-פּראָדוקטן ווערן רעגלמעסיק טייערער פון דער פּעריפעריע ביז לאָנדאָן; די איינוווינער פון דער פּראָווינץ מאַכן די ריכטיקע באַאָבאַכטונג, אַז די שאָסעען פאַרטייערן זייער לעבנס-אונטערהאַלט, די שאָסעען, וואָס כמעט אַלע פאַרשפּרייטן זיי זיך ראַדיאַל פון לאָנדאָן איבערן לאַנד, אָדער, אַז די לאָנדאָנער כאַפּן זיי צו פון אונטער דער נאָז די בעסטע לעבנס-מיטל און לאָזן זיי איבער די שיריים.

פרעגן מיר אָבער, דורך וואָס האָט לאָנדאָן געקענט האָבן דעמדאָזיקן גרויסן איינפלוס אויף די פרייזן פון די אַגראַרפּראָדוקטן און דורכדעם אויף דער פאָרמירונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קולטור, מוזן מיר אויף דעם ענטפערן, אַז נישט דער באַפעלקערונגס-וווּקס האָט דאָ געקענט שפּילן די עיקרדיקע רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָל, ווייל די באַפעלקערונגס-צאָל איז גאָרנישט געווען אַזוי גרויס בעת דעם 18-טן יאָרהונדערט. אויב מיר זאָלן גלויבן די באַרעכענונגען פון פּעטטי און קינג, האָט לאָנדאָן שוין אין די אַכציקער יאָרן פון 17-טן יאָרהונדערט געהאַט בערך 700.000 איינוווינער, מיט הונדערט יאָר שפּעטער כמעט נישט מער און צום אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט, אין יאָר 1801, וועלכער איז געקומען נאָך עטלעכע יאָרצענדליקער פון גאַנץ אומגעווייִנטן באַפעלקערונגס-צושטראָם, 864.845 איינוווינער.

גיכער פאַר אַלץ איז די קאָנסום-פאַרפּיינערונג פון דער פאַרמעגלעכער באַפעלקערונג געווען די וויכטיקסטע סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ געהעכערטע נאָכפראַגע אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. מיר קומען צו דעמזעלבן שלוס, ווען מיר באַטראַכטן די פּרייז-באַוועגונג ביי די פאַרשידענע אַגראַר-פּראָדוקטן אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט; מיר זעען דאַן, אַז ווייציקסטנס בעת דער ערשטער העלפט פון יאָרהונדערט ווייזן נישט אַרויס די תבואה-פּרייזן אין ענגלאַנד קיין שום טענדענץ צו שטייגן, בעת די פּרייזן פון כמעט אַלע אַנדערע פּראָדוקטן און קודם כל פון פלייש, הויבן זיך שטאַרק. און אויף וויפל מיר באַזיצן פאַקטן וועגן דערווירקלעכער פאָרמירונג פון קאָנסום, באַשטעטיקן זיי לגמרי יענע היפּאָטעזע. קודם כל האָט אין לאָנדאָן בכלל געמוזט זיין אַ גרויסער פלייש-קאָנסום אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט, און אין דערדאָזיקער צייט האָט ער נאָך געמוזט שטאַרק אויסוואַקסן. ווען מיר זאָלן אַפילו נישט שענקען קיין צו גרויסן גלויבן די ציפער-ידיעות, ווי עס גיט זיי צום ביישפּיל אָן עדען, — לויט דידאָזיקע ציפער זאָל דער פלייש-קאָנסום (אָן חזיר- און קאַלב-פלייש) אַרום סוף יאָרהונדערט האָבן דערגרייכט 90 פונט אויף יעדער קאָפּ פון דער באַפעל-

קערונג, ד. ה. אַ הויך־ וועלכע נישט אַלע היינטיקע גרויסשטעט דערגרייכן — פונדעסטוועגן איז דער אויסערגעוויינלעך שטאַר־קער פלייש־קאָנסום אַ זיכערער פאַקט. מיר זעען דאָס, למשל, פון די שילדערונגען, וועלכע מיר באַזיצן פון דעם באַרימטן פי־מאַרק פון סמיטפילד, וואָס פלעגט פאַרקומען צוויי מאָל אַ וואָך און איז געווען דער גרעסטער אויף דער וועלט, — אָדער פון דעם נישט ווינציקער באַרימטן פלייש־מאַרק לידען־האָל, וועגן וועלכן אַ שפּאַנישער קאָנסול האָט באַמערקט, אַז עס ווערט פאַר־קויפט אויף אים אין משך פון איין חודש אַזויפיל פלייש, וואָס וואָלט געקלעקט צו פאַרזאָרגן גאַנץ שפּאַניען אויף אַ יאָר.

אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט זאָלן אין לאָנדאָן האָבן געווען נישט ווינציקער ווי 17 פלייש־מערק „פאַר אַלע סאָרטן פיינעם פלייש", אויף וועלכע מ'פלעגט אויך פאַרקויפן עופות, „אַ חוץ אַ סך אַנדערע גאַסן־יאַטקעס", פאַר די פאַמיליעס, וואָס וווינען זייער ווייט פון אַ מאַרק.

דאָס קענען מיר אָבער אויך איינזען פון די באַריכטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונז וועגן דער פאַרשפּרייטער און צום טייל שוין הויך־אַנטוויקלטער ענגלישער פי־צוכט אין 18־טן יאָרהונדערט. זיי אַלע זענען איינשטימיק בנוגע דעם, אַז דער עיקר איז די אַנטוויקלטע לאַנדווירטשאַפט צוגעפּאַסט צו דער איינאָרדנונג פון פאַשעס און צו אינטענסיווער פי־צוכט: אין קענט ווי אין נאָרפאָלק, אין עסעקס ווי אין סאָמערסעטשייר. אין אַ סך הינזיכטן איז שוין איינגעפירט געוואָרן אַ ווייט־גרייכנדיקע ספּעציאַליזירונג פון דער פי־ווירטשאַפט: פאַרשטייט זיך, אַז צווישן שאָף־ און רינדפי־צוכט, אָבער אויך שוין אין דעם זין, אַז די בערגלענדער, ווי דעוואָנשיר, האָבן איבערגע־נומען די אייגנטלעכע צוכט און פרוכטבאַרע פלאַכלענדער, ווי סאמערסעטשייר — די פיטערונג.

די ראַשע פאַרפולקאָמונג פון דער פי־ווירטשאַפט איז צו זען פון דער דערשטוינלעכער פאַרגרעסערונג פון דורכשניטגע־וויכט פון יעדער איינצלנער פי־שטיק. אויף דעם סמיטפילד־מאַרק האָט דער דורכשניט־געוויכט אויסגעמאַכט ביי

| | אָקסן | קעלבער | שאָף | לעמער |
|---|---|---|---|---|
| 1710 | 370 לבס. | 50 לבס. | 28 לבס. | 18 |
| 1795 | 800 " | 148 " | 80 " | 50 |

דיזעלבע טענדענץ צו ספּעציאַליזירונג, וואָס לאָזט אונז מאכן אן אויספיר סיי וועגן דער פאַרפּייַנערונג פון קאָנסום, סיי וועגן דער הויכער טעכניק פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, באמערקן מיר אויך ביי אַלע איבעריקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. ווען מען בלעטערט דורך די בענד פון דעפּאָס דאָרף-באשרייבונגען, דערמאָנט מען זיך גאנץ שטאַרק אין די שילדערונגען פון די רוימישע אַגראַר-שריפטשטעלער. מיר הערן דאָ וועגן געגנטן, וואָס זייער ספּעציאַליטעט איז די ליפערונג פון טרינקקאָרן (גערשטן אָדער מאַלץ), בעת אנדערע פּראָדוצירן דעם דערצו געהעריקן האָפּן. דאָ איז דער הויפּט-זעכלעך-קולטיווירטער פּראָדוקט — דער האָבער, דאָרט — קאַר-טאָפל. די בעסטע עופות קומען פון דער אומגעגנט פון דאָר-קינג, דער בעסטער קעז פון אקספאַרדשייר און גלאָוצעסטערשייר, דער בעסטער שפּעק פון ווילטשייר און העמפּשייר, בעת די געגנטן לענגאויס דער טעמזע זענען פּראָגראַממעסיק די האָלץ-ליפעראַנטן און גאַר נאָענט פון דער שטאָט ווערט פּראָדוצירט גרינס אין גאָרטנמעסיקער באַאַרבעטונג.

די גערטנער ציען זיך ביז צו גרייוועזענד, ווו עס ווערט פּראָדוצירט דער בעסטער שפּאַרגל.

## 2. אין די קאָלאָניעס

אויף דער לאַנדווירטשאַפט אין די קאָלאָניעס האָט דער וווּקס פון אייראָפּעישן לוקסוס-באַדאַרף געווירקט אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן: דאָ האָט ער אוממיטלבאַר געשאַפן קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען פון גרויסן סטיל, אפשר די ערשטע אין זייער אַרט.

אַז די פּראָדוקציע אין כמעט אַלע אייראָפּעישע קאָלאָ-

ניצס איז קודם כל געווען א פּראָדוקציע פון הויכווערטיקע לוקסוס - אַרטיקלען. האָבן אונז געוויזן די איבעריזיכטן איבער די געגנשטאַנדן פון קאָלאָניאַלן האַנדל. ווייל די־דאָזיקע לוקסוס-סחורות זענען צום גרעסטן טייל פּראָדוצירט גע־וואָרן אין דער מעבר-לימדיקער לאַנדווירטשאַפט. די אַרטיקלען, וועלכע קומען דאָ קודם כל אין באַטראַכט, זענען: צוקער, קאַקאַאָ, באַוול (ביז אין מיטן 18-טן יאָרהונדערט אַ לוקסוס־אַרטיקל) און קאַווע, וועלכע זענען אַלע פּראָדוצירט געוואָרן אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, און די געווירצן, דער הויפּט־פּראָדוקט פון די מזרח-אַזיאַטישע קאָלאָניעס; דאַבײ טייל איך דאָ אויס דעם טאַבאַק, ווייל ער איז געווען אַ גענוס-מיטל, וואָס איז פאַרשפּרייט געווען אויך צווישן די אונטערשטע באַ־פעלקערונגס-שיכטן (נישט אַריינרעכענעדיק דאָ די פיינערע סאָרטן): „אין די קאָלאָניעס אַרבעט מען בלויז פאַרן לוקסוס". אורטיילט גאַנץ זאַכלעך אַ שריפטשטעלער אין אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט (מעלאָן, אָפּהאַנדלונג וועגן האַנדל, 1734).

ווען מיר לאָזן אין אַ זייט די אַרבעטס-קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט געהערשט אין די האָלענדישע געווירץ-קאָלאָניעס און וועלכע איז געקרוינט געווען דורך אַ קאָמפּליצירטער סיס־טעם פון צוואַנגס-פּראָדוקציע פון דער היימישער באַפעלקערונג, זענען די אַלע אויסגערעכנטע לוקסוס-אַרטיקלען פּראָדוצירט געוואָרן אין די אייראָפּעישע קאָלאָניעס אין גרויסע פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן געטראָגן אַ ריין-קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. מען האָט (אפשר מיט רעכט) געזאָגט, אַז דאָ, ווייט פון די טראַדיציעס פון דער אייראָפּעישער קולטור, האָבן זיך צוערשט אַנטוויקלט ריין-קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזמען. אמת, דעם באַגריף פון קאַפּיטאַליזם מוז מען אין דאָזיקן פאַל נעמען אַ ביסל ברייטער: מען מוז אָנרופן אַלס קאַפּיטאַליסטיש אויך די יעניקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַזירט אויף אומפרייער אַר־בעט, לכל הפחות דאַן, ווען דידאָזיקע אַרבעט ווערט דורכגעפירט דורך געקויפטע קנעכט. ווייל. דאָס, אַז דער קנעכט-באַטריב אין די אייראָפּעישע קאָלאָניעס איז אויפגעבויט געוואָרן אויף דער

קנעכט-אַרבעט, איז אַ באַקאַנטע זאַך. אַלע רעקוויזיטן, וואָס געהערן געוויינלעך צו אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג, האָבן שוין אָבער עקזיסטירט: די הערשאַפט פון ריוח-פּרינציפּ, די הערשאַפט פון עקאָנאָמישן ראַציאָנאַליזם, דער גרויסער פאַרנעם, די סאָציאַלע אָפּשיידונג פון פּראָדוקציע-אָנפירער און דער אַר-בעטערשאַפט: „די דערשיינונג פון אַ שטאַנד האַנט-אַרבעטער, וואָס זענען לחלוטין נישט מער ווי דאָס, טרעט דאָ אַרויס אין דער פאָרם פון דער נעגער-קנעכטשאַפט אין דער גאַנצער נאַ-קעטקייט און שוואַרצקייט". (קנאַפּפּ.)

אַ גרויסקאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער טראָגט שוין די פּלאַנ-טאַציע-ווירטשאַפט אין די קאָלאָניעס פון די איטאַל-יענישע שטעט אין עגעישן ים בעתן מיטלאַלטער. דאָ, אויף די פרוכטבאַרע אינזלען (קרעטאַ, כיאָס, ציפּערן) האָט מען אויסגעאַרבעט ווייַן, באַוול, אינדיגאָ, מאַסטיקס, אָליוון, זיידן-בוימער, פייגן, אָבער קודם כּל צוקער. אין געביט פון לימיססאָ, למשל, האָבן די קאָרנאַראָ באַזעסן אַ גרויסע צוקערפּלאַנטאַציע. ווען דער איטאַליענישער קאַסאָלאַ האָט באַרייזט דידאָזיקע געגנט אין יאָר 1494, זענען דאָ באַשעפטיקט געווען 400 פערזאָן.

דידאָזיקע אַלע פאַרהעלטענישן האָבן דאַן אין די אַמע-ריקאַנישע קאָלאָניעס אָנגענומען גיגאַנטישע פאָר-מען; נאָך דעם קורצן עפּיזאָד פון דער רויטער שקלאַפערייַ האָט די לאַגע באַהערשט די שוואַרצע שקלאַפערייַ.

אייגער פון די בעסטע טעאָרעטיקער פון דער שקלאַפּנ-ווירטשאַפט, קערנעס, האָט אויפגעוויזן די סיבות, פאַרוואָס נע-גער-שקלאַפּעריי און גרויסבאַטריבלעכע אויסבילדונג פון דער פּראָדוקציע זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט אין אַלע צייטן (מיר געפינען דאָך די נעגער-שקלאַפּעריי אין די ענגליש-מערב-אינדישע קאָלאָניעס, אין קובאַ, אין בראַזיליע, ווי אויך אין די צפון-אַמעריקאַנישע דרום-מלוכות): די רייכע פּלאַנצער, מיינט מר. קליי, קויפן אויס זייערע אָרעמערע שכנים, פאַרברייטערן זייערע פּלאַנטאַציעס און פאַרגרעסערן זייער שקלאַפן-באַשטאַנד.

די ווייניקער רייכע, וועלכע קענען עקזיסטירן ביי קלענערע רוחים און וועלכע זענען אימשטאַנד צו לאָזן רוען אַביסל זייערע פאַר־ברענטע פעלדער, פאַריאָגן אַזוי אַרום די פילע אומאָפּהענגיקע באַזיצער.

די צאָלן־ידיעות, וועלכע מיר באַזיצן וועגן דער אויס־שפּרייטונג פון איינצלנע פּלאַנטאַציעס, באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דידאָזיקע אַלגעמיינע אורטיילן.

לויט ל אַ ב אַ, וועלכער איז געווען אַ גוטער באַאָבאַכטער, איז אַרום יאָר 1700 אַ פּלאַנטאַציע אויף די פראַנצויזישע אַנטיל־לען געשאַצט געוואָרן אויף 350—400.000 פר. אַ צוקערפּלאַנ־טאַציע, וועלכע אַלעקסאַנדר פאָן הומבאָלדט באַשרייבט, ציט זיך איבער 650 העקטאַר לאַנד, 300 נעגער זענען אויף איר באַ־שעפטיקט און איר איינאָרדענונג האָט געקאָסט 2.000.000 פראַנק. אַן אַנדערע מיט 220 קנעכט ווערט געשאַצט אויף 35.000 פ"ש. אין יאָר 1791 זענען אין דער פראַנצויזישער האַאיטי געווען 792 פּלאַנטאַציעס, פון וועלכע 341 זענען דורכשניטלעך געשאַצט גע־וואָרן אויף 180.000 פר., 451 אויף 230.000, און וועלכע האָבן אַרויסגעפירט מינדעסטנס 750.000 מעטערצענטנער צוקער אין ווערט פון מער, ווי 100 מיליאָן פראַנק אַ יאָר; דער גאַנצער אינזל האָט זיך געפונען אין די הענט פון אַ קליינער צאָל פּלאַנטאַציע־באַזיצער, וועלכע זענען אָנגערופן געוואָרן „די גרוי־סע איינוואוינער"; זיי האָבן געבילדעט אַ פעסטצענויפגע־שמידעטע הערשער־קאַסטע.

וועגן דער אויסשפּרייטונג פון דער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט גופא און פון איר מאַסנבאַדייטונג קריגן מיר די ריכטיקסטע פאָרשטעלונג, ווען מיר דערוויסן זיך די צאָל קנעכט, וואָס זענען אין זיי באַנוצט געוואָרן. און דאָס איז נישט שווער, ווייל מיר פאַרמאָגן אַן אומגעפער גענויע סטאַטיסטיק פון דער שקלאַפן־באַפעלקערונג לכל־הפחות פאַרן 19־טן און צום טייל שוין פאַרן 18־טן יאָרהונדערט. דעם העכסטן פּונקט דערגרייכט די שקלאַפן־פּראָדוקציע ערשט אַ קורצע צייט פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער שקלאַפעריי, ווען נישט אַלע פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפטן

זענען נאָך געשטאַנען אין דינסט פון דער פּראָדוקציע פון לוק-סוס-אַרטיקלען, ווען די באַוול-שקלאַפן האָבן שוין פּראָדוצירט פאַר זייערע ברידער אין אייראָפּע דעם שפּין-שטאָף. די נויט-ווענדיקע אַראָפּרעכענונגען וועט מען אָבער קענען לייכט מאַכן.

אין די ענגליש-מערב-אינדישע נחלאות זענען אין 1778 געווען 663.899 נעגער-שקלאַפן.

אין אייניקע קאָלאָניעס, וועגן וועלכע מיר באַזיצן גענוי-ערע ציפער, קומט פאַר די אַנטוויקלונג פון דער שקלאַפעריי אויף פאָלגנדיקן אופן (כ׳גיב אָן די ערשטע זיכערע צאָל און די יעניקע, וואָס באַצייכנט דעם קולמינאַציע-פונקט):

| | | |
|---|---|---|
| מאַרטיניק | 1700: 14.566 | 1831: 86.299 |
| גוואדעלופ | 1700: 6.725 | 1831: 99.039 |
| פראנצ. גווינעאַ | 1695: 1,047 | 1831: 19.102 |
| בורבאָן | 1766: 26,175 | 1834: 70.425 |
| יאמאיקא | 1658: 1.400 | 1817: 343.145 |
| באַרבאַדאָס | 1722: 69.870 | 1829: 81.500 |
| אַנטיגאַ | 1774: 37.808 | (קולמ. פונקט) |
| מוריטיוס | 1776: 25.154 | 1826: 63.432 |
| קובאַ | 1774: 44.333 | 1827: 286.942 |
| פּאָרטאָריקאָ | 1778: 6.530 | 1836: 41.818 |

די אַלגעמיינע צאָל שקלאַפן אין אַלע שקלאַפנלענדער האָט און די 1830-ער יאָרן אויסגעמאַכט: 6.822.759.

דער געדאַנק, אַז די קליינע פריילנס אין פּאַריז און לאָנדאָן האָבן געשטעלט אויף די פיס דידאָזיקע ריזיקע שוואַר-צע אַרמיי, כּדי צו באַפרידיקן זייערע קאַפּריזן, פאַרמאָגט אין זיך נישט קיין קליינעם רייץ.

## IV. דער לוקסוס און די אינדוסטריע

### 1. די באַדייטונג פון די לוקסוס־אינדוסטריען

דאָ, אין דער ספערע פון דער אינדוסטרי־פּראָדוקציע, איז דאָס פעלד, אויף וועלכן עס לאָזט זיך באַזונדערס פילן דער איינפלוס פון לוקסוס; דאָ איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַנטוויקלונג פון לוקסוס־באַדאַרף און דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם דייטלעך אויך פאַרן קורצזיכטיקסטן אויג, דאָ קען מען עס ממש אָנטאַפּן מיט די הענט.

אָבער אויב מיר קענען אַפילו גאַנץ פּשוט אויפן גרונט פון אַ זייער אויבערפלעכלעכער דערפאַרונג פעסטשטעלן, אַז אַ סך אינדוסטריען זענען באַשאַפן געוואָרן אויף צו באַפרידיקן דעם לוקסוס־באַדאַרף, ד. ה., אַז אַ סך אינדוסטריען מוזן אָנגערופן ווערן „לוקסוס־אינדוסטריען", פונדעסטוועגן, ווען מיר טרעטן צו נענטער צו דער זאַך, שטעלט זיך פאַר אונז די פראַגע: צי איז נישט אַמאָל דער באַגריף פון דער לוקסוס־אינדוסטריע אַ צו פאַרשוואומענער, און צי דאַרפן מיר זיך נישט קודם כּל פאַרשטענדיקן, וואָס מיר פאַרשטייען דאָ אונטערן דאָזיקן נאָמען.

לוקסוס־אינדוסטריען, וועט מען זאָגן, זענען אינדוסטריען, וואָס פּראָדוצירן לוקסוס־אַרטיקלען: טייערע שטאָפן, עלעגאַנטע מעבל, צירונג־געגנשטאַנדן א. אַז. וו. אָבער, וואָס זענען אַזוינס, ווען מיר באַטראַכטן די זאַך גענויער, לוקסוס־אַרטיקלען? אָן שום ספק זענען דאָס די נאַר־וואָס אויסגערעכנטע געגנשטאַנדן, וואָס האָבן איין געמיינזאַמען שטריך: זיי דינען אוממיטלבאַר אַ לוקסוס־באַדערפעניש, זיי זענען אינדיווידועלע געברויכס־אַרטיקלען, אַרטיקלען פון ערשטער אָרדנונג. מיר וועלן אַזוי אַרום אָן שום וואַקלעניש מוזן אָנרופן „לוקסוס־אינדוסטריען" יענע פאַבריקן,

ווו עס ווערן פּראָדוצירט דידאָזיקע ארטיקלען. צי דען איז אָבער אויך א בראָקאט- אָדער סאמעט-וועבעריי נישט קיין לוקסוס-אינדוסטרי? און זי פּראָדוצירט דאָך נישט קיין אינדיווידועלע געברויכס-ארטיקלען, נאָר פּראָדוקציע-מיטלען — דעם שטאָף אויף קליידער, — ד. ה. ארטיקלען פון צווייטער אָרדנונג. אויב אָבער א זיידן-וועבעריי איז א לוקסוס-אינדוסטרי (און ס'וואָלט דאָך געהייסן באגיין א גוואלט-אקט לגבי דעם שפּראך-געברויך, ס'וואָלט דאָך געהייסן, אז מ'צעשיידט זאכן, וואָס געהערן צוזאמען, — ווען מ'זאָל זי נישט רופן אזוי), איז דאן א זיידנשפּינעריי אויך א לוקסוס-אינדוסטרי, ווייל זי גרייט דאָך צו דעם רוישטאָף פאר די זיידענע שטאָפן — אן ארטיקל, לאָמיר זאָגן א לוקסוס-ארטיקל פון דריטער אָרדנונג.

טאָ ווי-זשע: איז דער וועבשטול, אויף וועלכן עס ווערט געוועבט דאָס זיידנס, אויך א לוקסוס-ארטיקל, און צי דען זאָלן מיר די פאבריקאציע פון זיידן-וועב-שטולן אויך באטראכטן אלס לוקסוס-אינדוסטרי?

וועט מען אפשר זאָגן, אז דורכדעם, וואָס עס איז אן ארבעטס-מיטל, ענדערט זיך די לאגע? טאָ אויב אזוי, איז דען די ברעטער-שנייד-מיל, אין וועלכער עס ווערט פּראָדוצירט דאָס געהילץ פאר דער קונסט-מעבל-פאבריקאציע, ד. ה. אן ארטיקל פון צווייטער אָרדנונג אויפן וועג צום לוקסוס-ארטיקל — קונסט-מעבל, — צי דען וועט מען אויך דידאָזיקע ברעטער-שנייד-מיל אנרופן „לוקסוס-אינדוסטרי?"

איך רעכן, אז נישט. איך רעכן, אז אפילו די אייזנגיסעריי, פון וועלכער עס שטאמען די אייזערנע רערן פאר ווערסאלער פאנטאנען, ד. ה. וועלכע האָט געליפערט די יעניקע געגנשטאנדן, אָן וועלכע דער אויסגעצייכנטער לוקסוס-בנין וואָלט נישט געקענט געשאפן ווערן, וועט מען אויך נישט האלטן פאר קיין לוקסוס-אינדוסטרי.

אמת: א געוויסע באציאונג צווישן דערדאָזיקער ארט אינדוסטריען און דער אנטוויקלונג פון לוקסוס עקזיסטירט טאקע. און אויב מען וויל באגרייפן די באדייטונג פון דאָזיקן קולטור-

פענאָמען אין איר גאַנצן פאַרנעם, מוז מען נעמען אין אַכט אויך דידאָזיקע אויסשטראַלונגען, ווייל דידאָזיקע אַלע אינדוס-טריען, וועלכע בעמען אָנטייל אין דער באַפרידיקונג פון לוק-סוס-באַדאַרף אויף אַ גרעסערן אָדער קלענערן מרחק, וואָלטן אויף דער וועלט נישט געווען, ווען אין דער וועלט וואָלט נישט עקזיסטירט דער לוקסוס. און זייער אַ גרויסע טייל פון די פריקאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריען איז אויף אַזאַ אופן, דורך אומ-וועגן, אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך דעם לוקסוס. כאָטש צייטנווייז זענען די אומוועגן גאַנץ ווייטע: דערפאַר, ווייל די גלאָז־ און אַנדערע לוקסוס-אינדוסטריען האָבן פאַרנוצט דאָס האָלץ אין די וועלדער, איז דער שטיינקויל געוואָרן אַלץ אַ באַגערטערער ברען-מאַטעריאַל, וועלכן מ׳האָט אָנגעהויבן אַלץ מער צו פאָדערן, וואָס מער מענטשן עס האָבן זיך באַזעצט אין די אויפן לוקסוס באַזירנדיקע גרויסשטעט. און אויף אַזאַ אופן איז אַנטשטאַנען איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען פון דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע: די קוילן-אינדוסטרי פון ניו-קעסטל.

ווען איך רייד אָבער וועגן דעם איינפלוס פון לוקסוס אויף דער אומגעשטאַלטונג פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, האָב איך גאָרנישט אין זינען דידאָזיקע דורכן לוקסוס אומדי-רעקט געשאַפענע אינדוסטרי, וועלכע מ׳קען אפשר אַ נאָמען געבן „מיטלבאַרע לוקסוס-אינדוסטרי״. איך האָב דאָ אין אויג די לוקסוס-אינדוסטרי אין „אייגנטלעכן״ זין, אַן אינדוסטרי, וועלכע טיילט זיך אויס גאַנץ בולט, אין אונזער געפיל, לכל הפחות, אַלס באַזונדערע קאַטעגאָריע אינדוסטרי פון אַלע אַנדערע פּראָדוקציע-צווייגן. מ׳קען אָבער נישט באַשרענקען דעם באַ-גריף פון דער — לאָמיר זאָגן, — אוממיטלבאַרער, ע כ ט ע ר לוקסוס-אינדוסטרי בלויז אויף די יעניקע אינדוסטריען, וועלכע פּראָדוצירן לוקסוס-אַרטיקלען פון ערשטער אָרדנונג, ווייל אין דאָזיקן פאַל, ווי געזאָגט, וואָלטן מיר געמוזט אויסשליסן פון דאָזיקן באַגריף אויסגעשפּראָכענע „לוקסוס-אינדוסטריען״, ווי

בראָקאַט-וועבעריי אָדער גאָלד-טאַשמעס - פלעכטעריי, כאָטש אַלע אָנערקענען זיי אַלס אַזעלכע.

איך האַלט, אַז דער סימן, וואָס באַשטימט עיקרדיק דעם באַגריף פון דער לוקסוס-אינדוסטרי, איז דער כאַראַקטער פון פּראָדוצירטן געברויכס-אַרטיקל גופא: אָנטשיידנדיק פאַר דעם, צי די אינדוסטרי, וועלכע פּראָדוצירט אים איז אַ לוקסוס-אינדוסטרי, אָדער נישט איז די הויכווערטיקייט פון דאָזיקן אַרטיקל. דעריבער איז אַ זיידנשפּינעריי, כאָטש זי פּראָדוצירט אַ לוקסוס-אַרטיקל פון דריטער אָרדנונג, אַ לוקסוס-אינדוסטריי, אָבער אַ ברעט-שנייד-מיל דאַקעגן, וועלכע ליפערט אַ לוקסוס-אַרטיקל פון צווייטער אָרדנונג – נישט. ווען אין אַזעלכע אינדוסטריען, וועלכע פּראָדוצירן קליינווערטיקע אַרטיקלען, ד. ה. אַרטיקלען פון נידעריקן ספּעציפישן ווערט, ווערט געשאַפן קאַפּיטאַליזם אַ דאַנק דעם לוקסוס, איז דאָך דער מאַסנאָפּזאַץ נאָך אַלץ דער פאַקטאָר, וואָס האָט בכלל מעגלעך געמאַכט זייער עקזיסטענץ. אמת: אַ מאַסנאָפּזאַץ פון לוקסוסי חסד.

אויף אַזאַ אופן באַטראַכטן מיר איצט בלויז די עכטע לוקסוס-אינדוסטריען. און אַפילו דאַן, ווען מיר האָבן אין אויג בלויז דידאָזיקע, איז די איינפלוסספערע פון לוקסוס און זיין באַדייטונג פאַר דער אַרויסבילדונג פון קאַפּיטאַליסטישןווירט-שאַפט-סיסטעם אויסערגעוויינלעך גרויס.

ליידער וועקן מיר זיך אויף אייביק מוזן אָפּזאָגן פון באַקומען אַ קוואַנטיטאַטיווע פאָרשטעלונג וועגן דערדאָזיקער באַ-דייטונג, און באַזונדערס פון פעסטשטעלן ציפערארטיק דעם אָנטייל פון לוקסוס ביים איבערפירן די אינדוסטריעלע פּראָדוק-ציע צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. אַפילו היינט וואָלטן מיר דאָס נישט געקענט מיט דער הילף פון אונזער הויך-אַנטוויקלטער באַרוף- און באַטריב-סטאַטיסטיק. און טאַקע דערפאַר נישט, ווייל סיי פריער, סיי היינט לייגט מען נישט קיין אַכט ביי די צאָלן- אָדער גרויס-פעסטשטעלונגען אויף די קאַטעגאָריעס פון דער לוקסוס-אינדוסטרי אָדער אַפילו בלויז

אויף דער קוואַליטעט־אינדוסטרי. עס הייסט „טוכוועבעריי", אָבער קיין שום סטאַטיסטיק אויף דער וועלט אונטערשיידט נישט, צי עס האַנדלט זיך וועגן וועבן די פיינסטע אָדער די גראָבסטע טוכן; און דאָסזעלבע איז אין אַ סך פאַלן. דעריבער וועט מען פאַר אַ סך אינדוסטרי־צווייגן (אויב עס ווערן אָנגעגעבן צאָלן בלויז פאַר דעם גאַנצן סכום פון זייער פּראָדוקציע) נישט קענען פעסטשטעלן, ווי גרויס עס איז אין זייער געביט די לוקסוס־אינדוסטרי, בעת ביי אַנדערע אינדוסטרי־צווייגן, וועלכע זענען ריינע לוקסוס־אינדוסטריען, לאָזט זיך עס דורכפירן; למשל, ביי גאָבעלינוועבעריי, גאָלדטאַשמעס־פאַבריקאַציע, גאָלדשמידעריי א. אַ. וו. יענע אַנדערע אינדוסטרי־צווייגן, אין וועלכע עס ווערן פּראָדוצירט גראָבע און פיינע געברויכס־אַרטיקלען, קענען אָנגערופן ווערן אין קעגנזאַץ צו דידאָזיקע „ריינע" לוקסוס־אינדוסטריען — „געמישטע".

אויב מ'קען אַפילו היינט נישט אָנגעבן, לאָמיר זאָגן פאַר דייטשלאַנד, וויפל פּראָצענט פון די אינדוסטרי־אַרבעטער עס זענען באַשעפטיקט אין לוקסוס־אינדוסטריען, איז נאָך אַ סך ווינציקער מעגלעך צו באַשטימען אַזאַ ציפערמעסיקע פאַרהעלטעניש פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, פון וועלכע עס פעלט אונז יעדע אַלגעמיינע אינדוסטרי־סטאַטיסטיק.

אויב מיר ווילן פאָרט אויסגעפינען, נישט געקוקט אויף די שטערונגען, די באַדייטונג פון לוקסוס־באַדאַרף פאַר דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, מוזן מיר דאָס טאָן, ווי אין אַלע ענלעכע פאַלן, אויף דעם אומוועג פון מאָנאָגראַפיש־אינדוקטיוון מעטאָד; מיר מוזן זיך קודם כּל באַמיען אַרויסצוגעפינען די גרונטזעצלעכע אייגנאַרטן פון די דערשיינונגען פון אינדוסטריעלן לעבן, וועלכע זענען דערקענט און אָנערקענט געוואָרן אַלס קאַפּיטאַליסטישע לוקסוס־אינדוסטריען.

דאַן וועלן מיר קענען אויפווייזן אומגעפער פאָלגנדיקס:

1. אַז אייניקע לוקסוס־אינדוסטריען, וואָס זייער באַדייטונג קענען מיר נאָענט מאַכן אונזער געפיל דורך אַלערליי פאַרגלייכן, האָבן באַקומען אַ גרויסע אַבסאָלוטע פאַרשפּרייטונג;

2. אַז אויסגעשפּראָכענע לוקסוס-אינדוסטריען ווערן באַזונ-דערס פּריצייטיק קאַפּיטאַליסטיש;

3. אַז אין די גרענעצן פון דערזעלבער אינדוסטרי-גרופּע, ווערן בדרך כּלל פריער קאַפּיטאַליסטיש די-יעניקע אינדוסטרי-צווייגן, וועלכע אַרבעטן אויס לוקסוס-אַרטיקלען;

4. אַז צוערשט בילדן זיך אויס גרויס-קאַפּיטאַליסטישע און גרויס-פּראָדוקציאָנעלע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען אין די לוקסוס-אינדוסטריען.

אונזערע אויספירן וועלן געווינען אין בולטקייט, ווען מיר וועלן אונזערע באַטראַכטונגען אויפשטעלן באַזונדער פאַר די ריינע לוקסוס-אינדוסטריען און באַזונדער פאַר די געמישטע אינדוסטריען.

## 2. די ריינע לוקסוס-אינדוסטריען

א) די זיידן-אינדוסטרי. אַז די זיידן-אינדוסטרי האָט אין משך פון דער פּרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג איןווירטשאַפטלעכן לעבן פון די אייראָפּעישע פעלקער, ווייסן אַפילו אונזערע „היסטאָריקער". מען קען דעריבער דעמדאָזיקן פאַקט באַטראַכטן אַלס געשיכט-לעך באַקאַנט און מ׳דאַרף אים נישט לאַנג באַווייזן. צוויי ציפערן מעגן דאָ אָבער געבראַכט ווערן: דער ווערט פון די ליאָנער זיידנשטאָפן האָבן אין דער צייט פון 1770 ביז 1784 יערלעך באַטראָפן אַרום 60 מיליאָן פר.; דער ווערט פון אַלגע-מיינעם אימפּאָרט קיין פראַנקרייך האָט אויסגעמאַכט אין די יאָרן 1779—1781 — 208, 216, 269 מיליאָנען פר., און דער עקספּאָרט — 235, 236, 260 מיליאָנען פר., דער אַלגעמיינער ווערט פון אויס-לענדישן האַנדל האָט אַזוי אַרום באַטראָפן 443, 452, 529 מיל. פר.; אַזוי אַרום האָט דער ווערט פון די אין ליאָן אַליין אויס-געאַרבעטע זיידן-סחורות באַטראָפן 1/8—1/7 פון אַלגעמיינעם אויסלענדישן האַנדל. היות דער ווערט פון די סחורות, וואָס זענען אין יאָר 1911 אַדורכגעגאַנגען די דייטשע גרענעץ, האָט

באַטראָפן 19,161 מיליאָנען מאַרק, טאָ וואָלטן די 60 מיליאָן פר. פון דאַמאָלטיקן פראָדוקציע-ווערט היינט אַנטשפּראָכן אַ פּראָדוקציע-ווערט פון 2700—2400 מיליאָן מאַרק. צום פאַרגלייך: לויט די פראָדוקציע-אינפאָרמאַציעס פון דעם אינערן-מיניסטעריום האָט דער אַלגעמיינער ווערט פון דעם אין דייטשלאַנד פראָדוצירטן רוי-אייזן (1908) באַטראָפן 657.152.000 מאַרק, דער ווערט פון פראָדוצירטן באַוול-גאַרן 644.464.000 מאַרק, דער ווערט פון די אויסגעאַרבעטע שטיינקוילן (1910) 1.535.258.000 מאַרק. רוי-אייזן, באַוול-גאַרן, שטיינקוילן צוזאַמען וואָלטן הייסט עס אומגעפער באַדייט אין דער היינטיקער פאָלקסווירטשאַפט פון אַ קולטור-לאַנד דאָס, וואָס די זיידנאינדוסטרי פון איין ליאָן איז געווען פאַר פראַנקרייכס פאָלקסווירטשאַפט אין 18-טן יאָרהונדערט, דערביי דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט, אַז דער אויסערלעכער האַנדל האָט מיט 130 יאָר צוריק פאַרהעלטנישמעסיק געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָל איןווירטשאַפט-לעבן פון אַ לאַנד ווי היינט.

און די בערלינער זיידן-אינדוסטרי האָט פראָדוצירט סחורות אויף 3—4 מיליאָן טאָלער, בעת דער אַלגעמיינער ווערט פון די פראָדוקטן, וועלכע זענען פראָדוצירט געוואָרן אין די בערלינער פאַבריקן און מאַנופאַקטורן האָבן אויסגעמאַכט אַרום 6 מיליאָן טאָלער (1783: 6.098.226 טאָלער לויט ניקאָלאַיס אינפאָרמאַציעס).

דידאָזיקע מוסטער-אינדוסטרי פון יענער צייט האָט אַלס איינע פון די ערשטע אינדוסטריען (און דאָס אינטערעסירט אונז טאַקע דאָ) געמוזט איינפירן ביי זיך די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, און מ׳קען דעריבער מיט רעכט זאָגן, אַז זי האָט געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם. פאַר אַלע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם גיט אונז די זיידנס-אינדוסטרי שוין אין גאַנץ פריע צייטן כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן:

פונקט אַזוי ווי אין איר אַנטוויקלט זיך צוערשט די הויז-אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, אַזוי באַגעגנען מיר אויך צוערשט

אין דער ספּעראַ פון דער זיידן-אינדוסטרי די פּאַרענדיקטע פאָרם פון אַ מאַנופאַקטור און פאַבריק; די זיידן-שפּינערייען פון 14-טן יאָרהונדערט זענען די וויגעלעך פון די געזעלשאַפטלעכע גרויס-באַטריבן.

אין וועלכע פאָרמען עס האָט זיך אויסגעלעבט די זיידן-אינדוסטרי, וועלכע די איטאַליענער, באַזונדערס די ווענעציאַנער און גענועזער, האָבן געפירט אין גרויסן פאַרנעם אין די לעוואַנטעקאָלאָניעס, ווייסן מיר נישט. וואַרשיינלעך האָט דאָ די פּראָדוקציע-סיסטעם באַזירט אויף שקלאַפערײַ אָדער לייב-אייגנטום.

דאַקעגן אין די אייראָפּעיִשע מלוכות האָט זיך די קאַפּיטאַליסטישע זיידן-אינדוסטרי צוערשט איינגעוואָרצלט כמעט דורכאויס אין דער הויז-אינדוסטרי: שפּינערײַ ווי וועבערײַ, און ווי כ'האָב שוין אויבן געזאָגט — טאַקע גאַנץ פרי.

אין פּאַריז שטייען שוין אין אָנהויב 14-טן יאָרהונדערט (ווי דאָס לאָזט זיך שליסן פון די סטאַטוטן פון 27-טן מערץ 1324) די זיידן-שפּינערינס און זיידן-צווירנערינס (די „פילאַרעס", ווי זיי הייסן) אַלס לוינאַרבעטערינס קעגנאיבער זייערע ברויט-געבער (די מערסיעס), וועלכע קויפן איין דעם רוי-זיידן און נאָכדעם ווי ער ווערט געשפּונען, געצווירנט און אפּרעטירט, פאַרקויפן זיי אים צום נייען, שטריקן און וועבן.

אַלס הויז-אינדוסטרי טרעט אונז אויך אַנטקעגן די אָרגאַניזאַציע פון דער זיידן-אינדוסטרי, באַזונדערס פון דער זיידן-וועבערײַ, אין משך פון 14-טן יאָרהונדערט אין ווענעציע, אין משך פון 15-טן יאָרהונדערט אין גענוע (סטאַטוט פון 1432) און די איבעריקע מיטלפּונקטן פון דער איטאַליענישער זיידן-אינדוסטרי, לוקקאַ, פלאָרענץ, מאַילאַנד, ווייזן אויך אויף דעמדאָזיקן אַרבעטס-מעטאָד. ווען עס ווערט געגרינדעט אין 16-טן יאָרהונדערט די זיידן-מאַנופאַקטור אין ליאָן, טרעט זי אויך אויף אין דער געשטאַלט פון אַ הויז-אינדוסטרי. שוין דער ערשטער סטאַטוט פון 1554 אַנטהאַלט לאַנגע באַשטימונגען וועגן דער גנבה פון רוי-שטאָף, און שוין דער עדיקט פון 28-טן יאַנואַר

1554 רעדט פון די „פּאַבריקאַנטן, וועלכע פירן אָן מיטן גע־שעפט, נישט זיצנדיק אַליין דעם גאַנצן טאָג ביים וועב־שטול".

ס'איז באַקאַנט, אַז אויך אין די איבעריקע לענדער האָט די הויז־אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע געבילדעט אַ כּלל אין דער זיידנפאַבריקאַציע.

זייט ביי זייט מיט דער הויז־אינדוסטרי האָט זיך שוין אָבער אין דער זיידנאינדוסטרי זייער פרי אַנטוויקלט דער גע־שלאָסענער, געזעלשאַפטלעכער גרויס־באַטריב אין דער פאָרם פון דער מאַנופאַקטור אָדער (קודם כּל) דער פאַבריק. ס'קען אַפילו זיין, אַז דער ערשטער זיכערער פאַל פון אַ פאַבריק אויף קאַפּיטאַליסטישער באַזיס בעתן אייראָפּעישן מיטלאַלטער געהער דער זיידנאינדוסטרי. אמת, ווען מען וויל אויסטייטשן די באַריכטן פון די פריערע יאָרהונדערטער וועגן אינדוסטריעלע איינריכטונגען, מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק. וייל מערסטנטיילס, ווען עס רעדט זיך וועגן אַ מאַנופאַקטור אָדער אַפילו אַ פאַבריק, איז געמיינט נישט די פּראָדוקציע־פאָרם, נאָר די מלאָכה אַלס אַזעלכע; און דאַן אַפילו, ווען עס שטייט געשריבן, אַז דער און דער האָט געעפנט אַ זיידנמאַ־נופאַקטור, אין וועלכער עס זענען באַשעפטיקט 500 פּערזאָן, איז נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן קלאָר, צי האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ גרויס־באַטריבלעכער, אָדער וועגן אַ הויז־אינדוסטריעלער אָר־גאַניזאַציע.

פונדעסטוועגן לאָזן זיך מיט זיכערקייט אויפווייזן פאַלן פון גרויס־אינדוסטריעלער געשטאַלטונג אין דער זיידנאינדוסטרי שוין אין גאַנץ פריע צייטן: אָבער אין דער זיידנוועבעריי נישט פריער פאַרן 16־טן יאָרהונדערט. דער פריסטער מאַנופאַקטור־באַטריב, וועלכער איז מיר באַקאַנט, איז דאָ פון ראַולע וויאַר, איינער פון די גרינדער פון ליאָנער זיידן־אינדוסטרי, וועלכער האָט פאַרייניקט 46 וועב־שטולן אין איין הויז. דאַקעגן אין דער זיידנשפּינעריי טרעט אויף דער גרויס־באַטריב, און טאַקע גלייך אין דער געשטאַלט פון אַ פאַבריק, אַ סך פריער. די יעניקע פאַבריקן, וועלכע אַלידאָזי באַשרייבט אונז, און וועלכע שטעלן

פּאָר מיט זיך זיידנשפּינערייען מיט 4000 פּעדים און וואַסער־קראַפט, זאָלן שטאַמען לויטן דאָזיקן עדות פון דער ערשטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט, ווייל דעם 23 יוני 1341 זאָל די שטאָט באָלאָן האָבן געגעבן די דערלויבעניש אַ געוויסן באָלאַנינאָ די בארגהעלאַנאָ פון לוקקאַ איינצואָרדנען אַזאַ מעכאַניש־געטריבענע זיידנשפּינעריי, אין וועלכער איין „איינציקע מאַשין טוט אָפּ די אַרבעט פון 4000 שפּינערינס".

פאַרן יאָר 1371 רעכנט אַלידאָזי אויס 13 זיידנשפּינערייען, וועלכע געהערן אַלע דער קאָמונע און זענען פאַרפּאַכטעט ביי אונטערנעמער.

דידאָזיקע באָלאָניער מאַשין אויף אָנוויקלען און צווירנען די זיידנס איז געווען באַרימט. ג. י. בעכער דערציילט וועגן איר: „(זיי) האָבן אין באלאן אין איטאַליע דערפונדן אַ זיידנשפּינעריי, וועלכע וויקלט אָפּ די זיידנס און צווירנט זי, אָבער דערדאָזיקער אינסטרומענט איז זייער גרויס, קאָסטבאַר און באַלעסטיקנדיק, און פאַרמאָגט פיל טויזנט ציין און רעדער, די איטאַליענער שאַצן עס אַזוי הויך און האַלטן עס אַזוי בסוד, אַז עס איז ביי הענגען פאַרבאָטן עמיצן דאָס צו ווייזן. איך האָב אַן ענלעכע מאַשין, נאָכגעמאַכט לויט דער איטאַליענישער, געזען אין מינכען, אָבער צוליב אירע גרויסע קאָסטן, נישט זייער געשעצט".

נאָך דידאָזיקע ווערטער איז צווייפלהאַפט, צי דידאָזיקע גרויסע מאַשינעלע זיידנשפּינעריי איז בכלל פאַרשפּרייט געוואָרן מחוץ איטאַליע. ס'איז אָנצונעמען, אַז די גרויס־באַטריבלעכע זיידנשפּינעריי הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אין די איבעריקע לענדער ערשט אין 17־טן יאָרהונדערט, ווען מ'הויבט אָן אויסצונוצן די דערפינדונג טאַקע פון דעמזעלבן יאָה. יאָאַכ. בעכער. ער דערציילט אונז, אַז זיין מאַשין איז פאַרווענדט געוואָרן אין אַ פאַבריק, וועלכע די שטאָט האַרלעם האָט אויסגעבויט צוליבן דאָזיקן צוועק: די פאַבריק איז געווען 300 פוס לאַנג און געקאָסט 40.000 פל. בעכער איז אין אַוועק קיין נידערלאַנד; פון אָנהויב 1680־ער יאָרן הערן מיר פון גרויסע „זיידנפאַבריקן",

וועלכע ווערן געפּענט אין אוטרעכט און זאָלן געבן וזיונה 500 אַרבעטער. ס'איז מעגלעך, אַז דאָס זענען געווען זיידנשפּינע־רייען. איבעריקנס, באַדייט די בעכערשע דערפינדונג אַ רעגרעס פון דער פאַבריק צו דער מאַנופאַקטור. ווייל זיין מאַשין איז... לייכט צו באַוועגן אַזוי, אַז איין מענטש קען אויף איינמאָל אָפּוויקלען טויזנט מאטקעס גאַרן בעת די באַלאַנצער מאַשין מוז געטריבן ווערן דורך וואַסער".

אָבער גענוג: זייט דעם 14-טן יאָרהונדערט עקזיסטירן אין איטאַליע, און זייט דעם 17-טן יאָרהונדערט זיכער אויך אין די צפונדיקע לענדער אויף אַ גרויסבאַטריבלעכן אופן אָרגאַניזירטע זיידן-שפּינערייען: אין ענגלאַנד ווערן זיי גערופן סילק-מיללס (זיידן-מילן.) הייסט עס, אַז זיי האָבן געהאַט וואַסער-קראַפט?. דעפאָ געפינט אויף זיינע וואַנדערונגען אַזאַ זיידנמיל אין שעפילד, וועלכע איז געבויט לויטן מוסטער פון דער סטאַקפּאַרטער: 5 שטאָק די הויך, 90 יארדס לאנג און 200 העצט ווערן אין איר באַשעפטיקט.

ב) די שפּיצן-אינדוסטרי: דידאָזיקע לוקסוס־אינדוסטרי האָט פאַר איינצלנע לענדער און לענדער-טיילן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. אין 1669 זענען אין פראַנקרייך באַשעפטיקט געווען אין דער שפּיצן-אינדוסטרי 17.300 אַרבעטער און אַרבע־טערינס. אין קעניגטום זאקסן האָבן אין 18-טן יאָרהונדערט גאַנצע באַפעלקערונג-שיכטן געלעבט פון פלעכטן שפּיצן. אַ גליק, וואָס דער הער לאַנדבויפאַרוואַלטער כריסט. לודוו. ציקלער פון האַנ־נאָווער האָט דעם 18-טן יוני 1775 געוואַנדערט פון כעמניץ קיין צוועניץ, כדי אַרויפצושטייגן אויפן שניי-באַרג, און וועגן זיינע איינדרוקן, וואָס ער האָט אויפגענומען אין זיך אויף דערדאָזיקער וואַנדערונג, האָט ער מיטגעטיילט אין אַ בריוו צו זיין פריינט יאָהאַן בעקמאַן, אָרדענטלעכן פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע אין געטינגען; דעריבער ווייסן מיר כאָטש ווייניקסטנס, וואָס עס האָט זיך דאַן אָפּגעטאָן אין די ערץ-בערג מיט דער שפּיצן־פלעכטעריי, מיר ווייסן, אַז אין יעדן הויז זענען געווען „אַזויפיל פלעכטערס אויפן טיש וויפל ווייבלעך". קליינע קינדער פון פינף

יאָר, דערוויסן מיר זיך. „הויבן שוין אָן צו פלעכטן שפיצן־קאַנטן".

דידאָזיקע געפלאָכטענע שפיצן זענען שוין אפשר אין 18־טן יאָרהונדערט נישט געווען מער דורכאויס אַ לוקסוס־אַרטיקל, וועלכן עס האָבן זיך געקענט איינשאַפן בלויז רייכע, אָבער די פיינע ביי־שפיצן, וואָס זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין בראַבאַנט און זייט קאָלבערס אויך אין פראַנקרייך, האָבן געפונען אָפּנעמער בלויז אין די אויבערשיכטן פון דער געזעלשאַפט.

די אָרגאַניזאַציע איז אין אַלע פאַלן געווען דיזעלבע: די שפּיצנאַרבעטער זענען באַשעפטיקט געוואָרן דורך סוחרים, וועלכע מען רופט (אין די ערג־בערג) שפיצנהערן" און צווישן זיי אַרבעטן אַמאָל (אין פראַנקרייך) צווישנמייסטערינס, וועלכע האָבן אונטער זיך צו 4 — 5 אַרבעטערינס.

אין דער שפיצנאינדוסטרי זענען אָבער חוצדעם אויסגעאַרבעט געוואָרן גאַנץ אייגנאַרטיקע באַטריבס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע כ'האָב נישט געטראָפן אין קיין שום אַנדער מלאכה: מען האָט געשאַפן (אין פראַנקרייך) אמתע אינטערנאַטן, אין וועלכע די אַרבעטערינס האָבן געוווינט און געגעסן און אויך באַקומען זייער לערע. וועגן דידאָזיקע אַנשטאַלטן האָבן מיר ידיעות אַ דאַנק אַ ריי ביודזשעט־רשימות.

אין 1699 דערלאַנגט איינער קלעמאַן דע גופרעוויל פאָלגנדע קאָסטן־שאַצונג פאַר אַ „שפיצנמאַנופאַקטור", וועלכע מ'וויל איינאָרדנען אין סט. דעניס:

| | | |
|---|---|---|
| פאַרן פאָדים | 6.000 | ל. |
| 20 בעטן פאַר די לערערינס | 1.000 | „ |
| 200 „ „ „ שילערינס און | | |
| אַרבעטערינס | 6.000 | „ |
| 400 פאָר איבערצוג פאַר די בעטן | 1.600 | „ |
| 40 „ „ „ „ לערערינס | 400 | „ |
| טיש־סערוויזן | 500 | „ |
| טיש־וועש | 500 | „ |

געהאַלט פאַר די לערערינס צו 200 ל. 4.000 ל.
באַקעסטיקונג פון די שילערינס צו 100 ל. 20.000 „
א. אַז. וו.

בסך הכל 96.300 ל.

ג) **די שפּיגל-פאַבריקאַציע** ווערט געפירט אויף אַ גאַנץ ברייטער, גרויס-קאַפּיטאַליסטישער באַזיס; אין פראַנקרייך קאָנקורירן צווישן זיך אין יאָר 1704 צוויי געזעלשאַפטן: פון דאַמב און פון סט. גאָבען, טור לא וויל און פאַריז. דידאָזיקע לעצטע האָט מיט צוויי יאָר פריער געהאַט אָפּגעקויפט פאַר 990.000 ל. אַ רייכער פאַריזער, אַנטואַן דאַזשינקור. די שפּיגל-מאַנופאַקטור אין פאַרשטאַט סט. אַנטואַן האָט באַשעפטיקט 500 אַרבעטער. **מערסיע** באַשרייבט אונז די איינריכטונג פון דערדאָזיקער פאַבריק, ווו בלויז אין איין שלייפזאַל זענען באַשעפטיקט געווען 400 אַרבעטער.

ד) **די פאָרצעליי-אינדוסטריע** איז די לוקסוס-אינדוסטריע פאַר עקסעלאַנס אין 18-טן יאָרהונדערט. פאָרצעליי-מאַנופאַקטורן מיט מער אָדער ווייניקער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע ווערן איינגעאָרדנט אין פאָלגנדיקע שטעט: 1709 מייסען, 1718 ווין, 1720 העכסט, 1740 ווענסען, זייט 1756 סעוור, 1743 קאַפּאָ די מאָנד ביי נעאַפּאָל, 1744 פירסטענבערג, 1750 בערלין, 1755 פראַנקענטאַל, 1758 נימפענבורג און לודוויגסבורג, 1772 קאָפּענהאַגן. חוצדעם האָט ממש געווימלט פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

די פאָרצעליי-מאַנופאַקטורן וואַקסן שנעל אויס צו גאַנץ גרויסע באַטריבן, וואָס נאָר ווייניקע אַזעלכע האָט מען געקענט געפינען אין יענער צייט.

די בערלינער פאָרצעליי-מאַנופאַקטור באַשעפטיקט שוין אין 1798 400 אַרבעטער. דער פּערסאָנאַל פון דער מייסענער מאַנופאַקטור איז געוואָקסן אַזוי: 1719—26, 1730—49, 1740—218, 1745—337, 1750—378.

ה) **פאַרשידענע אינדוסטריען.** ס'האָט נישט קיין צוועק אָפּצוגעבן אַ גענויעם באַריכט אויף וועגן די אַנדערע

ריינע לוקסוס-אינדוסטריען, ווי כ'האָב דאָס געטאָן וועגן די אויבנגעבראַכטע, וועלכע כ'האָב גענומען אַלס ביישפּילן. דער לייענער וועט מיד ווערן, ווייל מיר זעען תּמיד דאָסזעלבע בילד: מיר איז נישט באַקאַנט קיין איין איינציקע אמתע לוקסוס-אינדוסטרי, וועלכע זאָל נישט איבערגיין, שפּעטסטנס אין משך פון 18-טן יאָרהונדערט, צו אַ קאַפּיטאַליסטישער און זייער אָפט אויך צו אַ גרויס-באַטריבלעכער פאָרם, אויב זי איז נישט (וואָס דאָס איז אָפט דער פאַל) גלייך אויסגעבויט געוואָרן אויף קאַפּיטאַליסטישע אָדער גרויס-באַטריבלעכע יסודות. אַזוי, למשל, די גלאָז-אינדוסטרי (זייט מוראַנאָ), אַזוי אויך די צוקער-אינדוסטרי: קאמבדען פאָדערט אין 18-טן יאָרהונדערט פאַר דעם „צוקער-בעקער" אין לאָנדאָן 1000—5000 פ"ש קאַפּיטאַל; דאָסזעלבע די גאָלדשמידערייי און אַנדערע גאָלד-אַרבעט: פראַנסואַ טאָמאַס זשערמען, דער באַרימטער גאָלדשמיד, וועלכער פאָרט אַרויס אין יאָר 1748 צו זיין פאָטער אין לוווּר, מאַכט אַן אומזאַץ פאַר 3.000.000 פר. און מאַכט אַ באַנקראָט פון 2.400.000 פר., לאָנדאָנער גאָלד-שמידן מוזן האָבן אַ מינימום-קאַפּיטאַל פון 500—3000 פ"ש; אין בערלין איז אין 18-טן יאָרהונדערט דער גרעסטער באַטריב די גאָלד- און זילבער-מאַנופאַקטור, וואָס אַרבעט אויס גאַלונען, שאַרפן, פרענזלעך און אַז. וו. און וועלכע באַשעפטיקט אין יאָר 1784—813 פערזאָן, אין 1799—1013, אין 1801—1151; נישט אַנדערש איז אין דער שטיקערייי: אין 1774 עפנט אויף אַ פראַנצויז אין בערלין אַ מאַנופאַקטור, וועלכע באַשעפטיקט 77 אַרבעטער און פאַרטיקט אויס אַ סך „זיידענע און רייכע זאַכן, וואָס געהערן צום פוץ פון מענער און פרויען"; דאסזעלבע אין דער פאַבריקאַציע פון קינסטלעכע בלומען: אין 1776 ווערט אין בערלין געגרינדעט די ערשטע פאַבריק פון דעם מין, וועלכע פּראָדוצירט אין 1784 סחורות פאַר 24.000 רייכסטאלער און באַשעפטיקט 140 „פרויענצימערס".

## ד י  ג ע מ י ש ט ע  א י נ ד ו ס ט ר י ע ן

אומעטום, זעען מיר, הערשט אין די לוקסוס-אינדוסטריען דער קאַפּיטאַליזם און אָפּט אפילו אויך דער גרויס-באַטריב, וועלכע האָבן זיך אין די דורך אונז באַהאַנדלטע פאַלן אַנטוויקלט ז י י ט  ב י י  ז י י ט מיטן אַלטן האַנטווערק. אָבער אויף ווי ווייט לוקסוס-אינדוסטריען און קאַפּיטאַליזם זענען פאַרבונדן צווישן זיך, סאַראַ אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג עס האָט געהאַט די אַנטוויקלונג פון לוקסוס-באַדאַרף פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וועלן מיר קענען ריכטיק אָפּשאַצן ערשט דאַן, ווען מיר וועלן אַדורכפירן פאַר אונזער גייסטיקן אויג יענע לוקסוס-אינדוסטריען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעבילדעט אין די ראַמען פון די אַלטע האַנטווערקערייען דורך דיפערענצירונג. און דאָ דערזעען מיר — און דאָס איז די וויכטיקסטע ווירטשאַפטסגעשיכטלעכע דערקענטניש, וועלכע מיר קענען דאָ באַקומען, — אַז די-יעניקע טיילן פון אַ מלאכה, וועלכע גייען אַריבער צום קאַפּיטאַליזם, נעמען תמיד אַרום טעטיקייטן, וועלכע פּראָדוצירן פאַרן לוקסוס-באַדאַרף. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די גרעסטע צאָל מלאכות מאַכן שוין דורך אַ דיפערענצירונגס-פּראָצעס אין משך פון דער פּרי-קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע: די קינסטלערישע, קוואַליפיצירטע אַרבעט טיילט זיך אָפּ פון דער געוויינלעכער גראָבער האַנטווערקעריי און ווערט זעלבשטענדיק אין אייגענע פּראָדוקציע-צווייגן; די דאָזיקע נעמען צוליב דעם אָן אַ קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער, בעת די גראָבע אַרבעט בלייבט אַ לאַנגע צייט ביים האַנטווערקער, ביז אויך זי (אָבער ערשט אין אונזער צייט) לעבט איבער די פאַרוואַנדלונג צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. ה אַ נ ט ו ו ע ר ק ע ר י י  א ו ן  ל ו ק ס ו ס - פּ ר אָ ד ו ק צ י ע  ב י ל ד ן  אַ  ק ע ג נ ז אַ ץ - פּ אָ ר אויך אין באַוווסטזיין פון די צייט-מענטשן, ווי מ'קען דאָס דייטלעך זען פון אַ שיינער און כאַראַקטעריסטישער שטעלע ביי מ ע ר ס י עַ;

„די האַנטווערקער שיינען צו זיין די גליקלעכסטע לייט.

ציענדיק חיונה פון זייער מלאכה און פון זייער האַנטגעשיקטקייט, בלייבן זיי אויף זייער פּלאַץ, וואָס דאָס איז נישט ווינציקער קלוג ווי אומגעוויינלעך זעלטן. אָן אַמביציעס און אָן גאווה, אַרבעטן זיי נאָר פאַר זייער אויסקומעניש און פאַר זייער פאַרגעניגן וועגן, זיי זענען ערלעך און העפלעך לגבי אַלע מענטשן, ווייל זיי בויטיקן זיך אין אַלע שטאנדן. דאָס לעבן פון די האַנטווערקער איז אַ געזעצטעס; מ׳קען זאָגן, אַז אָפּגעבנדיק זיך מיט נוצלעכערע באַשעפטיקונגען ווי די לוקסוס-קונסטן ווערן זיי דערפאַר פאַרגיטיקט דורך דער רואיקייט פון געוויסן און פון לעבן. אַ מעבל-אַרבעטער האָט אַן ערלעכערן אויסזען פאַר אַן עמאַל-מאלער״.

דידאָזיקע אינדוסטריען וועלן מיר, אין קעגנזאַץ צו די ריינע לוקסוס-אינדוסטריען, אָנרופן געמישטע, ווייל זיי אַרבעטן פאַר דעם פּיינעם, ווי פאַר דעם גראָבן באַדאַרף.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ קען זיך נישט האַנדלען וועגן געבן אַ פולשטענדיקן איבערזיכט פון אַלע אינדוסטריען, וועלכע קומען דאָ אין באַטראַכט. אויך דאָ וועט גענוג זיין, ווען איך וועל באַווייזן די ריכטיקייט פון מיין געדאַנקענגאַנג אויף די וויכטיקסטע.

א) די וואָל אינדוסטרי. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די וואָל-אינדוסטרי איז נעבן דער זיידנאינדוסטרי געווען די וויכטיקסטע אינדוסטרי פון דער פריקאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. אודאי, אין דער וואָל-אינדוסטרי זענען פאַבריצירט געוואָרן געוועבן פאַר די אָרעמע און פאַר די רייכע, אָבער דאָרט, ווו מיר שטויסן זיך אָן אויף אַ „בליענדיקער וואָל-אינדוסטרי״, וואָס איז דער שטאָלץ פון איר מלוכה און שטאָט, וואָס בילדעט דעם באַזיס פון זייער רייכטום, איז עס תמיד אַזאַ וואָל-אינדוסטרי, וואָס פאַרטיקט אויס פיינע, קאָסטבאַרע געוועבן, איז דאָס אַ „לוקסוס-אינדוסטרי״ און איז פּריציטיק קאַפּיטאַליסטיש אָדער גאָר גרויסבאַטריבלעך אָרגאַניזירט (ביז די ליפערונג פאַר דעם מיליטער-באַדאַרף גרינדעט אויך אַ

באַדייטנדיטע קאַפּיטאַליסטישע וועבערײַ, וואָס פּראָדוצירט מאַסן־אַרטיקלען.

מיט אַנדערע ווערטער אויסגעדריקט: אויף וויפל די וואָל־אינדוסטרי איז באַטײליקט ביים אויפבוי פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, איז זי אַ לוקסוס־אינדוסטרי.

כמעט די פריסטע דורך און דורך קאַפּיטאַליסטיש־אָרגאַניזירטע אינדוסטרי אין גרויסן סטיל איז די פלאָרענטינער וואָל־וועבערײַ. אַז זי האָט צוזאַמען מיט דער זײַדנאינדוסטרי געשאַפן דעם גלאַנץ און די מאַכט פון פלאָרענץ (אויף ווי ווייט דידאָזיקע באַזירן נישט אויף רײַנע גאָלד־געשעפטן), איז גוט באַקאַנט. אַז זיי האָבן שוין פּריצײַטיק, וואַרשײַנלעך נאָך זייט דעם 13־טן יאָרהונדערט, באַזירט אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות, האָבן דערוויזן אויף זיכער די אויסגעצייכנטע אויספאָרשונגען פון אַלפרעד דאָרען. שוין דער ערשטער צעך־סטאַטוט פון קאַלימאַלאַ פון יאָר 1300 ווייזט אונז, אַז דער הויז־אינדוסטריעלער באַטריב איז פעסט אײַנגעוואָרצלט.

אָבער אויך דאָס איז זיכער, אַז זי איז געווען אַ לוקסוס־אינדוסטרי אין שטרענגן זינען פון דאָזיקן וואָרט. די געשיכטע פון דעם קאַלימאַלאַ־צעך (וואָס איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ פאַרפיינערונגס־אינדוסטרי), איז פאַרבאָרגן אין טונקלקייט. בלויז איינס איז זיכער: אַז ערשט דאַן האָט דער פלאָרענטינער האַנדל דערגרייכט זײַן העכסטע בלי־מדרגה, ווען עס איז געלונגען, דורך אָנווענדן אַ גאַנצע ריי פאַרפיינערונגס־פּראָצעסן (פאַרבונג און אפּרעטור) אַזוי צו פאַרפיינערן און צו פאַרבעסערן דעם רויערן צפונדיקן פאַבריקאַט, אַז עס איז אימשטאַנד געווען צו באַפרידיקן די פאַרצערטלטסטע פאָדערונגען פון שטייגנדיקן לוקסוס אין מזרח און מערב. מען האָט גוט געקענט די פאָדערונגען און באַדערפעענישן פון דער מאַכמעדאַנישער וועלט; מען האָט אַפילו אַליין אימפּאָרטירט די זעלטן פײַנע טוכן פון סולטאַנאַט אַלגאַרוואַ; אויף אַזאַ אופן האָט מען ביסלעכווייז באַוויזן אַרײַנצודרינגען אין די סודות פון יענער טעכניש־הויכ־

טסייענדיקער לוקסוס - פאַבריקאַציע, מען האָט זיך אויסגעלערנט צוצוגעבן דעם רויען טוך, וועלכן די צפונדיקע לענדער האָבן אויסגעאַרבעט, דעם פיינעם שמעלץ, די לויכטנדיקע פאַרבן, וואָס צייכנען פון דאַן אָן אויס פריער פאַר אַלץ די פלאָרענטינער פּראָדוקציע. „אין קיין איין שטאָט אַרבעט מען נישט אויס אַזעלכע פיינע טוכן, ווי אין פלאָרענץ", האָט אין מיטן 15־טן יאָרהונדערט געשריבן גאָראָ דאַטי.

די פלאָרענטינער וואָל-אינדוסטרי האָט זיך אַזוי אַרום צוליב איר קוואַליטעט-כאַראַקטער אויסגעטיילט אַלס גאַנצעס פון דער זעלבער אינדוסטרי אין אַלע אַנדערע לענדער און שטעט. אין דער שטאָט פלאָרענץ גופא זענען די גראָבע טוכן אָפּגעשיידט פון די פיינע טוכן, ווייל, פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די פּראָדוקטן פון דער גאַנצער אינדוסטרי האָבן זיך אויך געפונען מינדערוועדיקע סחורות. די גראָבע און די פיינע סחורות זענען אין 14־טן יאָרהונדערט געווען אָפּגעטיילט אויך רוימלעך; דאָס איז דער קעגנזאַץ פון גאַרבאָ און סט. מאַרטינאָ-קוואַרטאַל. אָבער באַזונדערס אינטערעסאַנט איז פאַר מיר דער פאַקט, וואָס אין גאַרבאָ, ווו עס זענען פּראָדוצירט געוואָרן די גראָבע מאַסן-אַרטיקלען, האָבן געוווינט די קלענערע האַנט-ווערקער, די צעך-מייסטערס, בעת אין סט. מאַרטינאָ, ווו עס האָט זיך געפונען די לוקסוס-אינדוסטרי, האָבן געהאַט די אויבער-האַנט די סוחריש-קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסאַנטן, לכל הפחות לעז איך דאָס אַרויס פון שטרייט, וואָס איז תמיד אָנגעגאַנגען צווישן גאַרבאָ און סט. מאַרטינאָ.

וועגן דער שפּאַנישער וואָל-אינדוסטרי ווייסן מיר ווייניק. זי האָט „געבליט" אין 16־טן יאָרהונדערט, זאָגן די געוויינלעכע באַריכטן. אָבער פונדעסטוועגן קענען מיר האָבן אַ פאַרשטעלונג וועגן איר, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז 1. איז זי געווען אַ לוקסוס-אינדוסטרי (אויף וויפל זי האָט „געבליט") און, אַז 2. איז זי געווען קאַפּיטאַליסטיש אָרגאַניזירט (אויף וויפל זי האָט פּראָדוצירט לוקסוס-אַרטיקלען). און אין אַ באַריכט, וועלכן מיר

באַזיצן װעגן אַ פּייערלעכן צוג אין סעגאָװאַ פון דעם 16-טן יאָרהונדערט, געפינט זיך פאָלגנדיקע באַלערנדיקע שטעלע:

„דעם צװייטן אָרט פאַרנעמען די װאָל-אינדוסטריעלע און טוכפאַבריקאַנטן, װעלכע דאָס פאָלק רופט מיט אומרעכט סוחרים. זיי זענען אײנדעראמתן די פאַמיליען-פאָטערס, װאָס באַשעפטיקן אין זײערע הײזער און מחוץ זיי אַ גרויסע צאָל פּערזאָנען, אַ סך פון זיי ביז 200, און אַ סך —300 פּערזאָנען. דורך פרעמדע הענט פאַבריצירן זיי גרויסע מאַסן פון פ ײ נ ס ט ן ט ו ך"...

אין פראַנקרײך אַנטװיקלט זיך די װעבערײ פון פײנעם טוך אין משך פון 17-טן יאָרהונדערט אין און אַרום רואַן, סעדאַן, עלבעף און רײמס. אָבער טאַקע גראָד דאָ האָט שוין די קאַפּי-טאַליסטישע אָרגאַניזאַציע דערגרײכט אַ אויסערגעװײנלעך הויכע מדרגה אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט. אמת, אין דער סעדאנער מאַנופאַקטור געפינט זיך בלויז אַ מיטלגרויסער הויז-אינדוסטרי-טיפּ: פון פיר פּריװילעגירטע „פאַבריק-אונטערנעמערס" באַשעפטיקן 2 צו 104, 1—65, 1—50 װעב-שטולן, פון 21 נישט-פּריװיליגירטע 1 העכער 40, 4 העכער 30 און אַז. װ. איך האָב דאָ אָבער אין זינען די פאַבריקן פון די ברידער װאַן ראָבע, אין װעלכע מיר האָבן פאַר זיך גרויס-באַטריבן פון אַ גאַנץ באַ-דײטנדיקן פאַרנעם. די גענויע סטאַטיסטיק, װעלכע מיר באַזיצן פון דידאָזיקע פאַבריקן, גיט אונז אַ מעגלעכקײט צו דערקענען זײער אָרגאַניזאַציע ביז אין די קלענסטע פּרטים. מיר זעען, אַז די פאַראַרבעטונג פונם װאָל ביז צום פאַרטיקן פאַבריקאַט איז אײנגעטײלט אין 22 טײל-פּראָצעסן און מיר געפינען נישט װײ-ניקער, װי 1692 אַרבעטער אין א ײ ן-א ײ נ צ י ק ע ר פאַבריק. פון דידאָזיקע זענען 822 ראָד-שפּינערינס און 200 װעבער בײ 100 װעב-שטולן. אַ לוקסוס-אינדוסטרי. אויסערדעם עקזיסטירט אַ ברײט-פאַרצװײגטע װאָלװעבער-האַנטװערקערײ, װאָס פאַבריצירט געװײנלעכע סחורות.

די באַרימטסטע װאָל-אינדוסטרי אין 18-טן יאָרהונדערט איז געװען די ע נ ג ל י ש ע. אויף איר האָט באַזירט, װי עס הײסט

אין זשאַרגאָן „דער ווילשטאַנד פון לאַנד": „די וואָל איז באמת דער פונדאַמענט פון ענגלישן רייכטום". (דזשאָס. טשיילד). אין 1738 זענען אָנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן באַשעפטיקט געווען ביי דער באַאַרבעטונג פון וואָל אין ענגלאַנד. די צאָל איז נאַטירלעך פאַלש. אָבער פונדעסטוועגן האָט דער ווערט פון די אַרויסגעפירטע וואָל־סחורות באַטראָפן שוין אין 1700 3.000.000 פ"ש, אין 1815 איז ער געשטיגן אויף 9.381.426 פ"ש.

צווישן דידאָזיקע וואָל־שטאָפן האָבן זיך נאַטירלעך געפונען סיי גראָבע, און סיי פיינע מינים. ס'איז קיין ספק נישט, אַז די ענגלישע וואָל־אינדוסטרי איז נישט אינגאַנצן געווען אַ לוקסוס־אינדוסטרי. בפרט אין דער שפּעטערער צייט, באַזונדערס דאַן, ווען אַמעריקע איז געוואָרן אַ שטאַרקער קאָנסומענט פון ענגלישע וואָל־סחורות (פון די 9 מיליאָן פ"ש אין יאָר 1815 זענען איבער 4 מיליאָן געגאַנגען אין די פאַרייניקטע שטאַטן), האָבן די גראָבע שטאָפן פאַרן בירגער און פאַר די מאַסן מסתמא גענומען די אויבערהאַנט. אָבער זי איז דאָך אויך געווען אַ לוקסוס־אינדוסטרי, און טאַקע אין אַ גאָר גרויסער מאָס. אין משך פון 18־טן יאָרהונדערט זענען די פיינע ענגלישע טוכן, ווי אויך די טייערע ענגלישע פאַנטאַזיע־שטאָפן באַגערט געוואָרן דורך די רייכע פון דער גאַנצער וועלט. כ'וועל ברענגען נאָר איין ביישפּיל: אין צפון־דייטשלאַנד, אין פּוילן און אין רוסלאַנד האָבן די אויבערשיכטן אין 18־טן יאָרהונדערט געהאַט אַ שוואַכקייט צו טראָגן ענגלישע וואָל־שטאָפן. באַזונדערס אין רוסלאַנד זענען דער צאַר אַליין, זיין גאַנצער הויף מיט אַלע אַדעליקע פון פּעטערבורג ביז מאָסקווע און אסטראכאַן איבערגעגאַנגען „אין משך פון די לעצטע פאָר יאָר" (אַזוי הייסט עס אין יאָר 1745 אין „פּולקאָמענעם ענגלישן האַנדלסמאַן") צו די ענגלישע וואָל־שטאָפן, וועלכע זיי אַלע טראָגן: „צום אומאויפהערלעכן וווקס פון אונזער האַנדל..."

איצט שטעלט זיך פאַר אונז פאָלגנדיקע פראַגע: צי שפּיגלען זיך אָפּ די אונטערשיידן צווישן דער גראָב־ און פיין־וועבעריי אין דער ענגלישער וואָל־אינדוסטרי אין דער פאַרשידנקייט

פון די ווירטשאַפטס- און באַטריבס־פאָרמען? אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, איז דידאַקטיקע פראַגע נאָך ביז איצט נישט גע-שטעלט געוואָרן, כאָטש אין מיינע אויגן זעט זי אויס צו זיין איינע פון די וויכטיקסטע אין דעם גאַנצן ברייט־פאַרצווייגטן פראָבלעם.

ווען איך דערוועג זיך צו ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַ „יאָ" אויפן גרונד פון דעם פאַראנענעם מאַטעריאַל, טו איך דאָס אָבער מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט. די פאַקטן, פון וועלכע מיר מוזן אַרויספירן אונזער אורטייל, זענען פאָלגנדיקע: ווי באַקאַנט, זענען אין דער פרי־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע באַ-שטאַנען אין דער ענגלישער וואָל־אינדוסטרי נעבנאַנאַנדער צוויי אָרגאַניזאַציע־סיסטעמען: די קאַפּיטאַליסטישע הויז-אינדוסטרי און די האַנטווערקעריי. די יעניקע, וועלכע מען פלעגט אויך באַ-צייכענען אַלס מערב-ענגלישע, האָט געהערשט אין מערב־ענגלאַנד, אָבער אויך אין גרויסן וועבער באַצירק פון מזרח, אין נאָר-פאָלק און אַז. וו., און אין דרום.

די האַנטווערקעריי איז נאָך געווען כמעט אומבאַרירט אין צפונדיקן באַצירק, אין יאָרקשיר. די ביידע געביטן, דער צפון און די איבעריקע טיילן, אונטערשיידן זיך קודם כל אַלס די געביטן פון שטרייכגאַרן און פון קאַמגאַרן. פון די געקאַמטע וואָלן זענען אָבער אויסגעאַרבעט געוואָרן די גאַנץ פיינע טוכן, פלאַנעל און אַז. וו. צי זענען די הויכווערטיקע סחורות, די לוק-סוס-אַרטיקלען געקומען פון געביט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, בעת די אויסאַרבעטונגען פון די גרעבערע, מינ-דערווערטיקע זענען געבליבן פאַר דער האַנטווערקעריי?

עס דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן אויך דאָס, אַז די מאַנו-פאַקטורמעסיק אָרגאַניזירטע וועבעריי, וועגן וועלכער מיר הערן שוין אין 16-טן יאָרהונדערט: —

„אין אַ גרויסן לאַנגן זאַל<br>צווייהונדערט וועב־שטולן פאַראַמאַל!"

לייענען מיר אין דער באַשרייבונג פון דזשעק פון ניובעריס אונ-

טערנעמונגען, און דערדאָזיקער פּאַל פון גרויסבאַטריבלעכער אויס־בילדונג אין יענער צייט איז נישט קיין איינצלנער, — אַז די־דאָזיקע גרויסבאַטריבלעך אָרגאַניזירטע וואָל־אינדוסטריע איז וואַר־שיינלעך געווען אַ לוקסוס־אינדוסטרי: די אויסאַרבעטונגען פון דזשאָן ווינטשקאמבס, האָבן געהאַט אַן אייראָפּעישן נאָמען; אַז זי האָט זיך געפונען אין מערב־ענגלאַנד, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען דורכגעאָדערט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע־פאָרם: ניובערי, קלאסטער מאלמעסבערי, וועלכן אַ רייכער טוך־פאַבריקאַנט, מיטן נאָמען סטומפּ, האָט געפּאכטעט, כּדי דאָרט אויפשטעלן וועב־שטולן, צירענצענסטער, ווו עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסע וואלקמיל, די אבטיי פון אסני ביי אקספארד, וועלכע דערזעלבער שטומפּ וויל פאכטן: זיי אַלע געפינען זיך אין מערב־ענגלישן וואָל־אינדוסטרי־געביט. דאָס זעלבע הערן מיר, אַז אין נאָרוויטש, אין 16־טן יאָרהונדערט, זענען דורך רייכע פאַבריקאַנטן אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סך וועב־סחורות, וועלכע זענען ביז דאַן אַריינגעפירט געוואָרן פון איטאַליע, דאָס באַווייזט, אַז עס רעדט זיך וועגן הויכווערטיקע לוקסוס־שטאָפן.

ב) די ליינען אינדוסטרי איז פאַר מיר אינ־צאַנצן פּראָבלעמאַטיש. אַז זי איז געווען אַ ברייט פאַרצווייגטע לוק־סוס־אינדוסטרי אין שלעזיע, אין וועסטפאַלן, אין אירלאַנד איז קיין ספק נישטאָ. זי האָט געליפערט דעם פּראַנט אין לאָנדאָן פון 18־טן יאָרהונדערט די פיינע העמדער, צו צען אָדער 12 ס. אַן אייל; זי האָט געליפערט די קאָסטבאַרע באַטיסטן; זי האָט געליפערט די פּרעכטיקע טיש־וועש, וועלכע מיר באַוווּנדערן נאָך היינט אין די מוזעען. זי האָט אָבער אויך געליפערט אַ סך קליידערשטאָף פאַר די נעגערס. און באַזונדערס איז אויסגעאַר־בעט געוואָרן אַ סך ביליקער ליינען אין אירלאַנד: דער ליינען, וועלכן דער „ליננען באָרד אָף איירלענד" האָט פּרעמירט אין יאָר 1747/48 האָט געקאָסט נישט ווייניקער פאַר 6 און נישט מער פאַר 10 ד. אַ יארד!

אָבער וויאַזוי זענען געווען די קעגנזייטיקע שייכותן צווישן דער קוואַליטעט פון פאַבריקאַט און די ווירטשאַפטס־ און באַטריבס־

פאָרמען ווייס איך נישט. אַז די האַנטווערקעריי און די הויז־אינדוסטרי האָבן עקזיסטירט זייט ביי זייט אין די גרויסע עקס־פּאָרט-לייַנען־אינדוסטריען, דאָס ווייסן מיר, אָבער וויאַזוי פאַר־טיילן זיי זיך צווישן לוקסוס־ און מאַסן-אַרטיקלען? די וויכטי־קייט פון דערדאָזיקער פראַגע פאַרדינט אַ דאָקטאָרדיסערטאַציע.

ג) די שניידעריי. פון דעם שניידער־האַנטווערק טיילן זיך אויס אין משך פון 12־טן יאָרהונדערט איינצלנע באַ־טריבן און פאַרוואַנדלען זיך אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונ־גען: די יעניקע, וועלכע אַרבעטן פאַר דער פיינער, דאָס הייסט פאַר דער צאָלונגס־פעיקער קונדשאַפט, הייסט עס, אַז זיי האָבן פּראָדוצירט לוקסוס-אַרטיקלען.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס אין דער הערנשניידעריי איז צוערשט געשטעלט געוואָרן אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן באַזיס די קאָנפעקציע-שניידעריי, וואָס דאָס איז היינט שוין לאַנג נישט אָנגענומען: די פּראָדוצירונג פון פאַרטיקע לוקסוס־קליידער איז וויזט אויס נישט געווען קיין חסרון אין 18־טן יאָרהונדערט. די לוקסוס־קאָנפעקציע לאָזט זיך נאָכווייזן סיי פאַר ענגלאַנד סיי פאַר פראַנקרייך. די איינציקע שטעלע, וואָס ווייזט אויף איר עקזיסטענץ אין 18־טן יאָרהונדערט, געפינט מען אין דער אַל־געמיינער שאַצקאַמער פון דער סוחרימשאַפט א. א. וו. און הייסט אַזוי:

„קליידער קומען ביי היינטיקן טאָג, און כמעט מער ווי דאָס איז נויטיק פאַר דייטשלאַנד, אין עפנטלעכן האַנדל, אין וועלכן אַ סך דייטשע הערן שיקן נישט נאָר דאָס געלט קיין פראַנקרייך פאַר קאָסטבאַרע קליידער א. אַז. וו. נאָר אויך די פראַנצויזן אַליין ברענגען גאַנצע קאָסטנס און פעסער אויף אונזערע מעסעס"...

די אַנדערע באַווייז-שטעלע איז אין אַ אַנאָנס, וועלכן אַ דאַרטיגאַלאַנג האָט אַריינגערוקט אין נומער פון 4-טן אַפּריל 1770 פון „אַפּישן, אַנאָנסן און פאַרשידענע פאַרשלאַגן".

„דער הער דאַרטיגאַלאַנג, דער שניידער-מייסטער און סוחר אין פּאַריז, האָט זייט אַ געוויסער צייט איינגעאָרדנט אַ גע־

שעפּט פון נייע פּאַרטיקע קליידער, פון אַלע סאָרטן, פון אַלע מאָסן און די סאַמע מאָדערנסטע. אויב דידאָזיקע, וואָס געפינען זיך אין געשעפט זענען נישט לויטן געשמאַק פון די פּערזאָנען, וועלכע ווילן זיין שנעל באַקליידט, איז ער ביכולת זיי צו באַפרידיקן כמעט אין דער מינוט, דורך דער צאָל אַרבעטער, וועלכע ער באַשעפטיקט. ער נעמט אונטער צו מאַכן אַלערליי ליווריייעס מיט דער גרעסטער עקאָנאָמיע. ער שיקט סחורה אין דער פּראָווינץ ווי אויך אין אויסלאַנד; אָבער די פּערזאָנען וועלכע ווען אים וועלן שרייבן ווערן געבעטן צוצולייגן מאַרקעס אין זייערע בריוו".

אַז עס האַנדלט זיך דערביי וועגן קליידער פאַר דער „בעסערער" קונדשאַפט, איז קלאָר פון דעם אַנאָנס-אינהאַלט. אויך די ליווריי פון דער דאַמאָלטיקער צייט האָט אָן ספק געהערט צו די טייערע מלבושים.

ווען אַ. פראַנקלין, וועלכער האָט אויסגעגראָבן דעמדאָזיקן אַנאָנס, מיינט אָבער, אַז ה' דאַרטיגאַלאָנג איז געווען דער „ערשטער קאָנפעקציאָנער", לעבט ער אין טעות, אויב ער וויל דערמיט נישט זאָגן: דער ערשטער, וואָס איז אונז באַקאַנט מיטן נאָמען. דער פאַקט פון דער קליידער-קאָנפעקציע איז זיכער פאַר אַ סך אַ פריערער צייט; אויך די פריער געבראַכטע נאָטיץ שטאַמט פון דער צייט וואָס פאַר 1741.

אין לאָנדאָן געפינען מיר שוין אין 17-טן יאָרהונדערט שניידער, וועלכע פאַרקויפן אין די בעסערע שטאָט-טיילן פאַרטיקע בגדים. דערדאָזיקער מנהג האָט געמוזט אויפקומען אין דער מיט פון יאָרהונדערט, וואָרשיינלעך אין יענער אויפגעברויזטער צייט טאַקע, ווען די זיידנוואַרג-הענדלער האָבן פאַרפלייצט די שטאָט „ווי אַ בינשטאָק מיט צערויעטע בינען", ווייל אַ שריפט פון יאָר 1681 באַקלאָגט זיך אויף דערדאָזיקער נייעס: „אַ סך געדענקען נאָך די צייט, ווען מ'האָט נאָך אין לאָנדאָן נישט באַקומען צו קויפן קיין פאַרטיקע קליידער אין קראָמען". די קונדנשניידערס טרעטן אַרויס קעגן די קליידערהענדלער, וועלכע באַצאָלן גרויסע דירה-געלטער אין לוקסוסדיקע דירות.

און גיבן זייער אַריסטאָקראַטישער קונדשאַפט לאַנגע קרעדיטן (הייסט עס, אַז זיי האָבן געהאַט צו פאַרקויפן לוקסוסקליידער!) און באַשעפטיקן אין זייערע וואַרשטאַטן טוצן און אַפילו צו 20 אַרבעטער.

אָבער דאָס הויפט-פעלד, אויף וועלכן עס האָט זיך געקענט אַנטוויקלען די קאַפיטאַליסטישע שניידעריי איז דאָך געווען (ווי היינט נאָך) די פיינע מאָסאַרבעט.

די באַשרייבונג, וועלכע ר. קאַמפּבעל גיט פון דעם געשעפט פון אַ מאָסשניידער אין לאָנדאָן, פּאַסט אָן שום שינוים אויך פאַר יעדן היינטיקן געשעפט פון זעלבן מין: זייער אָפּגעפיינטע קונדשאַפט, וועלכע באַשטעלט מיינסטנס אַרבעט אויף באָרג, זייער גרויסע הוצאות אויף די טייערע שטאָפן און צודאַטן, וועלכע קאָסטן מער, וויפל ס׳מאַכט אויס דער אַרבעטסלוין, דיפערענצירונג פון דער אַרבעט אין הויכקוואַליפיצירטע צושניידאַרבעט און ספּעציאַליזירטע נייאַרבעט. דער צושניידער פאַרדינט גאָר נישקשהדיק: ער באַקומט א חוץ דעם סחורה-אָפּפאַל און די טרינקגעלטער, וועלכע ער באַקומט פון די דזשענטלמענס ביים אָנמעסטן, א גווינע א וואָך; גוטע צושניידער ווערן אַרומגעזוכט. די איבעריקע שניידער זענען „אַזוי צאָלרייך ווי הייגשעריקן" און געווינלעך „אָרעם ווי די מייז"; דריי אָדער פיר חדשים א יאָר זענען זיי אָן אַרבעט, ווי מ׳זעט אמתע פּראָלעטאַרישע עקזיסטענצן. ס׳איז נישט איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די שניידער איז דער ערשטער, וועגן וועלכן מיר ווייסן.

די פיינע דאַמענשניידעריי און די פוצמאַכעריי האָבן שוין אָנגענומען אַ גאַנץ גרויסן פאַרנעם אין 18-טן יאָרהונדערט: מאַריע אַנטואַנעטס שניידערין, וועלכע איז שוין אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן, האָט געמאַכט אַ באַנקראָט מיט אַ פּאַסיוו פון 3 מיליאָן פר.

ד) לעדעראַרבעטער. ווי אין דער שניידעריי קומט אויך אין דער שוסטעריי צו העכערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען צוערשט די פיינע מאָסאַרבעט. אין פּאַריז טרעפן מיר אין

18-טן יאָרהונדערט דעם „מאַגאַזינמייסטער" (וועלכן קאַנטער האָט געשילדערט פאַר ברעסלוי), וואָס אַרבעט בלויז פאַר פאָרנעמע קונדן: „דערדאָזיקער שוסטער טראָגט אַ שוואַרצן ראָק, אַ געפּודערטן פּאַריק און זיין וועסט איז פון זיידנס; ער האָט דעם אויסזען פון אַ רעגיסטראַטאָר"; פונדעסטוועגן נעמט ער נאָך פּערזענלעך אַראָפּ אַ מאָס ביי דער פרוי גרעפין. „זיינע קאָלעגן האָבן שוסטער-קליי אויף די פינגער; זיי טראָגן באַשעדיקטע פּאַרוקן און שמוציקע וועש; אָבער (!) זיי אַרבעטן פאַרן פאָלק, זיי באַשוכן נישט די פיסלעך פון שיינע מאַרקיזינס".

דער זאָטלער, וואָס אַרבעט אויס לוקסוס-געשפּאַנען, איז „באמת אַ באַדייטנדיקער און נוצלעכער געשעפטסמאַן". ער מוז האָבן אַ גרויסע סומע מזומן געלט, „ווייל זיינע מאַטעריאַלן זענען טייער און די פאָרנעמע קונדשאַפט באַצאָלט נישט איר זאָטלער פריער פאַר אַנדערע ליפעראַנטן". דאַמאָלט, אין 18-טן יאָרהונדערט, געפינט זיך שוין דערדאָזיקער געשפּאַן-זאָטלער אויפן וועג צו דער מאַנופאַקטור: ער באַשעפטיקט צאָלרייכע האַנטווערקער, וועלכע זענען נאָך אָבער „זעלבשטענדיק".

אין דער גאַרבעריי-מלאכה עקזיסטירן אין פראַנקרייך אין אָנהייב 18-טן יאָרהונדערט „מאַנופאַקטורן" פאַר פאָלגנדיקע לעדער-סאָרטן, וואָס זייער אויסאַרבעטונג איז איבערגעענטפערט געוואָרן דעם קאַפּיטאַליזם: אונגאַרישע לעדער, ענגלישע קאַלבלעדער, מאַראָקין, געמזע.

דאָסזעלבע הערן מיר וועגן בערלין פון 18-טן יאָרהונדערט: „די אויסאַרבעטונג פון פיינערע לעדער-סאָרטן, ווי סאַפּיאַן, קאָרדואַן, דענישע לעדער, איז אין דער מיט פון 18-טן יאָרהונדערט איינגעפירט געוואָרן אין בערלין דורך פראַנצויזישע עמיגראַנטן, צום טייל אין דער „פאָרם פון גרויסבאַטריבן, וועלכע האָבן דאַן אָפטמאָל אויך אַריינגעצויגן אין זייער טעטיקייט די פאַראַרבעטונג פונם לעדער („דענישע הענטשקעס")".

ה) הוטמאַכעריי. „יעדער מאַנספּערשוין, פון רעגענט ביז דעם פויער, דאַרף האָבן אַ הוט. דאָס מאַכט די הוטמאַכער פאַר האַנטווערקער, אָן וועלכע אַ מלוכה קען זיך נישט באַגיין.

היות אָבער ווי די מײנסטע הוטמאַכערס, באַזונדערס אין קלײנע שטעט, פּאַרטיקן אויס ביליקע און שלעכטע היט פאַר די אונטערשטע קלאַסן און פּערזאָנען פון די הױכע קלאַסן, מלוכה־באאמטע און רײַכע און פאַרמעגלעכע לײַט האַלטן פאַר אַ פּחיתת הכּבוד פאַר זיך צו טראָגן אַזעלכע סאָרטן היט און פאַרלאַנגען פײַנע היט, איז קלאָר, אַז מ'וועט זיך באַמיען, אין לאַנד זאָלן אויך אויסגעאַרבעט ווערן פײַנע היט"...

אַזוי איז מען געקומען אײַנצואָרדנען „פײַנע הוט־מאַנופאַקטורן"; צוערשט אין פראַנקרײַך אין פּאַריז, מאַרסעל, ליאָן, רואַן, קאַנדעבעק און אַז. וו... שוין סוף 17־טן יאָרהונדערט הערן מיר פון אַ באַרימטן הוטמאַכער, וועלכער באַשעפטיקט אין רואַן 19 געהילפן און 12 פון זײ נעמט ער מיט מיט זיך קײן ראָטערדאַם. דערנאָך קומט ענגלאַנד, וווּ עס ווערן געמאַכט, צום בײַשפּיל, אַלע קאַרדינאַלהיט (צו 5 — 6 גווינעעס אַ שטיק). אויך אין דײַטשלאַנד: אין בערלין. דאָ אין בערלין טראָגט די הוטמאַכערײַ ביז סוף 18־טן יאָרהונדערט דורכאויס אַ האַנטווערקער כאַראַקטער, וועלכן זי פאַרלירט נישט (בײַ דער אויסאַרבעטונג פון די געמײנערע סאָרטן) ביז צו דער מיט פון 19־טן יאָרהונדערט. אין 1782 ווערט אָבער געגרינדעט אַ הוטפאַבריק, אין וועלכער עס זענען באַשעפטיקט 37 אַרבעטער און וועלכע פּראָדוצירט פאַר 21.800 רײַכסטאַלער „היט פון אַ אויסגעצײכנטער קוואַליטעט און פײַנקײט" (בעת דער גאַנצער צעך פון די הוטמאַכער, וואָס באַשטײט פון 133 קעפּ, פּראָדוצירט אין זעלבן יאָר בלויז פאַר 45.240 רײַכסטאַלער).

ו) בוי־אינדוסטרי. שוין אין דער צײַט פון די רענעסאַנס־פּויפּסטן ווערן די גרויסע פּאַלאַצן און קירכעס געבויט אין שטרענג קאַפּיטאַליסטישע ראַמען. דער קאָמאַסקע בעלטראַמאַ די מאַרטינאַ פון וואַרעזע, למשל, וועלכער בויט אין דער צײַט פון ניקאָלאַוס V, האָט געהאַט אין זײַן רשות אַ גאַנצע אַרמײ אַרבעטער און באַזעסן גרויסע ציגעלניעס און קאַלכאויוונס אין רוים; יאָר־יערלעך פלעגט ער צוריספּאָדערן פון דער פּויפּסטלעכער קאַסע אַרום 30.000 דוקאַטן. אַ סך שטאַרק־באַשעפטיקטע

בוי-אונטערנעמער האָבן מער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט פּערזענלעך אַכטונג צו געבן איבער אַלע בוי-אַרבעטן, וועלכע זיי האָבן גלייכצייטיק אויסגעפירט: זיי פלעגן זיך דאַן לאָזן פאַרבייטן דורך אַ בוי-אויפזעער; פּילאַרעט באַרעכנט אין זיין טראַקטאַט, אַז אויף יעדע 85 מויערער מוז קומען אַזאַ אויפזעער.

ס'איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס ביים בויען די פראַנצויזישע קעניגלעכע שלעסער אין 17-טן יאָרהונדערט טרעפן מיר שוין גאַנץ קאַפּיטאַל-קרעפטיקע אונטערנעמער. די בוי-רעכנונגען, וואָס אויף זייער באַדייטונג האָב איך שוין אָנגעוויזן און וואָס אַנטפּלעקן פאַר אונז זייער גאַנצן ווערט ערשט אויף דערדאָזיקער שטעלע, דערלויבן אונז נאָכצופאָלגן די איינצלנע ביי די בוי-אַרבעטן באַשעפטיקטע בעל-מלאכות און געניי פעסטצושטעלן, וועלכע לוינען זיי באַקומען פאַר זייער אַרבעט. דערפון לאָזט זיך נאַטירלעך לייכט דערקענען זייער געשעפטפאַרנעם, זייער אַנט-וויקלונג אין משך פון מערערע יאָרן. דאָס בילד, וועלכעס מיר באַקומען אויפן גרונד פון דידאָזיקע ידיעות וועגן דער בוי-אינדוסטריי צום סוף 17 און אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט אין פאַריז, זעט אומגעפער אויס אַזוי:

מויערריי און טשעסלעריי זענען שוין (נאָר דאַן, נאַטירלעך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די גרויסע מאָנומענטאַל-בנינים) גרויס-קאַפּיטאַליסטיש אָרגאַניזירט.

אין ביידע מלאכות שטויסן מיר זיך כסדר אָן אויף דיזעלבע פירמעס, וועלכע זענען מייסטנס פאַרטרעטן דורך צוויי שותפים און וועלכע ווערן אויסדריקלעך אָנגערופן: „אונטערנעמער פון נייע געביידעס פון לוווור", „אונטערנעמער פון טשעסלעריי-אַרבעט פון דער לוווור בוי-אַרבעט" און אז. וו. אין יאָר 1664 טרעפן מיר די גרויסע בוי-געשעפטן: זשאַק מאַציער עט פּיער בערגעראָן, וועלכע באַקומען אויסגעצאָלט פאַר מויערריי-אַרבעטן אין איין יאָר 861.330 ל., אין צווייטן 610.600 ל. ביים לוווור און 200.965 ל. אין ווערסאַל; מיר טרעפן דאָ פּאָנסעלעט קליקען עט פּאָל שאַרפּאַנטיע מיט 100 ביז 150.000 פר. צו וועלכע

עס קומען צו אין משך פון די יאָרן אַ האַלבע טוץ אַנדערע אונטערנעמער.

נעבן דידאַזיקע צווײ הויפּט-בוי-מלאכות פאַרנעמט אַן אָרט די דאַכדעקערײ, וואָס האָט שוין אויך דורכגעמאַכט אַ שפּאָר שטיקל וועג צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. איך פּאָלג נאָך אַ געוויסן ש. איוואַן און כ׳געפין איין, אַז ער פירט אויס אין יאָר 1664 אַרבעטן אין לוווּר, אין סט. זשערמען און אין ווערסאַל, פאַר וועלכע ער באַקומט 49.900 ל. אומגעפער פון דערזעלבער גרויס איז אויך די פירמע זשאַן פּיללאַר עט קלאָד פּרעסנאַ, וועלכע הייסן: „דאַכדעק-מייסטער, אונטערנעמער פון דאכדעקערײ- און בלײ-אַרבעטן.

די איבעריקע בוי-מלאכות: סטאָלערײ, שלאָסערײ, גלעזערײ א. אַז. וו. געפינען מיר אין אָנהויב פון אונזער עפּאָכע אין האַנטווערקערישן צושטאַנד; דאָ אַרבעטן, זעט אויס, פאַרמעגלעכע מייסטערס מיט אַ האַלבער טוץ געזעלן און לערנײנגלען: אָפּט 10 אָדער 20 גלײכצײטיק בײ איין בנין, מיט אַן אַלגעמיינער יאָר-רעכנונג פון אַ פּאָר טויזנט ליוורס ביז העכסטנס (די סטאָלאַרעס) 20.700 ל., אויב מיר ווילן נישט אָננעמען, אַז די פיר סטאָלאַרעס, וועלכע האָבן אין 1666 באַקומען אַ סומע פון 63.000 ל., און אַנדערע פיר, וועלכע האָבן באַקומען אַ סומע פון 59.000 ל. און 16.317 ל. זענען געווען איין-איינציקע פירמע; דאַקעגן אַרבעטן זיך אַרויף אַ פּאָר שלאָסערס, אין די שפּעטערע יאָרן, צו קליינקאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען: עס זעט כמעט אויס, ווי פון מיטן 17 ביז אָנהויב 18 יאָרהונדערט, וואָלט פאָרגעקומען (אונטערן איינפלוס פון דער שטאַרקער בויטעטיקייט פון קעניג און פון זיינע גראַנדן) אַ „קאָנצענטראַציע“: אין יאָר 1715 ליפערט אַ געוויסער פראַנסואַ קאַפּען, אַ שלאָסער, פאַר 51.578 ל. 11 ס.: דערפון לאָזט זיך אַרויסדרינגען, אַז ער האָט מינדעסטנס באַזעסן אַ באַטריב פון 12—15 און אפשר נאָך מער געהילפן, ווען די סומעס, וועלכע זענען דאָ פאַרצייכנט, וואָלטן אַפילו געווען די איינציקע ליפערונגען זיינע.

דאָס בילד, וועלכעס עס וואַרפט אַן פאַר אונז מערסיע

וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער בוי-אינדוסטרי אין פּאַריז סוף 18-טן יאָרהונדערט, טראָגט אַ בולטן גרויס־קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער, אויף וויפל עס קומען אין באַטראַכט די גרויסע לוקסוס־בנינים. *מערסיע* אונטערשטרייכט אַפילו נישט אויף יענער שטעלע, אַז ביי דידאָזיקע גרויסע בוי-אונטערנעמער האַנדלט זיך וועגן לוקסוס-בנינים; מיר ווייסן אָבער פון פריערדיקע באַריכטן פון זעלבן אינפאָרמאַטאָר, אַז די בוי־געשיכטע פון דאַמאלטיקן פּאַריז איז באַהערשט געווען פון די לוקסוס-בנינים פון די רייכע פינאַנסיסטן.

ז) די *קאָטשמאַכערי*, אָבער אויך די *טאַפּעצירעריי* און די *זאָטלעריי* פאַרייניקן זיך אין משך פון דער פריקאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע צו אַ נייער קאַפּיטאַליסטיש־געפירטער לוקסוס-אינדוסטרי: די *קאָטשבויעריי*. די קאָטשבויעריי האָט זיך שוין אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט געפונען אויפן האַלבן וועג צו אַ פולשטענדיקער מאַנופאַקטור. אין איר העכסטער פאָרם (אין לאָנדאָן) פאַרייניקט זי אין אייגענעם וואַרשטאַט די יעניקע אַרבעטן, וועלכע אַרבעטן אויס דעם וואָגן-קאַסטן צוזאַמען מיטן לעדער-באַצוג און די אויסבעטעכטס, און באַשעפטיקט מחוץ דעם הויז: דעם שניצעריי־אַרבעטער, דעם ראָד-מאַכער, דעם גיסער (פאַר די ראָד-באַשלאָגונגען און אַז. וו.), דעם לעדער־אַרבעטער, דעם שמיד. דעם געשפּאַן-מאַכער.

אָבער אויך אין דערדאָזיקער האַלב־פּאַרטיקער געשטאַלט פאָדערט שוין די קאָטשנמאַכעריי „אַ גרויסע סומע מזומן געלט”, און נישט צולעצט צוליב די לאַנגע צאָלונג־טערמינען, אויף וועלכע מ׳גיט סחורה דער פאָרנעמער קונדשאַפט. ווייל די קאָטשנבויער האָבן צו טאָן בלויז מיטן אַדל און מיט מענטשן פון הויכן ראַנג, ביי וועלכע עס איז נישט קיין זעלטנהייט, אַז זיי באַצאָלן אינגאַנצן נישט.

אגב האָט די קאָטש-אינדוסטרי גראָד אין יענער צייט אין ענגלאַנד איבערגעלעבט אַ גרויסן בלי־פּעריאָד. ווייל דער אַדל האָט דאַן שטאָלצירט מיט אָנפירן אַליין די קאָטש. דאָרט, וווּ עס האָבן נאָך מיט אַ מענטשנאַלטער צוריק געלעבט נישט מער,

ווי אַ פּאָר טוץ קאָטשנבויער (צען אָדער צוועלף אין דער סיטי און נאָך נישט אַזויפיל אין לאָנדאָנס אַנדערע שטאָט-טיילן), האָבן איצט די קאָטשנבויער זיך צוזאַמענגעשלאָסן צו אַ געזעלשאַפט און באַזעצט גאַנצענע גאַסן.

ח) די (מעבל)-סטאָלעריי האָט פון תמיד אָן אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ דורכצוברעכן די גרעניצן פון האַנטווערק, ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן לוקסוס-געגנשטאַנדן. מיר געפינען שוין דעריבער פּריצייטיק — צ. ב. אין אויגסבורג אין 16-טן יאָרהונדערט, — אַז די לוקסוס-סטאָלעריי, וואָס מאַכט „פיינע אַרבעט" ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דעם „געמיינעם האַנטווערק". בעת די סטאָלעריי-מייסטערס מעגן באַשעפטיקן בדרך כלל בלויז איינעם, זייט 1549 צוויי געזעלן, האָט מען זיך געזוכט צו באַפרייען פון דערדאָזיקער באַשרענקונג דאַן, ווען מ'האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַ גרעסערע „פּאָרנעמע אַרבעט".

אין 17-טן יאָרהונדערט נעמט אָן די לוקסוס-סטאָלעריי גרויסבאַטריבלעכע פאָרמען, וועלכע אַנטוויקלען זיך נישט צוערשט אין קאַפּיטאַליסטישע ראַמען, נאָר זיי ווערן פּראָטעזשירט פון קעניגטום, פון דער מלוכה. ס'איז אַלעמען באַקאַנט, אַז אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער קונסט-מעבל-פּראָדוקציע ביז צו די פאַרייניקטע וואַרשטאַטן פון אונזער צייט, איז די „קעניגלעכע מאַנופאַקטור פון גאָבעלענען", וועלכע קאָלבערט האָט געבראַכט צו אַ הויכער מדרגה. אין איר איז געשאַפן געוואָרן אַלץ, וואָס האָט געדינט אויף אויסצוצירן די קעניגלעכע שלעסער, ד. ה. נישט נאָר די מעבל פון שוואַרצן האָלץ, פון טשערעפּאַכע און פאַרביקע האָלץ-אַרטן און זייערע שניצערייען און אינטאַרזיען (האָלץ-מאָזאַאיקעס), נאָר אויך די וואַנט- און פוס-טעפּיכער, די ליוסטרעס און קאַנדעלאַברעס פון בראָנז און קריסטאָל; די זילבערנע און גאָלדענע כלים, וואָס זענען געציירט געוועזן מיט איידלשטיינער און אַז. וו.

עס איז נישט דאָ דער אָרט צו שילדערן, וויאַזוי עס זענען געשאַפן געוואָרן די וווּנדערווערק פון לואי דעם XIV סטיל. אין דידאָזיקע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט אונטער

דער אָנפירונג פון באַדייטנדיקע קינסטלער: לעברון איז אַ לאַנגע צייט געווען דירעקטאָר, באַדאָנין איוואַרד, וואַן דער מוילען, באַפּט. מאָנואַיע און אַנד. האָבן דאָרט געאַרבעט אַלס מאַלער, די ברידער אַנגיע, קואַזעוואַקס, טיובי אַלס סקולפּטאָרן, אָדראַן, רוסעלע, לעקלערק אַלס קופּערשטעכער — מיט אַ געוואַלדיקער מחנה אַרבעטער: אין דער טעפּיכער־אָפּטיילונג אַליין זענען באַשעפטיקט געווען 250 פּערזאָן. (אַ געשיכטע וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער קונסט־מלאכה וואָלט געווען זייער אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע פאַר טאַלאַנטירטע מענטשן.) פאַר אונז איז גענוג אָנצוווייזן, אַז דאָ האָט אייבער פון די גרעסטע לוקסוס־קאָנסומען אַרויסגערופן אויך איינע פון די גרעסטע איבערקערענישן אין דער מלאכה־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דערנאָך געמוזט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. ווייל לויטן מוסטער פון דער קעניגלעכער מאַנופאַקטור פון גאבעלענען זענען אַנטשטאַנען אומעטום, ווו ס'איז געווען אַ קאָנסום־צענטר פון לוקסוס־מעבל, קאַפּיטאַליסטישע קונסט־סטאָלערייען. אין פראַנקרייך גופא האָבן מיר אין שאַרל בולס באַרימטער אונטערנעמונג דעם ערשטן ביישפּיל פון אַ פולשטענדיקער קונסט־מעבל־מאַנופאַקטור. בול, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיינע פיר זין אָרגאַניזירט די אַרבעט און האָט צוערשט פּראָדוצירט בלויז פאַרן הויף און דערנאָך אויך פאַר דער פאָרנעמער געזעלשאַפט מחוץ דעם הויף, האָט אויסגעאַרבעט אַלערליי מעבל פון בראָנז און האָלץ אַלס זייגערקעסטלעך, שרייב־טישן, קאָמאָדעס, קיך־שאַפעס, ליוסטרעס, קאַסטנס, עטאַזשערעס און אַז. וו. ער איז טעטיק געווען פון 1672—1732; 1720 (דרום־ים־שווינדל!) האָט דער ווערט פון די אָנגעהויבענע מעבל־שטיק אין זיינע וואַרשטאַטן (וועלכע האָבן זיך געפונען אין לוווּר) אויסגעמאַכט 80.000 ל.

אין גאַנץ גרויסן סטיל האָבן געפירט זייער געשעפט די באַרימטע ענגלישע קונסט־סטאָליאַרעס: די שעראַטאָן, טשיפּענדאַל.

אויך אין דייטשלאַנד איז די לוקסוס־סטאָלעריי קאַפּיטאַ־

ליסטיש און גרויסבאַטריבלעך אָרגאַניזירט שוין אין 18-טן יאָרהונדערט (און נאָר זי אַליין, ווייל דער האַנטווערקערישער כאַראַקטער פון די געוויינלעכע מעבל-סטאָלערייען האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז טיף אין 18-טן יאָרהונדערט אַריין.) איינע פון די פריסטע קאַפּיטאַליסטישע סטאָלערייען איז ביי אונז די סטאָלעריי אין מאַינץ, וועלכע אַנטוויקלט זיך אַלס לוקסוס-סטאָלעריי אַ דאַנק דעם פּראַכט-ליבנדיקן קורפירשטלעכן הויף.

און אויפן זעלבן אופן קומט פאָר די אַנטוויקלונג אין צאָלרייכע אַנדערע האַנטווערקערייען:

די פּאַזומענטירער אין בערלין זענען סוף 18-טן יאָרהונדערט אַ בליענדיקער האַנטווערק: 259 מייסטערס באַשעפטיקן 248 געזעלנס און 170 לערניינגלעך. „דאַקעגן די רייכע אַרבעט מיט באַנוצונג פון גאָלד- און זילבער-דראָט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער גאָלד- און זילבער-מאַנופאַקטור אַלס הויז-אינדוסטרי און דורך די פּאַזומענטירער אַלס אירע היים-אַרבעטער".

די געוויינלעכע פּאָמאַדע ווערט אויסגעאַרבעט אין 18-טן יאָרהונדערט דורך די פריזירער; דאַקעגן עקזיסטירן צוויי פאַבריקן פאַר שמינקע און פאַר „פּאָמאַדע צום האָר-וווקס".

די זייפנקאָכער לעבן זיך רויק און צופרידן, ביז אין איין שיינעם טאָג ווערן דערפונדן לוקסוס-זייפן. „די פאַבריק-סיסטעם הויבט זיך אָן מיט דעם אויפקום פון לוקסוס-זייפן". אין 18-טן יאָרהונדערט איז דער פּראָדוקציע-געביט צווישן האַנטווערק און קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג געווען שאַרף אָפּגעגרענעצט צווישן זיך: דער האַנטווערק האָט אויסגעאַרבעט די איינפאַכע זייפן, די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג די פיינערע, ווי די מאַרסעלער זייפן און אַז. וו. אין מאַרסעל אַליין, וווּ ס'האָט זיך צו יענער צייט געפונען דער צענטער פון לוקסוס-זייף-פאַבריקאַציע, האָבן אין יאָר 1760 38 פאַבריקן געהאַט 170 קעסלען און 1000 אַרבעטער.

דער עלעגאַנטער זייף-קאָכער אין לאָנדאָן האָט נויטיק געהאַט אַן אָנהויב-קאַפּיטאַל פון 2—3000 פ"ש.

איך מיין אָבער, אַז כ'האָב שוין געבראַכט גענוג ביי־שפּילן. מיר וועלן בעסער צום סוף פון אונזער אָפּהאַנדלונג אויס־פאָרשן די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דערדאָזיקער אין ברייטן פאַרנעם איינהייטלעכער אַנטוויקלונג פון דער האַנטווערק־פּראָדוקציע.

## 4. די רעוואָלוציאָניזירנדיקע קראַפט פון לוקסוס־קאָנסום

וואָס האָט געטריבן דעם האַנטווערק צום קאַפּיטאַליזם, נאָך איידער דאָס האָט געטאָן די טעכניק? וואָס איז די סיבה, וואָס דאָ ווערט דער האַנטווערק אויפגעהויבט, און דאָרט ווערט ער פאַרביטן דורך אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע?

די פאַרטרעטער פון דער הערשנדיקער מיינונג ענטפערן אויף דעם: די געאָגראַפישע אויסשפּרייטונג פון אָפּזאַץ־מאַרק טראָגט די שולד דערפאַר, וואָס דער קאַפּיטאַליזם באַקומט די איבערהאַנט איבער דער געווערבלעכער אַרבעט, ווי כ'האָב דאָס שוין געשילדערט אויבן. אָבער איך זאָג: דער איינפלוס, וועלכן עס האָט אויף דער אָרגאַניזאַציע פון דער האַנטווערק־פּראָדוקציע די אויסבילדונג פון אַ שטאַרקן לוקסוס־קאָנסום, איז אַ סך באַ־דייטנדיקער. דערדאָזיקער לוקסוס־קאָנסום איז דעריבניקער, וואָס עפנט אין צאָלרייכע פאַלן (נישט אין אַלע!) די טיר פאַרן קאַ־פּיטאַליזם, כדי ער זאָל אַריינמאַרשירן אין דער רויקער שטאָט פון האַנטווערק. מיינע אויספירן, האָף איך, באַווייזן די ריכטי־קייט פון מיינע מיינונגען.

ווען מען וואָלט מיר אָבער אָפּגעפרעגט: דו האָסט אַ טעות; יענע מלאכות, וועלכע דו האָסט ריכטיק באַצייכנט אַלס לוקסוס־אינדוסטריען און וועלכע זענען אין דער אמתן צום פריסטן פאַרכאַפּט געוואָרן פון קאַפּיטאַליזם, פאַלן אַרונטער אונ־טער דערדאָזיקער הערשאַפט נ י ש ט ווייל זיי זענען לוקסוס־אינדוסטריען, נאָר ווייל זיי זענען עקספּאָרט־אינדוסטריען. ווייל דידאָזיקע איינגעשאַפט האָבן זיי אַלע.

דאַן וואָלט איך געענטפערט: האָסט אַ טעות, פרײַנט. די האָסט אַ טאָפּלטן טעות:

1. זענען גאָרנישט אַלע קאַפּיטאַליסטיש-אָרגאַניזירטע לוקסוס-אינדוסטריען עקספּאָרט-אינדוסטריען, איך דערמאָן אײַך די מעבל-, די קאָטשן-, די טעפּיכער-מאַנופאַקטורן, די לוקסוס-שנײַדערײַ און שוסטערײַ. דאָס אַלץ איז „לאָקאַלע“, מײַנסטנס אַפילו עכטע „קונדנפּראָדוקציע“.

2. זענען גאָרנישט אַלע עקספּאָרט-מלאכות קאַפּיטאַליסטיש. אין משך פון גאַנצן מיטלאַלטער האָבן עקזיסטירט צאָלרײַכע מלאכות מיט אַן אינטערלאָקאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן אָפּזאַץ. און אַזעלכע עקספּאָרט-מלאכות האָבן זיך אויפגעהיט ביז צו דער נײַער צײַט. נאָך אין אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט זענען די וואָלוועבערײַען אין יאָרקשיר, די לײַנענוועבערײַען אין שלעזיע געווען לחלוטין האַנטווערקעריש אָרגאַניזירט, כאָטש זיי האָבן בײדע געאַרבעט פאַרן וועלט-מאַרק.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די געאָגראַפישע אויסשפּרײטונג פון אָפּזאַץ-געביט קען נישט גילטן אַלס אַנטשיידנדיקער גרונט, וועלכער ברענגט צו הערשאַפט דעם קאַפּיטאַליזם אין אַנדערע מלאכות.

מײַן מײַנונג, אַז דער דאָזיקער אַנטשיידנדיקער גרונט ליגט אין דער אויסשפּרײטונג פון לוקסוס-קאָנסום און די אויסגע-רעכנטע מלאכות זענען באַהערשט געוואָרן דורכן קאַפּיטאַליזם, ווײַל זיי זענען לוקסוס-אינדוסטריען, פאַרטײדיק איך אויפן פאָלגנדיקן אופן:

די סיבות, צוליב וועלכע אַ לוקסוס-מלאכה איז בעסער צוגעפּאַסט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען זוכן:

1. **אין דער נאַטור פון פּראָדוקציע-פּראָצעס.** דער לוקסוס-אַרטיקל פאָדערט כמעט תמיד אַ קאָסטבאַרן **רוי-שטאָף**, וועלכער מוז אָפּט געבראַכט ווערן פון דער ווײַט.

דאָס הייסט: די אויבערהאַנט פון רײַכערן און קויפמעניש-געבילדעטערן מאַן: ווען די פּאַריזער שפּינערינס שפּינען שוין

אין 13-טן יאָרהונדערט אויף לוין-באַדינגונגען פֿאַר אַ מערסיע זייד, וועלכן דערדאָזיקער פֿאַרקויפֿט דאַן אין שטאָט, בעת פֿלאַקס און וואָל באַאַרבעטן נאָך די פּויערים „אויף אייגענער האַנט“ אין יאָרהונדערטן אַרום: וואָס פֿאַר אַן אַנדער סיבה האָט אין דאָזיקן פֿאַל די הויז-אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע, אויב נישט דעם, וואָס נאָר דער מערסיע באַקומט דעם טייערן רוישטאָף?

מייַנסטנס איז אָבער אויך דער *ארבעטס-פּראָצעס*, דורך וועלכן עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ לוקסוס-אַרטיקל, אַ סך טייערער ווי דער, דורך וועלכן עס ווערט פּראָדוצירט דער געוויינלעכער אַרטיקל. *דעמאָלט*, הייסט, פֿאַרשטייט זיך, איז דאָס שוין נישט דער פֿאַל! דערמאָנט זיך נאָר די אַמאָליקע טעקסטיל-אינדוסטרי (פֿאַרבערייַ! אַפּרעטור!); די גלאָז- און פֿאַרצעלייַ-פּראָדוקציע; די טעפּיכער-שטריקערייַ אָדער וועבערייַ; די שפּיגל-פּראָדוצירונג; מיט איין וואָרט די מייַנסטע פּראָצעסן פֿון די לוקסוס-אינדוסטריען. אַלזאָ נאָכאַמאָל: די איבערהאַנט פֿון „קאַפּיטאַל-קרעפּטיקן“ מאַן. אָבער דער פּראָדוקציע-פּראָצעס איז ביי דער אויסאַרבעטונג פֿון לוקסוס-אַרטיקלען נישט נאָר טייערער: ער איז מייַנסטנס אויך קונסטפֿולער, קאָמפּליצירטער, ער פֿאָדערט מער ידיעות, מער דיספּאָזיציע-טאַלאַנט: דאָס איז די סיבה, צוליב וועלכער עס ווערן אויסגעטיילט די טיכטיקסטע, אין דאָזיקן זין: די בעסטע פֿון דער מאַסע, וועלכע זענען דורך זייערע מעלות פֿעיק צו פֿאַרנעמען די שטעלעס פֿון די נייע, צו אָנפֿירונג און אָרגאַניזאַציע-באַרופֿענע ווירטשאַפֿטס-סוביעקטן. אָבער די מעלות פֿון לוקסוס-אַרטיקל ווערן אָפֿטמאָל דערגרייכט נאָר דאַן, ווען דער ארבעטס-פּראָצעס איז שוין דורך קאָאָפּעראַציע און ספּעציאַליזאַציע דערפֿירט צו אַ הויכער שטופֿע: די קאַפּיטאַליסטישע מאָס-שניידערייַ גיט אַרויס קוואַליטעט-סחורה בלויז דערפֿאַר, ווייל זי מאַכט נוצלעך פֿאַר אַ גרויסער מאַסע פֿון דורכשניטלעכע שניידערס די הויכוועטיקע אַרבעט פֿון טאַלענטירטן צושניידער. אָבער אַ דיפֿערענצירונג פֿון הויכווערטיקע לייסטונגען איז בלויז מעגלעך אויף אַ ברייטערן פּראָ-

דוקציע-באַזיס, וועלכע עס שאַפט ערשט די באַטריבס-אָרגאַניזאַציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג.

2. ליגן די סיבות, וועלכע טרייבן די לוקסוס-מלאכות צו קאַפּיטאַליזם גיכער ווי די אַנדערע, אין דער נאַטור פון אַפּזאַץ. איך וויל נישט איבערטרייבן דעם געדאַנק, וועלכן מיר האָבן שוין פריער באַגעגנט און וועלכער איז אונטערן „אַנטיען רעזשים" (אַלטער רעזשים) געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג: אַז די סעניאָריאַלע נאָכלעסיקייט ביים באַצאָלן ברענגט מיט זיך אָפטע פאַרלוסטן פאַר די פּראָדוצענטן פון לוקסוס-סחורות, אָבער יעדנפאַלס פאָדערט עס אַ ברייטערן קאַפּיטאַל-באַזיס, ווי געוויינלעך.

וויכטיקער דאַקעגן קומט מיר פאָר דער אומשטאַנד, וואָס דער אַפּזאַץ פון לוקסוס-אַרטיקלען איז אונטערגעוואָרפן אַ סך גרעסערע קאָניונקטור-וואַקלענישן, ווי די מאַסנגעברויכס-אַרטיקלען. די געשיכטע פון אַלע לוקסוס-אינדוסטריען לערנט דאָס אונז: די קאַפּריזן פון די רייכע לייט, ביי וועלכע די „מאָדע" הויבט אָן צו באַהערשן דעם געשמאַק אין משך פון דער פריקאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, בייטן זיך שנעל. און דידאָזיקע ראַשע ענדערונגען רופן פון איין זייט אָפט אַרויס אָפּזאַץ-סטאַגנאַציעס און פאָדערן פון דער צווייטער זייט פון פּראָדוצענט אַ זייער שטאַרקע באַוועגלעכקייט פון גייסט, כדי ער זאָל קענען כסדר צופּאַסן זיין פּראָדוקציע צו די נייע פאָדערונגען. און די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַ סך גיכער אומשטאַנד סיי אויסצוהאַלטן אומגינסטיקע קאָניונקטורן און סיי אויסצונוצן די גינסטיקע, איידער די האַנטווערקעריי.

צו דידאָזיקע אַלגעמיינע סיבות, וועלכע ליגן אין „דער נאַטור פון דער זאַך" קומט נאָך צו

3. דער היסטאָרישער גרונט, וואָס אַלע לוקסוס-אינדוסטריען בעתן אייראָפּעישן מיטלאַלטער זענען געשאַפן געוואָרן קינסטלעך, אָדער דורך די פירשטן אָדער דורך אונטערנעמונגסלוסטיקע פרעמדע. דער פרעמדער שפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָל ביי דער אַנטשטייאונג פון דער מאָדערנער אינדוסטרי

(ווי איך וועל דאָס געניי באַהאַנדלען אויף אַן אַנדער אָרט): אָנהויבנדיק פון די הומיליאַטן, וועלכע גרינדן אין פלאָרענץ די טוך-אינדוסטרי, ביז די פראַנצויזישע עמיגראַנטן, וועלכע זענען די פאָטערס פון דער בערלינער אינדוסטרי, ציט זיך אַ נישט-אונטערגעבראָכענע קייט פון וואַנדערונגען פון אינדוסטריעלער און זייערע אינדוסטריעלע גרינדונגען אין דער פרעמד. אָבער אַלץ, וואָס זיי גרינדן, זענען כמעט תמיד לוקסוס-אינדוסטריען, וואָס זייער אַנטוויקלונג איז טאַקע קודם כל געווען צום האַרצן פון די לאַנדהערן.

אָבער דידאָזיקע אַלע אינדוסטריען, וועלכע ווערן באַוווּסט-זיניק געשאַפן דורך פרעמדע, טראָגן אויף זיך פון אָנהויב אָן אַ ראַציאָנאַלן שטעמפּל. זיי אַנטשטייען מייסטנס מחוץ די אַלטע צעך-גרעניצן און אָפט אין קעגנזאַץ צו די אַלטאייַנגעוואָרצלטע אינטערעסן פון די היימישע האַנטווערקער. ביי זייער אייַנאָרדנונג רעכנט מען זיך מיט קיין זאַך נישט, אַחוץ מיט דער צוועקמעסיקייט און דעריבער בילדן זיי צוערשט דעם באָדן אויף וועלכן עס אַנטוויקלט זיך די נייע, עקאָנאָמיש העכערעווירטשאַפטס-סיסטעם.

אָבער דער וויכטיקסטער פאָרבאַדינג, וואָס האָט געמוזט דערפילט ווערן, כדי דידאָזיקע ווירטשאַפטסיסטעם זאָל קענען עקזיסטירן, איז געווען אַזאַ אָפּזאַץ, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיין וועזן. אָבער היות (לעצטע סיבה!)

4. די אַנדערע מעגלעכקייט פון אַ גרויסן אָפּזאַץ: דער מאַנסאָפּזאַץ פון מינדערווערטיקע אַרטיקלען אָדער דער אָפּזאַץ פון גרויסע צוזאַמענגעזעצטע אַרטיקלען איז, מייסטנס, אַנטשטאַנען אַ סך שפּעטער, איז פאַרן געלט-פאַרמעגן, וואָס האָט געשטרעבט זיך פאַרוואַנדלען אין קאַפּיטאַל, געבליבן בלויז איין אויסוועג: אינוועסטירן זיך אין לוקסוס-מלאכות.

אַזוי אַרום האָט דער לוקסוס, וואָס איז אַליין געווען, ווי מיר האָבן אויפגעוויזן, אַ לעגיטים קינד פון דער אילעגיטימער ליבע, געבוירן דעם קאַפּיטאַליזם.